STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10488

# OYSGEVEHLTE SHRIFTN

Arthur Schnitzler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארטור שניצלער

# אויסגעוועהלטע שריפטען

אין צוויי בענד.

באַנד 2.

## ערצעהלונגען און דראמאטישע שריפטען.

ליטעראַרישער פערלאג, ניו יאָרק.
1918.

# די טוידטע שווייגען.

לענגער בלייבען זיצען רוהיג אין וואגאן האט ער נישט געקענט; ער איז ארויסגעגאנגען און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אהין און צוריק. ס'איז שוין געווען דונקעל; די עטליכע לאמטערנען-פייער'ן אין דער שטילער, אין דער זייט ליגענדער גאס, האבען זיך געוויגט אהין און אהער, געטריבען פון ווינד. עס האט אויפגעהערט צו רעגנען; די טראטוארען זענען שוין געווען כמעט טרוקען, נאר די נישט-געפלאסטערטע טיילען פון גאס זענען נאך פייכט געווען, און אין איינצעלנע ערטער האבען זיך אויסגעבילדעט קליינע לוזשעס.

מאדנע, האט געטראכט פאר זיך פראנץ, ווי מ'קען זיך דא, אינגאנצען הונדערט שריט פון דער גרויסער פראטער-גאס, פיהלען פונקט, ווי אין א קליינינקען אונגארישען שטעדטעל. סיי-ווי-סיי — דא קען מען וועניגסטענס רוהיג זיין; דא וועט זי קיינעם פון איהרע בעקאנטע נישט טרעפען.

ער האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער... זיבען — און שוין איז נאכט.

דער הערבסט איז אין דעם יאהר אנגעקומען פריהער. און דער שרעקליכער שטורם-ווינד!

ער האט אויפגעשטעלט דעם קאלנער און אנגעהויבען שנעלער צו געהן אהין און צוריק.

די שייבען פון די לאמטערנעס האבען זיך געטרייסעלט פון ווינד.

נאך א האלבע שעה, — האט ער געזאגט צו זיך — דאן, אויב זי וועט נישט קומען, וועל איך קענען אוועקגעהן. אה — איך וואלט כמעט צופרידען זיין, ווען עס וואלט זיך אזוי אויסלאזען.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין ווינקעל; פֿון דאַנען האָט ער געקענט זעהן ביידע גאַסען, פֿון וועלכע זי האָט געקענט קומען.

— יאָ, היינט וועט זי בעשטימט קומען, — האָט ער געטראַכט, צוהאַלטענדיג פֿעסט דעם הוט זיינעם, וועלכער איז געוועזן בערייט איהם אַראָבצופֿליהען פֿון קאָפּ.

— היינט איז פֿרייטאָג, — דער טאָג פֿון די געוועהנליכע זיצונגען, וואָס עס האַלט אָב דער פּראָפֿעסאָרען־ראַט — היינט וועט זי זיך שוין וואַגען אַרויסצורייסען פֿון שטוב און וועט אפשר קענען בלייבען דאָ לענגער אַביסעל.

ער האָט דערהערט דאָס קלינגען פֿון דיזעם שטאָרטישען טראַמוויי; איצט האָט אויך אָנגעהויבען קלינגען דער גלאָק פֿון דער נאָהנטער קירכע. די גאַס איז אַ ביסל לעבעדיגער געוואָרען. עס האָבען אָנגעהויבען דורכגעהן פֿערביי איהם פֿערשידענע מענשען; די מעהרסטע פֿון זיי, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, פּריקאַשציקעס פֿון די מאַגאַזינען, וואָס ווערען געשלאָסען זיבען דעם זייגער.

אַלע זענען געגאַנגען שנעל און האָבען אַזוי ווי געקעמפֿט מיט'ן ווינד, וואָס האָט זיי שווער געמאַכט דעם וועג און נישט געלאָזען געהן פֿאָרוועגטס. קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, נאָר איין פּאָר פּריקאַשציקעס האָבען מיט אַ לייכטער נייגיריגקייט איהם אַ קוק געטאָן אין פּנים. — פּלוצלונג האָט ער דערזעהען אַ בעקאַנטע געשטאַלט צוגעהענדיג צו איהם. ער איז אַנטקעגען געלאָפֿען. צו־פֿוס? — האָט ער געטראַכט: איז עס נישט זי?

זי איז עס געוועזן; דערזעהענדיג איהם, האָט זי אָנגעהויבען שנעלער צו געהן.

— דו ביסט אַזוי געקומען צו־פֿוס? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך האָב אָבגעלאָזען דעם איזוואָשציק נאָך ביי'ם קאַרל־טעאַטר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין שוין איין מאָל געפֿאָהרען מיט דעם זעלבינען איזוואָשציק.

אַ העררר איז פֿערביי־געגאַנגען און האָט געוואָרפֿען אַ פֿלינקען בליק אויף דער יונגער דאַמע. איהר בעגלייטער האָט איהם שאַרף, כמעט מיט שרעק אָנגעקוקט; דער העררר

איז שנעל וויַיטער געגאַנגען. די יונגע דאַמע האָט איהם נאָכגעקוקט.

— ווער איז עס געווען? — האָט ער זי צורודערט געפֿרעגט.

— איך קען איהם נישט. דאָ וועסטו קיין בעקאַנטע נישט טרעפֿען, דו קענסט גאַנץ רוהיג זיַין. — אָבער איצט קום שנעלער; מיר וועלען זיך אַריַינזעצען אין עקיפּאַזש.

— איז עס דען דיַין דראָזשקע?

— יאָ.

— אַנ'אָפֿענע?

— מיט אַ שעה צוריק איז דער וועטער געווען נאָך אַזוי שען.

זיי זענען שנעל צו צו'ם עקיפּאַזש; די יונגע פֿרוי האָט זיך אַריַינגעזעצט.

— קוטשער! — האָט אויסגעשריען דער יונגער מענש.

— וואו איז ער דען? האָט געפֿרעגט די יונגע פֿרוי, פֿראַנץ האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זיַיטען.

— דאָס איז איַינפֿאַך נישט צו גלויבען, האָט ער אויסגעשריען, דער קוטשער האָט זיך ערגעץ פֿערשטעקט, און מ'זעהט איהם נישט.

— אַח, גאָט מיַינער! — האָט זי לאַנגזאַם אויסגערופֿען.

— זיַי געדולדיג איין מינוט, קינד, ער איז געוויס דאָ ערגעץ.

דער יונגער מאַן איז צו־געגאַנגען צו דעם נאָהנטען טראַקטיר און האָט געעפֿענט די אַריַינגאַנגס־טהיר. דאָ איז ביַי אַ טיש געזעסען דער קוטשער, מיט נאָך עטליכע חברים; דערזעהענדיג דעם יונגען מענשען האָט ער זיך ראַש אויפֿגעהויבען.

גלייך, גנעדיגער העער! האָט ער געזאָגט און אויסגעטרונקען שטעהענדיג זיַין גלאָז וויַין.

— וואָס ערלויבט איהר זיך עס? —

— ענטשולדיגט, גנעדיגער העער! אָט בין איך שוין פֿערטיג. און זיך וואַקלענדיג אַביסל איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו די פֿערד.

— וואוהין פֿאָהרען מיר, גנעדיגער העער?

— פראַטער־לוסטהויז.

דער יונגער מאַן האָט זיך אַרייַנגעזעצט אין דראָזשקע. די יונגע פרוי האָט זיך פערשטעקט, כמעט אייַנגעקנורעט, אין ווינקעל אונטער דעם אויפגעשטעלטען דאַך.

פראַנץ האָט אָנגענומען איהרע בײדע הענד; זי איז געבליבען אונבעוועגליך.

— דו ווילסט מיר אפילו קײן „גוטען אָבענד״ ניכט זאָגען?

— איך בעט דיך; לאָז מיך אײן מאָמענט רוהיג, איך קען נאָך קוים אָטעמען.

דער יונגער מאַן האָט זיך אָנגעשפאַרט אין זייַן ווינקעל. בײדע האָבען אַ ווײַלע געשוויגען. די דראָשקע איז אַרייַנגעפאָהרען אין דער פראַטער־גאַס, איז פערבײַ־געפאָהרען דעם טעגעטהאָף־מאָנומענט און נאָך עטליכע סעקונדען האָט זי זיך שוין געטראָגען איבער די ברייטע, דונקעלע פראַטער־אַלעען. איצט נאָר האָט עממאַ פלוצלונג אייַנגעשלאָסען איהר געליבטען אין איהרע אָרעמס. ער האָט פאָרזיכטיג אויפגעהויבען פון איהר געזיכט דעם וואַאַל, וועלכער האָט איהם געשטערט פון אָנצורידהרען איהרע ליפען, און האָט זי געקושט.

— ענדליך, בין איך ווידער מיט דיר! — האָט זי געזאָגט.

— ווייסט דו דען, ווי לאַנג מיר האָבען זיך שוין ניכט געזעהען? — האָט ער אויסגערופען.

— פון זונטאָג אָן.

— יאָ, און דאַן אויך נאָר פון ווייַטען.

— ווי אַזוי? דו ביזט דאָך געוועזען דאַן בײַ אונז!

— נו יאָ... בײַ אײַך. אַה, ווײַטער קען זיך דאָס אַזוי ניכט ציהען; צו אײַך וועל איך שוין איבערהויפט מעהר ניכט קומען. אָבער וואָס איז מיט דיר?

— עפּעס אַ דראָזשקע איז אונז דאָ פערבײַגעפאָהרען.

— גלויב מיר, ליעבע מײַנע, אַז די, וואָס פאָהרען איצט אים פראַטער שפּאַצירען, אינטערעסירען זיך זעהר וועניג מיט אונז.

— דאָס גלויב איך גערן. אָבער צופעליג קען דאָך אײנער ארײנקוקען.
— איצט איז אונמעגליך אימיצען צו דערקענען.
— איך בעט דיך, מיר זאָלען פאָהרען ערגעץ אין אנדער אָרט.
— ווי דו ווילסט.
ער האָט אַ רוף געטאָן דעם קוטשער, דער אָבער האָט איהם, ווי ס'ווײזט אויס, גאָר נישט געהערט. דאַן האָט ער זיך אָנגעבויגען עטוואָס פאָראויס און האָט איהם אָנגערירט מיט'ן האַנד. דער קוטשער האָט זיך אומגעקוקט.
— פערקירעוועט צוריק. און פאַרוואָס טרײבט איהר אזוי שטאַרק די פערד? מיר האָבען זיך נישט וואָס צו אײלען. הערט! מיר פאָהרען אין דער — איהר ווײסט דאָך, די אַלעע, וואָס פיהרט צו דער רײלס-בריק.
— אויף די רײלסגאַס?
— יאָ; אָבער טרײבט נישט אזוי שטאַרק די פערד, דאָס האָט דאָך קײן זין נישט.
— ענטשולדיגט, גנעדיגער הער, דער שטורם מאַכט עס די פערד אזוי ווילד.
— יאָ, געוויס, דער ווינד —
פראַנץ האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זײן אָרט. דער קוטשער האָט פערקירעוועט די פערד און זײ זענען געפאָהרען צוריק.
— פאַר וואָס האָב איך דיך נעכטען נישט געזעהען? — האָט זי געפרעגט.
— ווי האָב איך דאָס געקענט?
— מיר האָט זיך געדאַכט, אז די שוועסטער האָט דיר אויך געלאַדען.
— אַח, יאָ.
— פאַרוואָס ביזט דו נישט געוועזען?
— ווײל איך קען עס נישט פערטראָגען, צו זײן מיט דיר צוזאַמען אין דער געגענוואַרט פון זײטיגע מענשען; נײן, איך וועל דאָס שוין קײנמאָל נישט טאָן!
זי האָט געצויגען מיט די אַקסלען.
— וואו זענען מיר עס איצט? — האָט זי געפרעגט. זי

זענען געפֿאָהרען אונטער דער אײַזענבאַהנ-בריק און אַרײַן איבער דער רײַלסגאַס.

באַלד װעלען מיר פֿערבײַפֿאָהרען דעם גרױסען דונאַי,— האָט ער געזאָגט.— מיר זענען אױף דעם װעג צו דער רײַכסבריקע. דאָ װעסטו בעשטימט קײן בעקאַנטע ניט טרעפֿען!— האָט ער צוגעגעבען, לאַכענדיג.

— די דראָזשקע טרײסעלט שרעקליך.

— יאָ, איצט זענען מיר װידער אױף אַ שטײנערנעם בריק.

— פֿאַרװאָס דרעהט ער זיך עפּעס אַהין און אַהער?

— עס דאַכט זיך דיר אַזױ.

ער האָט שױן דערנאָך אַלײן אױך געפֿונען, אַז די דראָזשקע טרײסעלט זיך שטאַרק און װאַרפֿט זיך צופֿיעל אין אַלע זײַטען.

ער האָט אָבער ניט געװאָלט רעדען דערפֿון, ניט װעלענדיג איהר נאָכמעהר צורודערן.

— איך האָב הײַנט אַ סך און ערנסט מיט דיר צו רעדען, עממאַ.

— אױב אַזױ, מוזט דו שױן אָנהױבען, װאָרום נאָך דעם װײַטער מוז איך אין שטוב זײַן.

— אין צװײ װערטער קען מען דאָס אַלץ אַרױסזאָגען.

— גאָט מײַנער, װאָס איז דאָס אַזױנס?— האָט זי אױסגעשריען.

די רעדער פֿון דער דראָשקע האָבען זיך געפֿונען אױף די טראַמװײ-רעלסען, און װען דער קוטשער האָט פּראָבירט אַראָבפֿאָהרען פֿון זײ, האָט זיך די דראָזשקע אַזױ שטאַרק אָנגעבױגען אױף אײן זײַט, אַז עס האָט זיך געדאַכט: אָט, אָט פֿאַלט זי אום. פֿראַנץ האָט אָנגעכאַפּט דעם קוטשער פֿאַר׳ן מאַנטעל.

— בלײַבט שטעהן— האָט ער איהם צוגעשריען— איהר זײַט שכור געװױס!

דער קוטשער האָט מיט צרות אָבגעשטעלט די פֿערד.

— ענטשולדיגט, גנעדיגער העררט—

קום, עממאַ, מיר װעלען דאָ אַרױסשטײַגען

— װאו זענען מיר?

— שוין ביי דער בריק. דער שטורם איז שוין אויך איצט איבערגעגאַנגען. מיר וועלען געהן אביסעל צו פֿוס. פֿאָהרענדיג קען מען נישט רעדען ווי דער רעכט איז.

עמעצאַ האָט אַראָבגעצויגען דעם וואָל איבערן געזיכט און איז איהם נאָכגעגאַנגען.

— און דו זאָגסט, אַז עס איז שוין איצט קיין ווינד נישט! — האָט זי אויסגעשריען, שיער נישט אומפֿאַלענדיג, גלייך ביי'ן אַרויסגעהן פֿון דראָשקע, דורך אַ שטאַרקען שטויס פֿון ווינד.

ער האָט גענומען איהר אָרם. פֿאָהרט אונז נאָך! — האָט ער צוגעשריגען דעם קוטשער.

זיי זענען געגאַנגען פֿאָראויס. די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צום בריק, האָבען זיי געשוויגען, און ווען זיי האָבען ביידע דערהערט רוישענדיג דעם וואַסער אונטער זיך, זענען זיי אַ ווייַלע שטעהן געבליבען. אַרום זיי איז געווען טיעף דונקעל. דער ברייטער שטראָם האָט זיך געצויגען, ווי אַ גראָהע לענטע וויַיט, אין אומבעשטימטע גרענעצען. אין דער וויַיטקייט האָבען זיי געזעהען רויטע פֿייערלעך, וואָס האָבען ווי געשוועבט איבערן וואַסער און זיך אין איהם אָבגעשפּיגעלט. פֿון דעם נאָהנטען ברעג, וועלכען זיי האָבען נאָר וואָס פֿערלאָרען, האָבען זיך אַראָב־געלאָזען אינ׳ם וואַסער לאַנגע, ציטערנדע ליכטפּאַסען. און פֿון דער אַנדערער זייַט האָט זיך דער שטראָם ווי פֿערלאָרען אין די אַרומיגע שוואַרצע לאָנקעס; פּלוצלונג האָט זיך דער־הערט אַ וויַיטעס דונערן, וואָס איז געקומען אַלץ נעהנטער; נישט־ווילענדיג האָבען זיי ביידע אַ קוק געטאָן אין יענער זייַט, וואו עס האָבען געפֿינקעלט די רויטע פֿייערלעך. פֿון דאָרט האָט זיך געזעהען אַ באַהן־צוג מיט העל־באַלויכטעטע פֿענסטער, דורכלויפֿענדיג איבער די אייַזערנע בריק־בויגענס, וועלכע זענען פּלוצלונג אויסגעוואַקסען פֿון דער פֿינסטערער נאַכט און גלייך צוריק פֿערשוואונדען געוואָרען. דער דונער איז וואָס וויַיטער אַלץ שטילער געוואָרען, און באַלד איז גיוואָרען אינגאַנצען שטיל. נאָר דער ווינד האָט אַלע מאָל זיך אויפֿגעריכען און געשטורמט.

נאָך דעם לאַנגען שווייַגען האָט פֿראַנץ ענדליך געזאָגט:

— מיר מוזען אוועק פון דאנען.

— בעשטימט — האט עממא שטיל געענטפערט.

— מיר מוזען אוועק פון דאנען, — האט פראנץ לעבעדיג איבער׳געחזר׳ט — איגגאנצען, אויף שטענדיג, מיין איך ...

— דאס איז אונמעגליך.

— מיר זענען טרופען, עממא, דעריבער איז עס אונמעגליך.

— און מיין קינד?

— ער וואלט דיר דאס קינד בעשטימט אוועקגענומען, איך בין אין דעם פעסט איבערציינט.

— און ווי זאל עס זיין? — האט זי שטיל געפרעגט — אנטלויפען פון דאנען ביינאכט אין דער פינסטער?

— ניין, דורלאוים נישט. דו האסט גארנישט צו טהון, מעהר ווי איהם איינפאך צו זאגען, אז דו קענסט ביי איהם לענגער נישט בלייבען, ווייל דו געהערסט אנ׳אנדערן.

— ביזט ביי׳ן קלארען פערשטאנד, פראנץ?

— אויב דו ווילסט, קען איך דיר דאס אויך פערשפארען, — איך וועל עס איהם אליין זאגען.

— דו וועסט עס נישט טהון, פראנץ!

ער האט פראבירט איהר א קוק טאן אין געזיכט; אין דער פינסטערניש אבער האט ער נישט געקענט בעמערקען מעהר ווי דאס, אז זי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און איהם אומגעווענדעט אין זיין זייט.

ער האט א ווילדע געשוויגען, און דאן רוהיג געזאגט: שרעק זיך נישט, איך וועל עס נישט טאן.

זיי האבען זיך דערנעהנטערט צו דעם אנדער ברעג.

— דו הערסט גארנישט? — האט זי געזאגט, — וואס איז דאס?

— פון יענער זייט פאהרט אימיצער — האט ער געענטפערט.

לאנגזאם האט זיך דערטראגען צו זיי דער טומעל פון דער ווייטער פינסטערניש, און ענטקעגען זיי האט געשוועבט א קליינער, רויטער פייערל; באלד האבען זיי געזעהען, אז דאס קומט פון א קליינער לאמטערנע, וואס איז בעפעסטיגט

צום דייכסעל פון אַ דאָרפישען וואַגען, זיי האָבען אָבער נישט געקענט זעהען, צו דער וואַגען איז בעלאַדען און צו עס זיצען אויף איהם מענשען. גלייך פון הינטען זענען געפאָהרען נאָך צוויי, דריי אַזעלכע פוהרען. אויף דער לעצטער האָבען זיי געקענט בעמערקען אַ מענשען, אין אַ פויערן־קאָסטיום, וועלכער האָט נאָר וואָס פערדרייכערט זיין ליולקע; די פוהרען זענען פערביי־געפאָהרען. דאַן איז ווייטער שטיל געוואָרען, און זיי האָבען ווייטער גאָרנישט מעהר געהערט, אויסער דעם שטומפיגען גערויש פון דער דראָזשקע, וועלכע איז זיי צוואַנציג טריט פון הינטען נאָכגעפאָהרען. די בריק האָט זיך איצט לייכט אָנגעבויגען צו דעם אַנדערען ברעג. זיי האָבען געזעהען, ווי דער וועג פאַר זיי צווישען ביימער אין פינסטערניש לויפט ווייטער. פון רעכטס און פון לינקס האָבען זיך געצויגען אין דער טיפעניש פינסטערע לאָנקעס, וועלכע האָבען זיך געדוכט צו זינקען אין דעם אָוועגדליכען תהום.

נאָך דעם לאַנגען שווייגען האָט פראַנץ פלוצלונג געזאָגט:

— אַלזאָ דאָס לעצטע מאָל...

— וואָס? — האָט עממאַ גיזפרעגט מיט אַ פערזאָרגטען טאָן.

— ... זענען מיר צוזאַמען. בלייב ביי איהם. איך געזעגען זיך מיט דיר אויף שטענדיג.

— דו רעדסט עס ערנסט?

— פאָלשטענדיג ערנסט.

— אָט זעהסטו.

דו פערגיפטעסט שטענדיג די פאָר שעה, וואָס מיר האָבען; נישט איך!

— יאָ, יאָ. דו ביזט גערעכט, — האָט פראַנץ געזאָגט — קום מיר וועלען פאָהרען צוריק.

זי האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו איהם.

— ניין, — האָט זי צערטליך געזאָגט — איצט וויל איך נישט. איך וויל נישט דו זאָלסט מיך אַזוי אָוועקטרייבען.

זי האָט איהם צוגעצויגען צו זיך און איהם לאַנג געקושט.

— וואו וואָלטען מיר אַרויסקומען, ווען מיר זאָלען אַזוי געהן מיט דעם וועג?

— דער וועג פיהרט גלייך קיין פראַג, מיין קינד!

— אַזוי ווייט דאַרף מען נישט, — האָט זי שמייכלענדיג געזאָגט — אָבער נאָך אַביסל ווייטער קען מען געהן, אויב דו ווילסט.

זי האָט אָנגעוויזען אינ'ם פינסטערניש.

— הע, קוטשער! — האָט פראַנץ אויסגערופען; יענער אָבער האָט גאָר נישט געהערט.

— שטעהט! — האָט פראַנץ דאַן אויסגעשריען.

די דראָזשקע איז אָבער אַלץ ווייטער געפאָהרען. פראַנץ איז איהר נאָכגעלאָפען; איצט נאָר האָט ער געזעהען, אַז דער קוטשער שלאָפט, און מיט שטאַרקע געשרייען האָט ער איהם אויפגעוועקט.

— מיר ווילען פאָהרען דאָ נאָך אַביסל ווייטער, אויף דעם וועג — איהר פערשטעהט, וואָס מ'רעדט צו אייך?

— איך הער, גנעדיגער הער, איך פערשטעה...

עממא האָט זיך אַריינגעזעצט אין דראָזשקע, און נאָך איהר פראַנץ. דער קוטשער האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט'ן בייטש, און די פערד האָבען זיך, ווי משוג'ענע, ווילד פונאַנדער־געלאָזען איבער דעם זומפיגען וועג. די ביידע אָבער אין דראָזשקע האָבען זיך געהאַלטען איינע די אַנדערע פעסט אומגעאַרמט, ווען זי האָט זיי געוואָרפען אַהין און אַהער.

— אַח, ווי גוט, ווי שען! — האָט עממא איהם צוגעפליסטערט נאָהענט צום מויל.

אין דעם אויגענבליק האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די דראָזשקע האָט פלוצלונג אַ פליה געטאָן אין דער לופטען — זי האָט זיך געפיהלט אַרויסגעוואָרפען. זי האָט געוואָלט זיך אָן עפּעס אָנכאַפּען, איהרע הענד אָבער האָבען אָנגעטשעפּעט נאָר אַ לעדיגען רוים; איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי טראָגט זיך עפּעס מיט אַ ווילדער געשווינדקייט אין אַ קאַראַהאָד, אַזוי אַז זי האָט געמוזט די אויגען פערמאַכען — און פלוצלונג האָט זי זיך געפיהלט ליגענדיג אויף דר'ערד, און אַ אונגעהויערע, שווערע שטילקייט האָט אויסגעבראָכען אַרום איהר,

ריכטיג ווי ווען זי וואלט געווען ווייט פון דער וועלט און אינגאנצען איינזאם. דאן האט זי אנגעהויבען הערען עפעס פערשידענע קולות: א גערויש פון פערדישע קאפיטעס, וואס קלאפען זיך אב אן דר׳עריד, גאנץ נאהנט פון איהר און דערשטיקטע קרעכצען; זעהען אבער האט זי קיין זאך נישט געקענט. איהר האט ארומגענומען א טוידליכע אנגסט; זי האט אנגעהויבען שרייען; איהר אנגסט איז געווארען נאך גרעסער, ווייל זי האט איהרע אייגענע געשרייען נישט געהערט. פלוצלונג האט זי קלאר בעגריפען, וואס דא איז געשעהן: די דראזשקע האט זיך אן וואס ס׳איז אנגעשטויסען, משמעות אן איינעם פון די ווארסט-שטיינער, איז אומגעפאלען, און דאן האט עס איהר ארויסגעווארפען. וואו איז ע ר? איז געווען איהר ערשטער געדאנק. זי האט אויסגעשריגען זיין נאמען. און זי האט געהערט, ווי זי שרייט, גאנץ שטיל אפילו, אבער זי האט געהערט. קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי האט פראבירט זיך אויפהויבען; דאס איז איהר אזוי שווער אנגעקומען, אז זי איז געבליבען זיצען אויף דר׳ערד, און ווען זי האט אויסגעצויגען די הענד, האט זי דערפיהלט נעבען זיך א מענשליכען קערפער. און דאן האט זי געקענט אויך די פינסטערניש דורכדרינגען מיט איהרע אויגען. נעבען איהר איז געלעגען פראנץ, אינגאנצען אונבעוועגליך. זי האט אנגעטאפט מיט איהר אויסגעשטרעקטער האנד זיין געזיכט: זי האט געפיהלט איבער עס פליסענדיג עפעס פייכטעס און ווארעמס. איהר האט פערהאפט דער אטעם. בלוט...? וואס איז דא אזוינס געשעהען? פראנץ איז פערוואונדעט און ליגט בעוואוסטלאז. און דער קוטשער — וואו איז ער? זי האט איהם גערופען; קיין ענטפער האט זיך נישט געהערט. זי איז נאך אלץ אזוי געזעסען אויף דר׳ערד. „מיר איז, דאכט זיך, גארנישט געשעהען״, — האט זי געטראכט, חאטש זי האט געפיהלט א וועהטאג אין אלע גלידער. וואס זאל איך טאן, וואס זאל איך איצט טאן... עס איז דאך נישט מעגליך, מיר זאל דא גאר נישט האבען געשעהען.

— פראנץ! — האט זי גערופען.

עפעס א שטימע גאר נאהנט האט געענטפערט:

— וואו זײַט איהר, גנעדיגעס פרײלײן, וואו איז דער גנעד׳ הערר? ס׳איז דאך גארנישט געשעהען? ווארטען זיי, פרײלײן, — אט ציגד איך אן די לאמטערנע, וועט מען קענען עפּעס זעהען. איך ווײס נישט, וואס איז היינט געווארען מיט מײנע טײוואלים. איך בין נישט שולדיג, אויף מײן ווארט... זיי זענען ארויפגעפאהרען אויף א הויפען שטײנדלעך, די פערשאלטענע פערד.

עממא איז איצט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס אלע גלידער האבען איהר וועה געטהאן, פאלשטענדיג געקומען צו זיך, און דאס, וואס דער קוטשער איז געבליבען נישט בעשעדיגט, האט איהר אביסעל בערוהיגט. זי האט געהערט, ווי ער האט געעפענט דאס טהירעל פון דער לאמטערנע און אנגעריבען ציגד־העלצלעך. מיט שרעק און אנגסטען האט זי געווארט אויפן פייער. זי האט נישט געוואגט גאלאמאל אנצוריהרען פראנצ׳ן, וועלכער איז געלעגען נעבען איהר אויף דר׳ערד; זי האט זיך געטראכט: ווען מ׳זעהט גארנישט דאכט זיך יעדע זאך שרעקליכער, פורכטבארער; ער האלט געוויס די אויגען אפען... עס וועט איהם גארנישט זײַן.

פון דער זײַט האט זיך בעוויזען א ליכטשטראהל. זי האט פלוצלונג דערזעהען די דראזשקע, וועלכע איז צו איהר פערוואונדערונג גארנישט געלעגען אויף דר׳ערד, נאר געשטאנען אנגעבויגען אויף א זײַט בײַ׳ן גראבען פון וועג, ווי ווען בײַ איהר וואלט צובראכען געווארען א ראד. די פערד זענען געשטאנען פאלשטענדיג רוהיג. דער פײַער־שטראהל איז צוגעקומען אלע מאל נעהנטער; זי האט געזעהען דעם פײַער אריבערלויפענדיג איבער די וויארסט־שטיינער, איבער דעם הויפען שטײנדלעך, וואס בײַ׳ן גראבען; דערנאך האט זי געזעהען, ווי ער קריכט ארויף בײַ פראנצ׳ן אויף די פיס, לויפט דורך איבער זײַן קערפער, בעלײַכטעט זײַן געזיכט און בלײַבט דעריף שטעהן. דער קוטשער האט אוועקגעשטעלט די לאמטערנע אויף דר׳ערד, גראדע בײַ׳ם קאפ פון דעם ליגענדען. עממא האט זיך אראבגעלאזען אויף די קניע, און האט געפיהלט, אז איהר הארץ הערט אויף צו קלאפען, ווען זי האט דערזעהען דאס געזיכט. עס איז געווען

בלאַס; די אויגען האַלב אָפען, אַזוי אַז געזעהען פון זיי האָט מען נאָר דאָס ווייסעל. פון דעם רעכטען שלייף האָט זיך לאַנגזאַם געצויגען אַ שטרייף בלוט איבער'ן באַק און זיך פערלאָרען אונטער'ן קראַגען ביי'ם האַלז. די אונטערשטע ליפּ איז געוועזען צוביסען מיט די צייגער.

ס'איז נישט מעגליך! — האָט עממאַ געזאָגט צו זיך.

דער קוטשער האָט זיך איך אַראָבגעלאָזען אויף די קניע און טרויריג אָנגעקוקט דאָס געזיכט; דערנאָך האָט ער מיט ביידע הענד אָנגענומען דעם קאָפּ און האָט איהם אויפגעהויבען אין דער הויך.

— וואָס טהוט איהר? — האָט עממאַ אַ גיזשריי געטהאָן מיט אַ פערשטיקטער שטימע, און האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם קאָפּ, וועלכער האָט זיך ווי אַליין אויפגעהויבען.

— גנעדיגעס פרוילין, מיר שיינט, אַז דאָ איז אַ גרויסעס אונגליק געשעהען.

— ס'איז נישט אמת, — האָט עממאַ געזאָגט, — עס קען נישט זיין. איז דען איך עפּעס געשעהען? און מיר...

דער קוטשער האָט דעם קאָפּ פון דעם בעוועגונגסלאָזען פּאַמעליך אַראָבגעלאָזען — ביי עממאַ'ן אין שויס, און זי האָט געציטערט.

— ווען חאָטש ווער ס'איז זאָל איצט צוקומען... ווען חאָטש די עטליכע פויערן, וואָס מיר האָבען גיטראָפען, וואָלטען פערבייפאָהרען דאָ מיט אַ פיערטעל שעה שפּעטער...

— וואָס זאָלען מיר דאָ טהאָן? — האָט עממאַ געזאָגט מיט ציטערנדע ליפּען.

— יאָ, פרוילין, אָט ווען די דראָזשקע וואָלט נישט צובראָכען געוועזען... אַזוי אָבער, ווי זי איז איצט... מיר מוזען וואַרטען, ביז אימיצער וועט דאָ צוקומען...

ער האָט נאָך ווייטער גערעדט, עממאַ אָבער האָט זיינע ווערטער נישט פערשטאַנען. אין דער צייט האָט זי געפיהלט, אַז זי קריגט צוריק איהר פערשטאַנד, און איצט האָט זי געוואוסט, וואָס זי האָט צו טהאָן.

— ווי ווייט איז עס ביז צו די נאָהנטסט[e] הייזער? — האָט זי געפרעגט.

— ס'איז נישט ווייט, פרוילין, דאָ באַלד אין דער

פראנץ־יאָזעף־דאָרף... ווען ס׳וואָלט געווען ליכטיג, וואָלטען מיר דאָ די הייזער פון דאָרט׳ן געזעהען. דאָס איז פינף מינוטען פון דאַנען.

— געהט דאָרטען און ברענגט מענשען אהער, — איך בלייב דאָ.

— ניין, פרוילין, איך גלויב, אַז ס׳איז בעסער איך זאָל דאָ בלייבען מיט אייך — עס וועט דאָך לאַנג נישט דויערן, ביז אימיצייר וועט דאָ אָנפאָהרען — דאָ איז דאָך אַ דורכ־פאָהר, — און —

— דאַן אָבער וועט עס צו שפעט זיין, עס קען שוין דאַן צו שפעט זיין; מיר דארפען אַ דאָקטאָר האָבען.

דער קוטשער האָט פריהער אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן געזיכט פון דעם אונבעוועגליכען, דערנאָך אויף עממאַ׳ן, און האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— דאָס קענט איהר נישט וויסען, האָט עממאַ אויס־געררופען. — און איך אויך נישט.

— אמת, פרוילין; וואו אָבער קען איך געפינען אַ דאָקטאָר אין פראַנץ־יאָזעף־דאָרף?

— טאָ זאָל אימיצער פון דאָרטין פאָהרען אין שטאָדט נאָך אַ דאָקטאָר, און...

— איהר ווייסט וואָס, פרוילין? איך גלויב, אַז זיי האָבען דאָרט אַ טעלעפאָן. וועט מען קענען טעלעפאָנירען אין שטאָדט צו דער „גיכער הילף".

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַם בעסטען! אַ געהט, לויפט געשווינד, אום גאָטטעס ווילען! און ברענגט־מיט אהער מענשען... און... איך בעט אייך, געהט שוין אַמאָל, וואָס שטעהט איהר נאָך דאָ?

דער קוטשער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף דאָס בלאַסע געזיכט, וואָס איז געלעגען ביי עממאַ׳ן אויפ׳ן שויס.

— די גיכע הילף, דער דאָקטאָר — דאָס אַלץ וועט שוין דאָ אַ סך העלפען.

— געהט! אום גאָטטעס ווילען! געהט שוין!

— איך געה שוין — נאָר איהר שרעקט זיך נישט דאָ, פרוילין, אַליין אין דער פינסטער... און ער האָט זיך מיט

שנעלע טריט געלאָזען געהן איבער'ן וועג, „וואָס מענשען קען איינפאַלען,— האָט ער געמורמעלט צו זיך — נאָך האַלבע נאַכט אין דער רייכסשטראַסע צו פאָהרען...״

עממאַ איז געבליבען מיט דעם בעווענגונגסלאָזען אַליין אויף דעם פינסטערן וועג. וואָס איז איצט? — האָט זי געטראַכט. דאָס איז דאָך נישט מעגליך, — איז איהר ווייטער דורכגעפלויגען אין געדאַנקען, — דאָס קען דאָך נישט זיין. איהר האָט זיך פלוצלונג אָנגעהויבען דאַכטען, אַז אימיצער אָטעמט נעבען איהר. זי האָט זיך אַראָבגעבויגען צו די בלאַסע ליפען; ניין, פון דאַנען האָט זיך קיין אָטעם נישט געהערט. דאָס בלוט אויף די באַקען און שלייפען האָט אויסגעזעהען ווי פערטריקענט. זי האָט זיך טיף איינגעקוקט אין די אויגען זיינע, אין די לעבענסלאָזע אויגען, און האָט אַ ציטער געטאָן... פאַרוואָס גלויב איך עס נישט — ס'איז בעשטימט אַזוי... ס'איז דער טוידט! און אַ שוידער איז איהר דורכגעלאָפען איבער'ן לייב. זי האָט אַלץ דייטליכער געפיהלט, אַז פאַר איהר ליגט אַ טוידטער. איך און אַ טוידטער, דער טוידטער ביי מיר אויפ'ן שויס. און מיט ציטערנדע הענד האָט זי אַוועקגערוקט דעם קאָפּ, אַזוי, אַז ער איז צוריק געלעגען אויף דר'ערד. און איצט ערשט האָט איהר אַרומגענומען אַ געפיהל פון שרעקליכער איינזאַמקייט. צו וואָס האָט זי דעם קוטשער אַוועק געשיקט? ווי נאַריש דאָס איז געוועזען! וואָס זאָל זי איצט אָנהויבען טהאָן אַליין אויפ'ן וועג מיט דעם טוידטען קערפער? אויב מענשען וועלען קומען... יאָ, וואָס זאָל זי טהאָן, אויב מענשען וועלען קומען? און ווי לאַנג וועט זי דאָ דאַרפען וואַרטען? זי האָט ווידער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן טוידטען. איך בין נישט אַליין מיט איהם, איז איהר איינגעפאַלען. דאָס ליכט איז דאָך אויך דאָ. און עס האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט דאָס ליכט, ווי עפּעס ליבעס און פריינדליכעס, וואָס זי דאַרף איהם דאַנקבאַר זיין. אין דעם קליינעם פייער'ל איז געוועזען מעהר לעבען, ווי אין דער גאַנצער ווייטער נאַכט אַרום איהר... איהר האָט זיך זאָגאַר געדאַכט, אַז דאָס קליינע פייערל שיצט איהר פון דעם בלאַסען שרעקליכען מענשען, וואָס ליעגט דאָ נעבען איהר אויף דר'ערד... און זי האָט אַזוי לאַנג געקוקט אויפ'ן פייערל, ביז עס האָט איהר

אָנגעהויבען צו פֿינקלען אין די אוינען, ביז עס האָט אָנגעהויבען דאָס ליכט צו טאַנצען און זיך צו קערען. און פּלוצלונג האָט זי זיך געפֿיהלט, ווי ערוואַכענדיג פֿון אַ טיפֿען שלאָף. זי איז אויפֿגעשפּרונגען! ניין, דאָס דאַרף נישט זיין, דאָס איז אוממעגליך, קיינער דאַרף מיך דאָ נישט געפֿינען מיט איהם... איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעהט זיך איצט אַליין שטעהענדיג דאָ אויפֿ׳ן וועג, אַז זי זעהט ביי איהרע פֿיס דעם טוידטען און דאָס ליכט, און זי האָט זיך אומגעזועהען אינגעהויער גרויס אין דאָס אַרומיגע פֿינסטערניש. אויף וואָס וואַרט איך, האָט זי געטראַכט, און איהרע געדאַנקען זענען שנעל געלאָפֿען... אויף וואָס וואַרט איך? אויף מאָרגען? — אויף וואָס דאַרפֿען זיי מיך? די מענשען וועלען קומען און פֿרעגען... און איך... וואָס טהו איך דאָ? ווער בין איך, וועלען אַלע פֿרעגען. וואָס זאָל איך זיי ענטפֿערן? גאָר נישט. איך וועל קיין איין וואָרט נישט רעדען, ווען זיי וועלען קומען. שווייגען וועל איך, קיין איין וואָרט... זיי קענען מיך דאָך נישט צווינגען צום רעדען.

פֿון ווייטען האָבען זיך געהערט שטימען.

שוין? — האָט זי געטראַכט, און מיט שרעק זיך איינגעהערט. די שטימען זענען געקומען פֿון בריק. דאָס זענען אַלזאָ נישט די מענשען, וואָס דער קוטשער האָט געבראַכט. אָבער ווער זיי זאָלען נישט זיין — דאָס ליכט וועלען זיי יעדענפֿאַלס בעמערקען — און דאָס דאַרף נישט זיין, וואָרום דאַן איז זי ענטדעקט.

און זי האָט אַ שטויס געטהאָן מיט׳ן פֿוס די לאַנטערנע; דאָס פֿייער האָט זיך אויסגעלאָשען. איצט איז זי געשטאַנען איינגעהילט אין אַ טיעפֿער פֿינסטערניש, נישט זעהענדיג אַרום זיך גאָרנישט; אויך איהם האָט זי מעהר נישט געזעהען. נאָר דער ווייסער הויפֿען שטיינדלעך האָט זיך יאָ עטוואָס אָבגעטיילט פֿון דער פֿינסטערניש. די שטימען זענען צוגעקומען נעהנטער. זי האָט אָנגעהויבען צו ציטערן מיט׳ן גאַנצען קערפּער. נאָר מ׳זאָל מיך נישט בעמערקען דאָ! אַך, אום גאָטעס ווילען, דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס איז וויכטיג, ווייטער איז אַלץ גאָרנישט — זי איז דאָך פֿערלאָרען אויפֿ׳ן גאַנצען לעבען, אויב אימיצער וועט זיך דאָ דערוויסען, אַז

זי איז די געליעבטע פון ... זי האָט קראַמפּפהאַפט צונויפגעלעגט די הענד, און האָט גאָט געבעטען, אַז די מענשען אויף דער אַנדערער זייט זאָלען גיכער אַריבערגעהן און זאָלען זי נישט ביימערקען. זי האָט זיך איינגעהערט. יאָ, מ'געהט פון יענער זייט... וואָס רעדען זיי דאָרט? ... דאָס זענען צוויי אָדער דריי פרויען... זיי האָבען בעמערקט די דראָזשקע, דאָס רעדען זיי איצט וועגען איהר; זי הערט די ווערטער ... אַ וואָגען ... אומגעפאַלען ... וואָס נאָך זאָגען זיי? ... זי האָט עס נישט דערהערט. זיי געהען ווייטער ... זיי זענען פערבייגעגאַנגען ... אַח, גאָט צו דאַנקען! און איצט? איצט וואָס איז? אַה, פאַרוואָס איז זי אויך נישט אַזוי טוידט, ווי ער? איהם איז מקנא צו זיין, פאַר איהם איז שוין אַלץ אַריבער... ער האָט שוין נישט פאַרוואָס מורא צו האָבען און פאַר איהם איז שוין קיין שום געפאַהר נישטאָ. זי אָבער ציטערט פאַר אַ סך זאַכען. זי האָט מורא, מ'זאָל זי דאָ נישט געפינען, מ'זאָל זי נישט פרעגען: ווער זייט איהר? ... מ'זאָל זי נישט נעהמען אין דער פאָליציי, מ'זאָל נישט ערפאַהרען אומעטום, אַז איהר מאַן – איז איהר קינד –

און זי בעגרייפט נישט, פאַר וואָס איז זי דאָ אַזוי לאַנג געשטאַנען ווי צוגעשמידט... זי קען דאָך אַוועקגעהן... זי נוצט דאָך קיינעם נישט דאָ, און זיך אַליין מאַכט זי אונגליקליך.

זי האָט געמאַכט איין טריט פאָראויס... פאָרזיכטיג... זי מוז זיך אַריבערקריכען איבערן גראָבען... אַריבער... איין טריט אַרויף... אַה, ווי ס'איז פייכט די ערד! נאָך צוויי טריט און זי וועט שטעהן אויפ'ן מיטען וועג... דאַן האָט זי זיך אויף אַ סעקונדע אָבגעשטעלט און געקוקט פאַר זיך. זי קען איצט געהן אויך אין דער פינסטער מיט דעם גראָהען וועג. דאָרט... דאָרט איז די שטאָדט... זי קען נישט זעהען פון איהר גאָרנישט... די ריכטונג אָבער צום שטאָדט איז איהר קלאָר. זי האָט נאָכאַמאָל אומגעקוקט. ס'איז גאָרנישט אַזוי פינסטער. זי זעהט די דראָזשקע גאַנץ קלאָר; די פערד אויך... און ווען זי שטרענגט אָן שטאַרק איהר בליק, קען זי בעמערקען אויך עפּעס ווי די פאָרם

פון אַ מענשליכען קערפער, וואָס ליעגט אויף דר׳ערד. זי עפענט ברייט פונאַנדער די אויגען; איהר שטעלט זיך פאָר, עפעס אַנ׳אונזיכטבאַרע קראַפט ציהט זי צוריק... און איהר דאַכט זיך, אַז ער איז עס, דער וואָס וויל זי דאָ פערהאַלטען, און זי פיהלט זיין מאַכט... זי מאַכט זיך אָבער פריי איבעה געוואַלט, און איצט זעהט זי, — אַז די ערד אונטער איהרע פיס איז זעהר — פייכט, אַז זי שטעהט אויף אַ גליטשיגען וועג, און די בלאָטע לאָזט זי נישט געהן ווייטער. נאָר אָט אָבער געהט זי... געהט וואָס ווייטער אַלץ געשווינדער... זי לויפט... און אַוועק פון דאַנען... צוריק... צו דער ליכטיגקייט, צום טומעל, צו מענשען!

זי לויפט אָב די גאַנצע גאַס, האַלטענדיג דאָס קלייד אויפגעהויבען, אום נישט צו פאַלען. דער ווינד בלאָזט איהר אין פלייצע, ווי ער וואָלט זי טרייבען פאָראויס. זי ווייס שוין איצט נישט ריכטיג, פון וואָס זי אַנטלויפט. איהר שטעלט זיך פאָר, אַז זי אַנטלויפט פון יענעם בלייכען מענשען, וואָס ליעגט דאָרט, ווייט הינטער איהר, נעבען דעם גראָבען... דערנאָך פאַלט איהר איין, אַז זי אַנטלויפט פון די לעבעדיגע, וואָס וועלען דאָרט באַלד זיין. וואָס וועלען זיי טראַכטען וועגען איהר? וועט מען איהר נישט נאָכלויפען? מ׳וועט איהר שוין אָבער נישט דעריאָגען; אָט איז זי שוין ביי׳ן בריק. זי דאַרף זיך נאָר אַריבערהאַפען איבער׳ן בריק, און דאַן איז שוין קיין געפאַהר נישטאָ. קיינעם קען דאָך נישט איינפאַלען, ווער זי איז; קיין לעבעדיגער נפש קען דאָך נישט טרעפען, ווער ס׳איז געוועזען די פרוי, וואָס איז געפאָהרען מיט יענעם הערר איבער דער רייכסגאַס. דער קוטשער קען זי נישט, ער וועט זי נישט דערקענען, אפילו ווען ער וועט זי אַמאָל זעהען. מ׳וועט זיך גאָרנישט קימערן אַזוי ווייט צו וויסען, ווער זי איז געוועזען. וועמען געהט עס אָן? וועמען אַרט עס? — זעהר קלוג האָט זי געטאָן, וואָס זי איז דאָרט נישט געבליעבען, און ס׳איז גאָרנישט קיין פערברעך אויך. פראַנץ אַליין וואָלט איהר רעכט געגעבען. זי מוז דאָך אין דערהיים געהן, זי האָט אַ קינד, זי האָט אַ מאַן; זי וואָלט דאָך פערלאָרען געגאַנגען, ווען מ׳וואָלט זי געפונען ביי איהר טוידטען געליעבטען. אָט

אין די בריק, די גאס ווערט ליכטיגער... אט הערט זי שוין דאס וואסער ״ישען, ווי פריהער; אט איז זי דא, וואו זי איז געגאנגען מיט איהם ארם אין ארם — ווען איז עס געוועזן? מיט וויפיל שעה צוריק? ס'איז מסתמא נאך נישט לאנג. נישט לאנג? אפשר! אפשר איז זי לאנג געלעגען בעוואוסטלאז; אפשר איז שוין לאנג נאך האלבער נאכט; אפשר ווערט שוין באלד טאג, און אין דער היים האט מען זיך שוין געחאפט? ניין, ניין, דאס איז נישט מעגליך; זי פיהלט, אז זי איז גארנישט געוועזן בעוואוסטלאז; זי דערמאהנט זיך איצט גענויער און דייטליכער אלס אין דעם ערשטען מאמענט, ווי זי איז ארויסגעפאלען פון וואגען און ווי זי האט גלייך בעגריפען אלץ, וואס עס איז געשעהען. זי לויפט איבער'ן בריק און הערט דעם קלאפען פון איהרע אייגענע טריט; זי קוקט נישט אין די זייטען. פלוצלונג בעמערקט זי עפעס א געשטאלט איהר ענטקעגען קומענדיג. זי הויבט אן געהן לאנגזאמער. ווער קען עס זיין, דער וואס געהט איהר ענטקעגען? ס'איז עפעס איינער אין א אוניפארם. זי געהט זעהר לאנגזאם. זי דארף נישט צוציהען אויף זיך קיין אויפמערקזאמקייט. איהר דאכט זיך, אז דער מענש קוקט עפעס שטארק אויף איהר. וואס וועט זיין, אויב ער וועט איהר פרעגען? זי איז נעבען איהם, און דערקענט דעם מונדיר; עס איז א פאליציי-מאן; זי געהט איהם פערביי. א הערט, אז ער איז הינטער איהר שטעהן געבליבען. מיט מאטערניש האלט זי זיך אב פון אנהויבען צוריק צו לויפען; דאס וואלט געוועזן פערדעכטיג. זי געהט נאך אלץ אזוי פאמעליך ווי פריהער; זי הערט דאס קלינגען פון'ם טראמוויי. הייסט עס, אז ס'איז נאך ווייט צו האלבע נאכט. איצט געהט זי ווידער שנעלער. זי איילט זיך אין שטאדט אריין, די פייערלעך פון וועלכער עס האבען איהר נאך ענטקעגען געפינקעלט אונטער דעם געוועלב פון דער אייזענבאהן-בריק, דעם טומעל פון וועלכער זי הויבט שוין אן צו הערען. נאך די שטילע געסיל דארף זי איבערגעהן, דאן איז זי געראטעוועט. איצט הערט זי פון ווייטען דורכדרינגענדע פייפען, אלץ דורכדרינגענדער אלץ נעהנטער; א וואגען איז פערביי איהר דורכגעלאפען. נישט ווילענדיג בלייבט זי שטעהן און קוקט איהם נאך.

דאָס איז דער וואָגען פון דער „גיבער הילף”. זי ווייס, וואוהין ער פאָהרט. ווי שנעל! טראַכט זי. „ס'איז ווי עפּעס מיט אַ כשוף. אין דער ערשטער מינוט דאַכט זיך איהר, אַז זי דאַרף די מענשען נאָכשרייען, אַז זי דאַרף זיי נאָכלויפען, אַז זי דאַרף זיך אומקעהרען צוריק פון וואַנען זי איז איצט ענטלאָפען — דאַן נעמט איהר אַרום אַ אונגעהויערע חרפּה, אַזאַ חרפּה, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל אין לעבען נישט געפיהלט; און זי ווייס, אַז זי האָט דאָ געהאַנדעלט שלעכט און מאוס. צוזאַמען אָבער דערמיט, ווי דאָס קלאַפּען פון די רעדער און די פּייפערייען הערען זיך אַלץ שוואַכער און שוואַכער, חאַפּט זי אַרום אַ ווילדע שמחה, און ווי אַ גערעטעוועטע לויפט זי שנעל פאָראויס. מענשען קומען איהר אָן ענטקעגען; זי שרעקט זיך שוין מעהר נישט פאַר זיי — דאָס שווערסטע איז זי שוין איבערגעקומען. דער ליאַרם פון שטאָדט הערט זיך אַלץ דייטליכער, עס ווערט איהר וואָס ווייטער אַלץ ליבטיגער; אָט זעהט זי שוין די רייהע הייזער פון דער פּראַטער־גאַס, און איהר דאַכט זיך, אַז דאָרט פאָראויס וואַרט אויף איהר אַ חוואַליע פון מענשען, אין וועלכער זי דאַרף שפּורלאָז פערשוואונדען ווערען.

צוקומענדיג צו דער ערשטער גאַסען־לאַמטערנע, איז זי שוין אויף אַזוי פיל רוהיג, אַז זי קען אַ קוק טהאָן, וויפיל דער זייגער איז. ס'איז צעהן מינוטען פאַר ניין. זי נעמט דעם זייגעריל צום אויער — ער האָט זיך נישט אָבגעשטעלט, ער געהט. און זי טראַכט: איך בין לעבעדיג... געזונד... מיין זייגעריל אפילו האָט נישט אויפגעהערט צו געהן... און ער... ער... טוידט... שיקזאַל... זי פיהלט זיך, ווי ווען אַלץ וואָלט איהר פערגעבען געוואָרען... ווי ווען זי וואָלט גאָר קיינמאָל אויף זיך קיין שולד נישט געהאַט. יאָ, עס איז אַזוי, אַזוי איז עס! זי הערט, ווי זי רעדט אַרוים די ווערטער אויפ'ן קול. נו, און ווען דאָס שיקזאַל וואָלט עס אַנדערש געמאַכט? און ווען זי וואָלט איצט ליגען דאָרט ביי'ם גראָבען און ער וואָלט לעבען געבליבען? ער וואָלט נישט אַוועק געפלויגען, ניין... ער וואָלט עס נישט געטאָן, נו יאָ, ער איז דאָך אַ מאַנספּערזאָן. זי איז אַ ווייב — און זי האָט אַ קינד און אַ מאַן, — זי האָט רעכט געהאַט, — ס'איז

אִיהר פּפלִיכט, יאָ, אִיהר פּפלִיכט! זִי ווייס גאַנץ גוט, אַז זִי האָט עס געטאָן נִישט צוליִב דער פּפלִיכט... דערווייל אָבער האָט זִי דאָך פאָרט געטאָן, ווִי מ'האָט געדאַרפט טהאָן... נִישט ווִילענדִיג... ווִי... גוטע מענשען טהוען שטענדִיג. אִיצט וואָלט זִי שוין ענטדעקט געווען. דִי דאָקטוי־רִים וואָלטען זִי געפרעגט: „און אייער מאַן גנעדִיגע פרוי?" אָה גאָט!... און דִי צייטונגען מאָרגען... און דִי פאַמִילִיע... זִי וואָלט אויף שטענדִיג פערלאָרען געגאַנגען און ער וואָלט דאָך דערפון נִישט לעבעדִיג געוואָרען. יאָ, דאָס אִיז געווען דִי הויפּט זאַך; זִי וואָ'ט צו גרונד געגאַנגען און קיינער וואָלט דערפון קיין נוצען נִישט געהאַט. — זִי אִיז אונטער דער אייזענבאַהן־בריִק. — ווייטער... ווייטער... אָט אִיז דער טעגעטהאָף־מאָנומענט, וואו עס קומען זִיך צוזאַמען אַ גאַנצע רייהע גאַסען. הייַנט, אִין דעם רעגענדִיגען, ווִינדִיגען הערבסט־אָבענד, זענען דאָ ווענִיג מענשען אִין דִי גאַסען, אִיהר אָבער שטעלט זִיך פאָר, אַז דאָס לעבען פון שטאָדט קאָכט און בּרויזט אַרום אִיהר; וואָרום דאָרט, פון וואַנען זִי אִיז געקומען, האָט געהערשט דִי שרעקלִיכסטע שטִילקייט. זִי האָט צייט. זִי ווייס, אַז אִיהר מאַן וועט הייַנט ערשט אַרום צעהן קומען אַהיים — זִי וועט נאָך בּעווייזען אפִילו זִיך אִיבּערצו־קליידען. אִיצט אִיז אִיהר אייַנגעפאַלען, אִיהר קלייד צו בּעטראַכטען, און מִיט שרעק האָט זִי געזעהען, אַז זִי אִיז דורך און דורך אייַנגעשמוצט, וואָס וועט זִי זאָגען דער שטוב־מעדעל? און עס שטעלט זִיך אִיהר פאָר, אַז מאָרגען וועט דִי געשִיכטע פון דעם אונגלִיקספאַל בּעשרִיבּען זייַן אִין אַלע צייטונגען; מ'וועט שרייַבּען, אַז מִיט אִיהם צוזאַמען אִיז געפאָהרען פרִיהער אַ פרוי, נאָר דערנאָך אִיז זִי פערשוואונ־דען געוואָרען. און בּייַ דעם געדאַנק וואַכט זִי אויף פון ס'נייַ — איין אונפאָרזִיכטִיגקייט, און אַלץ אִיז פערלאָרען. זִי האָט אָבער דעם שלִיסעל פון וואָהנונג בּייַ זִיך; זִי וועט אַליין עפענען דִי טהִיר; — קיינער וועט זִי נִישט הערען אַרייַנגעהענדִיג. זִי זעצט זִיך שנעל אַרייַן אִין אַ דראָשקע און ווִיל שוין אָנגעבּען אִיהר אַדרעסע, זִי כאַפּט זִיך אָבער בּאַלד, אַז דאָס וואָלט געווען נאַרעש, און זִי רופט אִיהם אָן אַ נאָמען פון אַ גאַס, וואָס אִיז אִיהר נאָר וואָס אייַנגעפאַלען.

פערבייפאהרענדיג די פראטער=גאס, וואלט זי גערן געוואלט עפעס שטארקעס דערפיהלען, זי קען עס אבער נישט. זי פיהלט נאר, אז זי האט איין פערלאנג: אין שטוב זיין, אין דער זיכערקייט. אלעס אנדערע איז איהר גלייכגילטיג.

אין דעם אויגענבליק, וואס זי האט ביי זיך בעשלאסען צו לאזען דעם טוידטען ליגען אליין אויפ'ן וועג, האט ביי איהר אין הארצען געמוזט פערשטומט ווערען אלץ, וואס עס האט געדארפט וויינען און יאמערן נאך איהם. זי קען איצט קיין שום אנדער זאך נישט פיהלען, אויסער די זארגען וועגען זיך, זי איז דאך נישט אהן א הארץ... אה ניין!... זי ווייס גאנץ געוויס, אז עס וועלען קומען אזעלכע טעג, ווען זי וועט פערצווייפעלט זיין און וויינען נאך איהם; ס'קען זיין, אז אט די פערצווייפלונג וועט איהר ברענגען א פריהצייטיגען טויט. אין דעם איצטיגען מאמענט אבער פיהלט זי נישט קיין אנדער זאך אויסער דאס — מיט טרוקענע אויגען און רוהיג וואס געשווינדער אין שטוב צו זיצען ביי'ם זעלביגען טיש, צוזאמען מיט איהר מאן און קינד. זי קוקט ארויס דורכ'ן פענסטער. די דראשקע פאהרט אין רעכטען מיטען שטאדט. דא איז אלץ העל בעלויכטען, און א סך מענשען געהען פערביי. עס פאלט איהר דא פלוצלונג איין, אז אלץ, וואס זי האט איבערגעלעבט אין די לעצטע שטונדען, איז גארנישט אמת. ווי א בעזער חלום האט עס זיך איהר פארגעשטעלט... וואס איז אונמעגליך אין דער ווירקליכקייט, אונמעגליך און אונבעגרייפבאר. אין א זייטיגער געסיל פון רינג הייסט זי דעם קוטשער זיך אפשטעלען, געהט ארויס פון דראשקע און פערדרעהט זיך שנעל אין ראג גאס, דארט נעמט זי אנ'אנדער דראשקע, און זאגט שוין דעם קוטשער איהר ריכטיגע אדרעסע. איהר שטעלט זיך פאר, אז זי איז איצט איבערהויפט נישט מעהר פעהיג עפעס צו בעגרייפען, עפעס א געדאנקען צו פאסען. וואו איז ער איצט? — פליהט איהר פלוצלינג דורך אין קאפ.

זי פערמאכט די אויגען און זעהט איהם ליגענדיג אויף א טראג=ברעט, אינ'ם קראנקען=וואגען — און פלוצלונג, דאכט זיך איהר, אז זי זיצט נעבען איהם, און זי פאהרט מיט איהם. די דראשקע הויבט זיך אן צו טרייסלען, און זי שרעקט זיך,

עס זאָל איהר איצט ווייטער נישט אַרויסוואַרפּען ווי פריהער, און — זי שרייט אויס. דאָ בלייבט די דראָשקע שטעהן. זי טוט אַ ציטער; אָט איז דאָס טויער פון איהר הויז.

שנעל געהט זי אַרויס פון דראָשקע, לויפט דורך דעם קאָרידאָר מיט שטילע טריט, אַזוי, אַז דער שווייצער אפילו בעמערקט זי נישט פון זיין פענסטעריל; זי געהט אַרויף אויף די טרעפּ, עפענט אין דער שטיל די טיר, און שטילינקערהייד גנב'ט זי זיך אַריין דורכ'ן פאָרצימער אין איהר צימער — ס'איז געלונגען! — זי מאַכט ליכטיג, וואַרפט שנעל אַראָב פון זיך איהרע קליידער און בעהאַלט זיי גוט אין שראַנק.

איבער נאַכט וועלען זיי זיך אויסטריקענען; מאָרגען וועל איך זיי אַליין אויסבאַרשטען און ריין מאַכען. דאַן וואַשט זי זיך אַרום דאָס געזיכט און די הענד און טוט אָן אַ שלאָפראָק.

אין פאָרהויז הערט זיך קלינגענדיג. זי הערט, ווי דאָס שטוב־מעדעל געהט צו צום טיר און עפענט זי אויף. זי הערט די שטימע פון איהר מאַן; זי הערט, ווי ער שטעלט אַוועק זיין שטעקען. זי פיהלט, אַז זי מוז איצט שטאַרק זיין, אויב נישט קען נאָך די גאַנצע אַנשטרענגונג אומזיסט זיין. זי לויפט שנעל אַריין אינ'ם עס־צימער, אַזוי אַז זי קומט אַריין אַהין אין דעם זעלבען מאָמענט, וואָס דער מאַן.

— אַה, דו ביזט שוין צוריק אין שטוב? — האָט ער געזאָגט.

— געוויס, — האָט זי געענטפערט, — שוין לאַנג.

— קיינער מסתמא האָט דיך נישט בעמערקט אַריינגעהענדיג.

זי שמייכעלט, זיך נישט צווינגענדיג דערצו. ער קושט זי אין שטערן.

דער אינגעל זיצט שוין ביי'ן טיש; ער האָט לאַנג געוואַרט און איז איינגעשלאָפען. אויפ'ן טעלער ליגט פאַר איהם זיין בוך, און אויף דעם אָפענעם בוך ליגט זיין געזיכט. זי זעצט זיך נעבען איהם, און דער מאַן איהר געגענאיבער; ער נעמט אַ צייטונג און וואַרפט אין איהר אַ פלינקען בליק. דערנאָך לעגט ער זי אַוועק און זאָגט: די אַנדערע זיצען

נאָך דאָרט צוזאַמען און בעראַטען זיך נאָך ווייטער;

— וועגען וואָס? — פֿרעגט זי.

און ער הויבט איהר אָן צו דערצעהלען די אַלע איינצעלהייטען פֿון דער היינטיגער זיצונג. ער דערצעהלט זעהר לאַנג, זעהר פֿיל. עטמאָ מאַכט זיך, ווי זי וואָלט איהם הערען, און פֿון צייט צו צייט שאָקעלט זי צו מיט'ן קאָפּ.

זי הערט אָבער גאָרנישט, זי ווייס נישט, וואָס ער רעדט, זי פֿיהלט זיך, ווי איינער וואָס איז מיט נסים געראַטעוועט געוואָרען פֿון שרעקליכע געפֿאַהרען. זי פֿיהלט קיין זאַך נישט אויסער: איך בין געראַטעוועט, איך בין אין דערהיים. און אין דער צייט, וואָס איהר מאַן דערצעהלט אַלץ ווייטער און ווייטער, רוקט זי צו נעהנטער איהר שטוהל צו דעם שטוהל פֿון איהר זוהן, נעמט זיין קעפּעל און דריקט איהם צו צו איהר ברוסט. איהר נעמט אַרום אַ אונבעשרייבליכע מידיגקייט — זי איז נישט אימשטאַנד מעהר זיך צו בעהערשען, זי פֿיהלט, אַז דער שלאָף בעפֿאַלט זי; זי פֿערמאַכט די אויגען.

פּלוצלונג קומט איהר אויפ'ן זינען אַרויף אַ שרעקליכער געדאַנק, אַ געדאַנק וועגען דער שרעקליכער מעגליכקייט, פֿון וועלכער זי האָט נישט געטראַכט זינט דער מינוט, וואָס זי האָט זיך אויפגעהויבען פֿון גראָבען: ווען ער איז גאָרנישט געשטאָרבען!... ווען ער... אח ניין, אין דעם קאָן קיין צווייפֿעל נישט זיין... די אויגען... דער מויל — און דאַן... קיין אָטעם פֿון זיינע ליפּען. — אָבער עס טרעפֿען דאָך אויך פֿאַלשע טוידטען. עס טרעפֿען דאָך אויך אַזעלכע צופֿעלן, ווען זאָגאַר די געאיבטע אויגען פֿון אַ דאָקטאָר קענען אַ טעות האָבען. און זי האָט געוויס נישט קיין געאיבטען בליק. ווען ער לעבט, ווען ער איז שוין ווידער צום בעוואוסטזיין געקומען, ווען ער האָט זיך פּלוצלונג געפֿונען ליגענדיג אַליין אין מיטען דער נאַכט אויפ'ן וועג... ווען ער וועט איהר אָנהויבען צו רופֿען... איהר נאָמען... ווען ער אַם ענדע מיינט, אַז זי איז אויך פֿערוואונדעט... ווען ער וועט זאָגען די דאָקטוירים: דאָ איז געוועזען אַ פֿרוי, איהר האָט עס געמוזט אַרויסוואַרפֿען דאָ ווייטער וואו ס'איז... און... און... יאָ, וואָס וועט דאַן זיין? מען וועט זי זוכען. דער קוטשער

וועט צוריק קומען פֿון פֿראַנץ־יאָזעף־דאָרף מיט מענשען...
ער וועט דערצעהלען... די פֿרוי איז דאָ געווען, ווען איך
בין אַוועק געגאַנגען – און פֿראַנץ וועט פֿערשטעהן. פֿראַנץ
וועט וויסען... ער קען דאָך זי גוט... ער וועט וויסען, אַז
זי איז אַוועקגעלאָפֿען און אַ שרעקליכער צאָרן וועט איהם
אַרומנעמען, און ער וועט אָנרופֿען איהר נאָמען, אום זיך
אָן איהר נוקם צו זיין. ער וועט זיך דאָך פֿערלירען... און
די איבערצייגונג דערפֿון, וואָס זי האָט איהם אַ שעה פֿאַר'ן
טוידט געלאָזען ליגען אליין אויפֿ'ן פֿעלד, וועט איהם אַזוי
אויפֿטרייסלען, אַז ער וועט נישט קוקען אויף קיין זאַך און
זאָגען: דאָס איז געווען פֿרוי עממאַ, מיין געליבטע... אַ טרום
און אַ נאַר צוזאַמען, – וואָרום נישט אמת, מיינע העררן
דאָקטוירים, איהר וואָלט דאָך זי נישט געפֿרעגט דורכאויס,
ווער זי איז, ווען זי וואָלט אייך בעטען דאָס נישט צו טאָן.
איהר וואָלט דאָך איהר געלאָזען געהן רוהיג, און איך אויך,
אָה יאָ, – ווען זי וואָלט נאָר דאָ בלייבען מיט מיר ביז
אייער קומען. איצט אָבער, אַז זי איז אַזוי שלעכט געוועזען,
זאָג איך אייך, ווער זי איז... דאָס איז... אַה!

– וואָס איז מיט דיר? – האָט געזאָגט דער פּראָפֿעסאָר זעהר ערנסט, אויפֿשטעהענדיג פֿון אָרט.

– וואָס... ווי? וואָס איז?

– יאָ, וואָס איז טיט דיר?

– גאָרנישט. זי האָט דאָס קינד נאָך פֿעסטער צוגעדריקט צו זיך.

דער פּראָפֿעסאָר האָט זי לאַנג אָנגעקוקט.

– דו ווייסט? דו האָסט אָנגעהויבען איינצודרעמלען, און –

– און דו האָסט פּלוצלונג עפּעס אויסגעשריען.

– ... אַזוי?

– ווי מ'שרייט אויס אין שלאָף, ווען עס חלומ'ט זיך עפּעס אַ שרעקליכע זאַך. דו ביזט געשלאָפֿען?

– איך ווייס נישט. איך ווייס גאָרנישט. און געגענאיבער אים וואַנד־שפּיגעל זעהט זי אַ געזיכט, וואָס שמייכעלט, וואָס איז אָבער גרויזאַם און פֿערקרימט. זי ווייס, אַז דאָס איז איהר אייגענעם געזיכט, און דאָך שוידערט איהר,

קוקענדיג דערויף ... און זי בעמערקט, אז דאס געזיכט ווערט שטארק פערגליווערט, זי קען דעם מויל נישט בעוועגען, זי ווייס עס: אט דער שמייכעל וועט זיך שוין שפילען אויף איהרע ליפען, אזוי לאנג, ווי זי וועט לעבען. און זי פראבירט א געשריי טאן. דאן פיהלט זי, ווי צוויי הענד לעגען זיך איהר אויף די אקסלען, און זי זעהט, ווי צווישען איהר איינגעגעם געזיכט און דאס פון שפיגעל שטויסט זיך ארויין דער פנים פון איהר מאן; זיינע אויגען, פרעגענדיג און שרעקענדיג, האבען זיך איינגעגעסען אין איהרע. זי ווייס: קוים האלט זי נישט אויס די לעצטע פראבע, אזוי איז אלץ פערלארען. און זי פיהלט, ווי זי ווערט ווידער שטארק, עס פאלגען איהר ווידער די מוסקולען פון געזיכט, און די בעוועגונגען פון איהרע גלידער; זי קען אין דעם איצטיגען מאמענט מאכען מיט זיי, וואס זי וויל; אבער זי מוז דעם מאמענט אויסנוצען, אויב נישט איז עס פערביי. און זי חאפט אן מיט ביידע הענד די הענד פון איהר מאן, וואס זענען נאך געלעגען אויף איהרע אקסלען, און ציהט איהם צו צו זיך, און קוקט איהם אן הייטער און צערטליך.

און אין דער צייט, ווען זי פיהלט איהר מאנ׳ס ליפען אויף איהר שטערן, טראכט זי: יא, געוויס... א בעזער חלום. ער וועט עס קיינעם נישט זאגען, ער וועט זיך נישט נוקם זיין אן איהר, קיינמאל, קיינמאל נישט... ער איז טוידט... ער איז גאנץ געוויס טוידט... און די טוידטע שווייגען.

— ווארום זאגסטו דאס? — הערט זי פלוצלונג די שטימע פון איהר מאן.

ציטערנדיג פון שרעק פרעגט זי: וואס אזוינס האב איך דען געזאגט? און איהר דאכט זיך פלוצלונג, אז זי האט אלץ דערצעהלט אויפ׳ן קול... אז זי האט די גאנצע געשיכטע פון דעם אבענד דא ביי׳ן טיש איבערגעגעבען... און צוזאמענגעבראכען פון שרעק פאר זיין מורא׳דיגען בליק פרעגט זי נאכאמאל: וואס האב איך דען געזאגט?

— די טוידטע שווייגען, — חזר׳ט איבער איהר מאן זעהר לאנגזאם.

— יא... — זאגט זי, — יא... און זי לייענט אין זיינע

אויגען, אז זי קען שוין מעהר פון איהם איצט גארנישט פערבארגען, און לאנג קוקען זיי זיך ביידע אן.

– לעג שלאפען דאס קינד, – האט ער דאן צו איהר געזאגט, – איך גלויב, אז דו האסט מיר נאך עפּעס צו דערצעהלען...

און זי ווייס, אז זי וועט דעם מענשען, וועמען זי האט יאהרענלאנג געגארט, אין דעם נאהנסטען מאמענט דעם גאנצען אמת דערצעהלען.

און אין דער מינוט, ווען זי געהט מיט'ן אינגעל לאנגזאם דורך די טהיר, פיהלענדיג נאך אלץ אויף זיך דעם מאנ'ס בליקען, ווערט איהר אזוי רוהיג און לייכט אויפ'ן הארצען, ווי ווען זי וואלט געפיהלט, אז א סך אין איהר לעבען ווערט ווידער גוט – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

# ליטעראטור

## א קאמעדיע אין 1 אקט.

פערזאנען:

מארגאריטא,
קלעמענס, ספארטסמאן,
זשילבערט.

---

די סצענע שטעלט פאר מארגאריטא'ס וואהנצימער, וואס איז אנשטענדיג, נאר נישט רייך מעבלירט. א קליינער קאמין, א טיש, א שרייב-טישעל, שטוהלען און א שראנק; אינ'ם הינטערגרונד צוויי פענסטער; רעכטס און לינקס טהירען.

## ערשטע סצענע.

אין א פאטעיל בײ'ם קאמין זיצט קלעמענס ברײט־ליך צולעגט. ער טראגט א זעהר עלעגאנטען, דונקעל־גרויען סאק־אנצוג, רויכערט א ציגאר און לייענט א צייטונג. מארגארעטע שטעהט פריהער בײ'ם פענסטער, דער־נאך געהט זי ארום איבערן צימער אהין און צוריק; ענדליך שטעלט זי זיך אב הינטער קלעמענס'ן און שפילט זיך מיט איהרע הענד אין זיינע האר. זי זעהט אויס אביסל אונרוהיג.

קלעמענס (ווייטער לייענענדיג, נעמט איהר האנד און קושט זי). הארנער איז אין זיין זאך זיכער — אדער, ריכטיגער, אין מיין ערפאלג; וואטערלאא פינף צו איינס, באראמעטער צוואנציג צו איינס, בוססער'ל זיבען צו איינס, אטיללא זעכצעהן צו איינס.

מארגארעטע. זעכצעהן צו איינס!

קלעמענס. לארד בייראן אנדערהאלבען צו איינס — דאס זעגען מיר, מיין ליב־לעבען!

מארגארעטע. איך וויים.

קלעמענס. דערביי האבען מיר נאך ביז דעם לויף־קאנקורס זעקס וואכען.

מארגארעטע. ווי ס'שיינט, האלט ער דאס שוין פאר א טוידטע זאך.

קלעמענס. ניין. ווי זי וויים דאס שוין אבער די אלע אויסדריקען! בראווא!

מארגארעטע. מיט די אלע אויסדריקען האב איך זיך בעקאנט נאך פריהער, ווי מיט דיר. יא, איז עס שוין בעשטימט, אז דו אליין וועסט רייטען אויף לארד'ן?

קלעמענס. דו פרעגסט נאך! — אויף א דאמען־פרייז!

ווײַסטען דען זאָל איך לאָזען רײַטען? און ווען האָרנער וואָלט נישט וויסען, אַז איך וועל אויף איהם רײַטען, וואָלט ער נישט געשטאַנען אָנדערהאַלבען צו אײנס — דערויף קענסטו דיך שוין פערלאָזען!

מאַרגאַרעטע. דאָס גלויב איך. — דו ביזט אַזוי שען, ווען דו זיצט אויף אַ פערד, ס'איז דאַן אײנפאַך ענטציקט צו ווערן פון דיר! קײנמאָל וועל איך נישט פערגעסען, ווי דו אין מינכען, גראַדע אין דעם טאָג, וואָס איך האָב זיך בעקאַנט מיט דיר...

קלעמענס. דערמאָהן מיך נישט יענעם טאָג. דעמאָלט בין איך דורכגעפאַלען. דער ווינדיש וואָלט קײנמאָל נישט געוואונען דעם קאָנקורס, ווען ער וואָלט נישט אַרײַנגעכאַפּט בײַ'ם סטאַרט צעהן קאָרפּוסען! דאָס מאָל אָבער! — נאַ! -- און אויף צו מאָרגענס נאָך דעם קאָנקורס פאָהרען מיר אַוועק.

מאַרגאַרעטע. אין אָבענד.

קלעמענס. יאָ. — פאַרוואָס?

מאַרגאַרעטע. ווײַל פאַר מיטאָג, גלויב איך, וועלען מיר חופּה שטעלען.

קלעמענס. יאָ, יאָ, מײַן טײַערע.

מאַרגאַרעטע. איך בין זעהר גליקליך! (ווײַ אומאַרעמען זיך). און וואוהין וועלען מיר פאָהרען?

קלעמענס. איך דענק, אַז אין דעם זענען מיר אײנשטימיג. — צו מיר, אין מײַן הויף.

מאַרגאַרעטע. יאָ — דערנאָך. אָבער פריהער וועלען מיר דען נישט פאָהרען אַביסל אויף דער ריוויערא?

קלעמענס. דאָס וועט אָבהענגיג זײַן פון דעם דאַמענפּרײַז; אויב איך וועל איהם קריגען...

מאַרגאַרעטע. אין דעם איז קײן צווײַפעל נישטאָ.

קלעמענס. איבריגענס, איז די ריוויערא אין אַפּריל שוין גאָרנישט אַזוי בעצויבערענד.

מאַרגאַרעטע. אַך דעריבער!

קלעמענס. קינד, ס'פערשטעהט זיך: דעריבער. דו האָסט נאָך פון די פריהערדיגע צײַטען עפּעס מאָדנע פאָרשטעלונגען פון עלעגאַנץ און שענהײַט, ווי זאָל איך דיר עס

וָאגען ... דו וועסט מיר ענטשולדיגען – עפעס א ביסל פון די וויץ־בלעטער.

מארגארעטע. איך בעט דיך, קלע –

קלעמענס. נו אלזא, מיר וועלען שוין זעהען. (לעזט ווייטער). בארעגאסט פופציג צו איינס –

מארגארעטע. בארעגאסט? – ער וועט דאך גאר־נישט לויפען ביי'ם קאנקורס.

קלעמענס. פון וואנען ווייסטו עס?

מארגארעטע. סציגראטי אליין האט עס מיר געזאגט.

קלעמענס. ווי אזוי? וואו?

מארגארעטע. היינט אין דער פריה אין פריידענאו, אין דער צייט, ווען דו האסט גערעדט מיט מילנער'ן.

קלעמענס. נאר סציגראטי איז מיר איך נישט קיין פאסענדע געזעלשאפט פאר דיר.

מארגארעטע. איפערזיכטיג?

קלעמענס. אפילו נישט א האר! ... איבריגענס, איך וועל דיך שוין פון איצט אן פארשטעלען גאנץ איינפאך, אלס מיין כלה.

מארגארעטע (קושט איהם).

קלעמענס. אלזא, וואס האט ער דיר געזאגט, סציגראטי?

מארגארעטע. אז ער וועט דעם בארעגאסט גארנישט מיטשיקען צום דאמענפרייז.

קלעמענס. נו, סציגראטי'ן דארפסטו נישט צופיל גלויבען, ער לאזט אומישנע ארויס קלאנגען, אז ער וועט דעם בארעגאסט נישט מיטשיקען, אום אויפצוהויבען די אנדערע לויפער'ס זיינע.

מארגארעטע. גע, דאס זעהט אויס ווי א ספעקולאציע.

קלעמענס. און דו מיינסט, אז צווישען אונז זענען קיין ספעקולאנטען נישטא? פאר א סך איז דאס אינגאנצען נאר א געשעפט. דו גלויבסט טאקע, אז אזא סארט מענש ווי סציגראטי האט לאטש דער מינדעסטען אינטערעס פאר ספארט? אזא מענש ווי ער וואלט געקענט אויף דער בערזע

אויך געהן! איבריגענס, וואס עס געהער צו דעם באַדעגאַסט, קען מען איהם רוהיג געבען הונדערט געגען איינס.

מאַרגאַרעטע. אַזוי? מיר האָט זיך היינט אין דער פריה פאָרגעשטעלט, אַז ער זעהט אויס וואונדערבאַר שען.

קלעמענס. זי האָט דעם באַדעגאַסט אויך געזעהען!

מאַרגאַרעטע. געוויס! האָט דען בוטערס נישט אַרומגאַלאָפּירט אויף איהם היינט אין דער פריה הינטער'ן בוססער'ל?

קלעמענס. נו, בוטערס איז גאָר אינגאַנצען נישט קיין רייטער ביי סציגראַטי'ן. דאָס איז געוויס געוועזן ווער ס'איז פון די שטאַל-דינער. — איבריגענס, קען דער באַדעגאַסט אויסזעהען ווי ער וויל, ס'איז אַלץ איינס — ער איז פערלאָרען. נו, מאַרגאַרעטע, ביי דיין טאַלענט וועסטו זיך גאַנץ געשווינד אויסלערנען אונטערצושיידען די אמת'ע גרויסקייט פון דער פאַלשער. ס'איז ווירקליך נישט צו גלויבען, מיט וואָס'רע געשווינדקייט דו האָסט זיך אָט די אַלע זאַכען איינגעאַרבייטעט. אַזוי פיל האָב איך גאָרנישט ערוואַרטעט פון דיר.

מאַרגאַרעטע (בעז). פאַרוואָס האָסטו דאָס גאָר-נישט ערוואַרטעט? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אָט די אַלע זאַכען זענען מיר נישט פרעמד געוועזן. — אין דערהיים ביי מיינע עלטערן פלעגען אַריינקומען זעהר עלעגאַנטע מענשען — דער גראַף ליבאָווסקי און נאָך פערשידענע — און אויך ביי מיין מאַן...

קלעמענס. נו יאַ. זעלבסט פערשטענדליך. אינ'ם פרינציפּ האָב איך אויך גאָרנישט געגען דער וואָל-פאַבריקאַציע.

מאַרגאַרעטע. וואָס האָט עס מיט מיינע פערזענליכע אַנשויאונגען צו טאָן דאָס, וואָס מיין מאַן האָט געהאַט אַ בוים-וואָל-שפּינערייַ? איך האָב מיך שטענדיג פערפאָלקאָמט און געבילדעט אַליין, נאָך מיין אייגענער אַרט. איבריגענס, זאָלען מיר בעסער איצט אין גאַנצען נישט רעדען פון יענער צייט, וואָס ליגט, דאַנק גאָט, שוין ווייט פון אונז!

קלעמענס. ס'איז אָבער דאָ אַן'אַנדער צייט, וואָס ליגט נעהנטער.

מאַרגאַרעטע. געוויס. איז וואָס?

קלעמענס. נו, איך מיין נאָר, אַז אין דיין מיינער געזעלשאַפט האָסטו זיך קיין סך נישט געקענט אָנהערען וועגען ספּאָרט־זאַכען, אויף וויפיל איך האָב די מעגליכקייט צו אורטהיילען.

מאַרגאַרעטע. אפשר קענסטו שוין אַמאָל אויפהערען, מיר אויפצו־וואַרפען די געזעלשאַפט, אין וועלכער דו האָסט זיך מיט מיר בעקענט?

קלעמענס. אויפוואַרפען? — דערפון קען גאָר קיין רעד נישט זיין! עס איז און עס בלייבט מיר נאָר אונפערשטענדליך, ווי אַזוי דו ביזט אַריינגעפאַלען אין אַזאַ געזעלשאַפט.

מאַרגאַרעטע. דו רעדסט וועגען יענער געזעלשאַפט ריכטיג, ווי ווען דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ באַנדע רויבער!

קלעמענס. קינד, איך גיב דיר מיין וואָרט: עטליכע פון יענע בעקאַנטע דיינע האָבען אויסגעזעהן ריכטיג, ווי אמת'ע גאַסען־רויבער. איך קען דאָס גאָרנישט בעגרייפען, ווי אַזוי דו מיט דיין העכערן געפיהל... נו, איך וויל שוין נישט זאָגען מעהר, דו מיט דיין בעסערן געשמאַק פאַר — ריינקייט און גוטע פאַרפומעס, ווי אַזוי, דו האָסט געקענט לעבען צווישען די מענשען, ווי אַזוי דו האָסט געקענט זיצען מיט זיי ביי איין טיש.

מאַרגאַרעטע (שמייכלענדיג). האָסטו עס דען אויך נישט געטאָן.

קלעמענס. איך בין געזעסען געבען זיי — נישט מיט זיי. און דאָס אויך האָב איך געטאָן נאָר צוליב דיר, אויסשליסליך נאָר צוליב דיר, דו ווייסט עס גאַנץ גוט! איבריגענס, וויל איך גאָרנישט אָבלייקענען, אַז עטליכע פון זיי האָבען אַ סך געוואונען אין מיינע אויגען זיך נעהנטער בעקענענדיג מיט זיי. צווישען זיי האָבען זיך געפונען אויך גאַנץ אינטערעסאַנטע מענשען. און דו דאַרפסט נישט מיינען, מיין שאַץ, אַז איך האַלט זיך העכער פון אַלע מענשען, וועלכע זענען שלעכט ערצויגען, — נישט דאָס איז די הויפּטזאַך. אין זייער גאַנצען בענעהמען זיך, אין זייערע אַלע מאַניערען, אין זייער גאַנצען וועזען איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט נערוועז.

מאַרגאַרעטע. דאָס לאָזט זיך נאָך נישט אַזוי בעשטימט אָבזאָגען.

קלעמענס. נו, דו בעליידיג זיך נאָר נישט, טייערע, איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז עס האָבען זיך געפונען צווישען זיי אויך זעהר אינטערעסאַנטע מענשען. ווי אַזוי אָבער אַ אַנשטענדיגע דאַמע קען זיך פיהלען גוט אין אַזאַ געזעלשאַפט אַ לאַנגע צייט, — דאָס וועל איך קיינמאָל נישט בעגרייפען.

מאַרגאַרעטע. דו פערגעסט גראַדע איין זאַך, מיין ליבער קלעמענס; דו פערגעסט, אַז אין אַ געוויסען זין געהער איך אויך צו יענער געזעלשאַפט אָדער האָב, ווענינגסטענס, געהערט צו איהר.

קלעמענס. נו, לאָז שוין אָב, איך בעט דיך!

מאַרגאַרעטע. דאָס זענען געווען קינסטלער און קינסטלערין'ס.

קלעמענס. נו, אַ שמחה, מיר זענען שוין ווייטער אַרויף אויף דער טעמאַ.

מאַרגאַרעטע. יאָ, און דאָס טאַקע איז מיין שטענדיגע קרענקונג, וואָס דו קענסט מיט אונז נישט מיט געהן.

קלעמענס. נישט מיטגעהן — דאָס געפעלט מיר זעהר! איך וואָלט שוין גאַנץ גוט געקענט מיטגעהן — דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס מיך פערדריסט און בעליידיגט אין דיין שרייבען, ווייסט, אַז דאָס איז אַ ריין פערזענליכע זאַך.

מאַרגאַרעטע. נו, אַנדערע פרויען אין מיין דעמאָלדיגער לאַגע, וואָלטען זיך ערגערע זאַכען ערלויבט, ווי ליעדער שרייבען.

קלעמענס. אָבער אַזעלכע! אַזעלכע! (ער נעמט אַראָב אַ קליינעס ביכעל פון קאַמין) · אָט, וועגען דעם האַנדעלט עס זיך. איך קען דיך פערזיכערן, אַז יעדעס מאָל, וואָס איך טהו אַ קוק אויף דעם; יעדעס מאָל, וואָס איך דערמאָהן זיך אָן דעם, — ווער איך רויט פון שאַנדע, וויסענדיג, אַז דו האָסט עס אָנגעשריבען.

מאַרגאַרעטע. דו האָסט אייגנפאַך נישט קיין געפיהל פאַר אַזעלכע זאַכען... נו, זיי נישט בעז — ווען דו וואָלסט דאָס געפיהל אויך האָבען, וואָלסטו געווען די

פאלקאמענהייט אליין, און דאס, ווי ס'ווייזט אויס, איז אין לעבען נישטא. — אבער וואס פערדריסט דיך אייגענטליך אין מיין שרייבען? דו ווייסט דאך, אז איך האב נישט איבערגעלעבט דאס, וואס איך האב אנגעשריבען —

קלעמענס. איך האף און גלויב, אז ס'איז אזוי.

מארגארעטע. — אז דאס זענען נאר פאנטאזיעס.

קלעמענס. אויב אזוי מוז איך דיך טאקע פרעגען: ווי אזוי קען דאס א אנשטענדיגע דאמע זיך פארשטעלען אזעלכע זאכען? (לעזט). „אין ליידענשאפטליכער פערשכור'ונג נעהם איך ארום דיין האלז, און טרינק זיך איין אין דיינע זיסע ליפען...” (שאקלענדיג מיט'ן קאפ). ווי קען א פרוי אזוינס אנשרייבען, ווי קען א פרוי אזוינס לאזען דרוקען? יעדער מענש, וואס לייענט דאס מוז זיך דאך פארשטעלען דער פערפאסערין מיט אויסגעשפרייטען ארעמס „אין ליידענשאפטליכער פערשכור'רונג און דעם האלז...

מארגערעטע. איך פערזיכער דאך דיך אבער, אז אזא האלז האט אין דער ווירקליכקייט קיינמאל נישט עקזיסטירט.

קלעמענס. איך קען מיר'ס אויך נישט פארשטעלען. דאס איז מיין גליק, און אויך — דיינס, מארגארעטע. ווי אזוי אבער ביזטו געקומען צו אזעלכע פאנטאזיעס? אויף דיין ערשטען מאן קענען זיך דאך אט די אלע גליהענדע ליעבעס־ליעדער נישט בעציהען — ער האט דאך דיך איבערהויפט נישט פערשטאנען, ווי דו זאגסט שטענדיג.

מארגארעטע. בעשטימט, נישט. דעריבער האב איך זיך דאך געג'גט מיט איהם. דו ווייסט דאך די גאנצע געשיכטע. מיט אזא מענשען, וואס האט נישט געהאט קיין געפיהל פאר קיין זאך, אויסער פאר עסען און טרינקען און וואל, — מיט אזא מענשען האב איך נישט געקענט לעבען צוזאמען.

קלעמענס. יא יא. אבער דאס איז ערשט דריי יאהר איינגאנצען, און די ליעדער האסטו דאך שפעטער געשריבען.

מארגארעטע. נו אמת. — דו בערעכען אבער די לאגע, אין וועלכער איך האב זיך געפונען דאן...

קלעמענס. וואס הייסט? דיר האט דאך קיין זאך ניט געפעהלט? אין דער הינזיכט האט זיך יא דיין מאן, – דאס מוז מען מודה זיין, – זעהר אנשטענדיג בענומען. דו ביזט נישט געוועזען אין אזא לאגע, זיך צו דארפען אליין פערדינען אויפ׳ן לעבען. און ווען אפילו זיי האבען דיר שוין געצאהלט צו הונדערט גילדען פאר א ליעד, – מעהר צאהלען זיי דאך געוויס נישט, – האסטו נאך אלץ נישט געדארפט אזא בוך אנשרייבען.

מארגארעטע. איך האב גארנישט געמיינט, ליבער קלע, מיין לאגע אין מאטעריעלען זין; איך האב געמיינט מיין גייסטעסצושטאנד. דו האסט גאר קיין בעגריף נישט דערפון... ווען דו האסט זיך מיט מיר בעקענט, איז עס שוין געוועזען א סך בעסער, איך האב שוין געהאט דאן זיך אליין געוויסערמאסען געפונען; אין אנהויב אבער!... איך בין געוועזען אזוי ראטלאז, אזוי ארויסגעפאלען... איך האב זיך אנגעכאפט אן אלץ, איך האב געמאלט, – זאגאר א ענגלישע לעקציע האב איך געגעבען אין דעם פענסיאן, וואו איך האב געוואהנט... בעדענקען דו אליין, צו צוויי און צוואנציג יאהר בלייבען א געגט׳ע פרוי, נישט האבען קיינעם...

קלעמענס, פארוואס ביזטו נישט רוהיג געבליבען אין וויען?

מארגארעטע. ווייל איך בין צוקריגט געוועזען מיט מיין פאמיליע. קיינער האט מיך נישט פערשטאנען. א, די מענשען! דו מיינסט, אז כאטש איינער פון מיין פאמיליע האט פערשטאנען, אז מ׳קען פערלאנגען פון לעבען נאך עפעס אויסער א מאן און שעגע קליידער און א געזעלשאפטליכע לאגע? א גאט! ווען ביי מיר וואלט א קינד זיין, וואלט אפשר איינגאנצען אנדערש געוועזען, און איבריגענס, עס וואלט אפשר גארנישט אנדערש געוועזען אויך. די נאטור מיינע איז זעהר קאמפליצירט. דו אבער האסט, אייגענטליך, נישט אויף וואס זיך צו בעקלאגען. איז עס דען נישט געוועזען אם ענדע דאס בעסטע, וואס איך האב געקענט טאן, דאס וואס איך בין געפאהרען אין מינכען? ווען איך

וואָלט עס דאָן נישט טאָן, וואָלט איך זיך דאָך מיט דיר ניט בעקאַנט.

קלעמענס. נו יאָ, אָבער דו ביזט דאָך נישט געפאָהרען דעמאָלט מיט דעם צוועק.

מאַרגאַרעטע. איך האָב געוואָלט פריי ווערען — איך מיין: אינערליך פריי. איך האָב געוואָלט זעהען, צו איך וועל מיט מיינע אייגענע קרעפטען קענען אויפטאָן וואָס ס'איז. און דו וועסט מיר מודה זיין, אַז איך האָב מיינס ערררייכט. איך בין שוין געווען אויף דעם בעסטען וועג, וואָס פיהרט צו עהרע און בעריהמטהייט...

קלעמענס. — ?

מאַרגאַרעטע. דו אָבער ביזט פאַר מיר טייערער, ווי בעריהמטהייט.

קלעמענס (גוטמוטיג). און זיכערער.

מאַרגאַרעטע. דערפון האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געטראַכט. איך האָב דיך ליעב געקריגען פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, וויל פון אַזאַ, ווי דו האָב איך מיין גאַנצעס לעבען געטרוימט; איך האָב שטענדיג געוואוסט, אַז גליקליך מאַכען קען מיך נאָר אַזאַ ווי דו. פאַמיליען-יחוס, — דאָס איז נישט קיין פוסטע איינבילדונג. דאָס קען בייַשטעהן געגען אַלע אַנדערע זאַכען! זעהסטו, דעריבער גלויב איך טאַקע שטענדיג —

קלעמענס. אַז וואָס?

מאַרגאַרעטע. מיר דאַכט זיך אָפט, אַז אין מיינע אָדערן פליסט אויך אַ עדעלעס בלוט.

קלעמענס. ווי אַזוי?

מאַרגאַרעטע. פאַרוואָס נישט? דאָס קען דאָך מעגליך זיין.

קלעמענס. איך פערשטעה עס נישט.

מאַרגאַרעטע. איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז אין דערהיים ביי מיינע עלטערן פלעגען זעהר אָפט אַריינגעהן פערשידענע אַריסטאָקראַטישע פערזאָנען...

קלעמענס. נו, איז וואָס —

מאַרגאַרעטע. ווער ווייס — ?

קלעמענס. מאַרגאַרעטע, וואָס טוט זיך מיט דיר! ווי קען מען עס אַזעלכעס רעדען!

מאַרגאַרעטע. פֿון דיר דאַרף מען בעהאַלטען אַלץ וואָס מען טראַכט. דאָס איז דײַן אײנציגער פֿעהלער — ווען נישט דאָס, וואָלסטו געווען פֿאָלקאָמען. (שמייכעלט זיך צו צו איהם). איך האָב דאָך דיך אַזוי שטאַרק ליעב! גלײַך אין׳ם ערשטען אָבענד, ווען דו ביזט אַרײַן אין קאַפֿע צוזאַמען מיט וואַנגענהײַם׳ען, — גלײַך האָב איך עס געוואוסט: דער איז עס! אמת, דו האָסט אויסגעזעהען צווישען יענע מענשען, ווי געקומען עפּעס פֿון אַנ׳אַנדער וועלט.

קלעמענס. איך שטעל זיך פֿאָר. צו-פֿיל ערהנליך צו דער גאַנצער קאָמפּאַניע האָסטו, אַ דאַנק גאָט, אויך נישט אויסגעזעהען. נײַן, ווען איך דערמאָהן מיך אָן יענער געזעל-שאַפֿט דײַנער, — אָן יענער רוסישער, צום בײַשפּיל, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ סטודענטין מיט איהרע קורצגעשוי-רענע האָר — נאָר דאָס סטודענטישע היטעל האָט איהר געפֿעהלט —

מאַרגאַרעטע. דאָס איז זעהר אַ בעגאַבטע מאַלערין, באַראַנצעוויטש.

קלעמענס. איך ווײס. דו האָסט מיר אָנגעוויזען אויף איהר אין דעם בילדער-זאַאַל; דאָרט איז זי געשטאַנען אויף אַ לײַטער און האָט קאָפּירט. — און דאַן יענער מיט דעם פּוילישען נאָמען —

מאַרגאַרעטע (פּראָבירט אויסרעדען). ברושקד...

קלעמענס. מאַטער דיך נישט אומזיסט. דאָס איז נישט אַזוי נעטיג. דער זעלביגער האָט אַמאָל עפּעס פֿאַר-געלײענט אין קאַפֿע, ווען איך בין דאָרט געוועזען, און קײן האָר זיך נישט געשעמט.

מאַרגאַרעטע. דאָס איז זעהר אַ שטאַרקער טאַלענט; גלויב מיר.

קלעמענס. נו געווים. אין קאַפֿע-הויז זענען זײַ אַלע טאַלענטען. — נו, און יענער טײַוועל, דער אונער-טרעגליכער —

מאַרגאַרעטע. ווער?

קלעמענס. דו ווײסט שוין, וועמען איך מײן.

דער, וואָס פלעגט עס שטענדיג מאַכען די טאַקטלאָזע בעמערקונגען איבער די אַריסטאָקראַטען.

מאַרגאַרעטע. זשילבערט, דו מײנסט מסתמא זשילבערט'ן.

קלעמענס. יאָ, יאָ. איך מײן געוויס נישט צו פערטײדיגען אַלע מענשען פון מײן שטאַנד, לײַדאַקעס געפינען זיך אומעטום, אפילו אויך — מיט ערלויבניש צו זאָגען, — צווישען פּאָעטען... ס'איז אָבער פאָרט נישט טאַקטיש פון אימיצען, זיך אַזוי אויסצודריקען וועגען אַריסטאָקראַטען, ווען איינער פון זיי...

מאַרגאַרעטע. דאָס האָט ער שוין געהאַט אַזאַ געוואָהנהײַט.

קלעמענס. איך האָב זיך דאַמאָלט געמוזט איינהאַלטען, ווי מיט צוואַנגען, אום איהם נישט גראָב צו ענטפערן.

מאַרגאַרעטע. בײַ דעם אַלעמען איז ער דאָך געווען אַ אינטערעסאַנטער מענש — יאָ. דערצו נאָך האָט ער געזעהן אין דיר אַ ליבעס־קאָנקורענט אויך און איז געווען פול מיט אײפערזוכט.

קלעמענס. דאָס האָב איך אויך בעמערקט. (פּויזע).

מאַרגאַרעטע. אַך גאָט, אַלע זענען זיי אײפערזיכטיג געווען. און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך... דו ביזט אַנדערש געווען פון זיי אַלע. און דערצו זענען זיי אַלע אַרומגעקראָכען אַרום מיר, ווײַל מיר זענען זיי אַלע גלײַך געווען. דאָס האָסטו דאָך בעמערקט — נײן? וואָס לאַכסטו?

קלעמענס. ס'איז צום לאַכען! ווען אימיצער וואָלט עס מיר אַמאָל נביאות געזאָגט, אַז איך וועל חתונה האָבען מיט אַ שטענדיגען גאַסט פון „קאַפע מאַקסימיליאַן"! אַמבעסטען זענען מיר דאָרט אײגענטליך געפעלען געוואָרען די צוויי יונגע מאַלער, וואָס האָבען אויסגעזעהען ריכטיג, ווי פון אַ טעאַטער־שטיק אַרויס. דו געדענקסט, זיי זענען אַזוי ענליך געווען איינער צום אַנדערן און אַלץ איז בײַ זיי געווען געמיינזאַם, — מיר שײַנט, אויך יענע רוסישע, וואָס איז געזעסען אויפ'ן לײַטער.

מאַרגאַרעטע. מיט אַזעלכע זאַכען האָב איך זיך קײנמאָל נישט אינטערעסירט.

קלעמענס. די צוויי מאָלער האָבען איבריגענס געמוזט אידען זיין, נישט?

מארגערעטע. פאַרוואָס עפּעס?

קלעמענס. נו, ווייל זיי האָבען שטענדיג וויצען געזאָגט — היינט די אויסשפּראך...

מארגארעטע. דיינע אנטיסעמיטישע בעמערקונגען קענסטו ביי זיך לאָזען.

קלעמענס. טייערע מיינע, ווי־זשע נישט אזוי עמפּפינדליך. איך ווייס, אז דו שטאַמסט פון אידען. און, אויסערדעם, האָב איך ווירקליך גארנישט צו אידען. איך האָב זאָגאר געהאַט אמאָל א לעהרער, וואָס האָט מיך פאַרבערייטעט צום לעצטען עקזאמען; דאָס איז געוועזען, שווער איך דיר, א איד, און א אויסגעצייכענטער מענש. אין לעבען קומט אוים זיך צו טרעפען מיט פערשידענע מענשען... איך בעדויער אויך גאר נישט, וואָס איך האָב זיך בעקענט מיט דיין מינכענער געזעלשאַפט; אזעלכע קאנטשאַפטען מאַכען רייכער די ערפאַהרונג פון לעבען. אָבער זעה, זאָג, איך האָב דיר געמוזט דאמאָלס פאָרקומען, ווי א רעטער, ווי א אויסלעזער.

מארגארעטע. יאָ, דאָס איז אמת. קלע, קלע!

(זיי אומארמען זיך).

קלעמענס. וואָס לאַכסטו?

מארגארעטע. מיר איז עפּעס איינגעפאַלען.

קלעמענס. נו?

מארגארעטע. „אין ליידענשאַפטליכער פערשכור'ונג נעהם איך ארום דיין האַלז און..."

קלעמענס. (אונגעדולדיג). וואָס דו ביזט, דו מוזט שטענדיג צושטערן יעדער אילוזיע!

מארגארעטע. זאָג, קלע: דו וואָלסט טאַקע ווירקליך גארנישט שטאָלץ געווען, ווען דיין געליבטע, דיין ווייב וואָלט געוואָרען א גרויסע און בעריהמטע דיכטערין?

קלעמענס. איך האָב דיר שוין געזאָגט: דו קענסט מיך, פון מיינעטוועגען, האַלטען פאַר א פראָסטען אין דער הינזיכט, איך פערזיכער דיך אָבער, אז אויב דו וואָלסט היינט ווידער אָנגעהויבען לידער צו שרייבען, אָדער גאר זיי

צו לאָזען דרוקען, און אין זיי וואָלסטו דערצעהלט דער וועלט פון דיינע געפיהלען צו מיר, פון אונזער ליבע־גליק — פון אונזער חתונה האָבען וואָלט שוין מעהר קיין רעד נישט געקענט זיין. איך וואָלט גלייך אוועק פון דיר!

מאַרגאַרעטע. און דאָס רעדט אַ מענש ביי וועמען עס זענען שוין געוועזען אפשר אַ דוץ אין־דער־גאַנצער־שטאָדט־באַקאַנטע ליעבעס־בעציהונגען.

קלעמענס. טייערע מיינע, עס קען טאַקע זיין, אַז זיי זענען בעקאַנט געוועזען אין דער גאַנצער שטאָדט — איך האָב אָבער קיינעם נישט דערצעהלט, איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געלאָזען דרוקען, אַז אַ מעדעל האָט זיך אין ליידענשאַפטליכער פערשפּירונג מיר אויפגעהאַנגען אויפ'ן האַלז, אום יעדערער זאָל זיך עס דערנאָך קענען קויפען פאַר אַנדער־האַלבען גולדען! דאָס איז די גאַנצע זאַך! איך ווייס, אַז עס זענען דאָ מענשען, וואָס לעבען דערפון; איך געפין עס אָבער פאַר אונאַנשטענדיג ביז דער העכסטער שטופע. איך זאָג דיר, ביי מיר איז דאָס ערגער, ווי ווען אַ פרוי שטעלט זיך אַרוים אין טריקאָ אַלס גריכישע סטאַטוע ביי ראָנאַכער'ן. אַזאַ גריכישע סטאַטוע שווייגט דאָך ווענינ־סטענס! ווען אָבער אַ פּאָעט הויבט אָן אַלץ אויסצופּלוידערן, דאָס שמעקט שוין נישט מיט קיין געלעכטער!

מאַרגאַרעטע (אונרוהיג). ליעבסטער, דו פערגעסט אָבער, אַז דער פּאָעט זאָגט נישט שטענדיג די וואַהרהייט.

קלעמענס. נו, און ווען ער קלערט דאָס אַליין אַלץ אויס פון קאָפּ, איז'ס שוין שענער?

מאַרגאַרעטע. דאָס רופט מען נישט „אויסקלערען פון קאָפּ", דאָס הייסט „סטיליזירען".

קלעמענס. וואָס איז עס שוין ווידער פאַר אַ וואָרט!

מאַרגאַרעטע. דאָס הייסט מיר דערצעהלען אַזעלכע זאַכען, וואָס מיר האָבען נאָרנישט איבערגעלעבט, וואָס מיר האָבען געזעהען אין דער אייגענער איינבילדונג, וואָס מיר האָבען איינפאַך ערפונדען.

קלעמענס. איך בעט דיך, ליבע מאַרגאַריטע, זאָג נישט שטענדיג „מיר". דו געהערסט שוין, אַ דאַנק גאָט, נישט צו יענער קאָמפּאַניע.

מאַרגאַרעטע. ווער ווייס!

קלעמענס. וואָס הייסט עס?

מאַרגאַרעטע (צערטליך). קלעמענס, איך מוז עס דיר זאָגען!

קלעמענס. וואָס איז?

מאַרגאַרעטע. איך געהער נאָך צו יענע! איך האָב נאָך נישט אויפגעהערט צו שרייבען.

קלעמענס. אין װעלכען זין?

מאַרגאַרעטע. דאָס איז דאָך גאַנץ איינפאַך: איך שרייב נאָך איצט אויך — אָדער, ריכטיגער, איך האָב וואָס ס'איז אָנגעשריבען. די שטרעמונג צום שרייבען איז פיל שטאַרקער, ווי מענשען קענען בעגרייפען. מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט איינגאַנצען צו גרונד געגאַנגען, ווען איך וואָלט אויפגעהערט צו שרייבען.

קלעמענס. אַלזאָ, וואָס האָסטו שוין דאָרט ווידער אָנגעשריבען?

מאַרגאַרעטע. אַ ראָמאַן. צופיל האָט זיך מיר אָנגעקליבען אויפ'ן האַרצען; איך וואָלט דערמיט דערשטיקט געוואָרען. ביז היינטיגען טאָג האָב איך דיר עס נישט געזאָגט; ענדליך, אָבער, מוז איך דיר'ס אויסזאָגען. קוניגעל איז ענטציקט דערפון.

קלעמענס. ווער איז עס דער קוניגעל?

מאַרגאַרעטע. מיין פערלעגער.

קלעמענס. דעם ראָמאַן האָט אַלזאָ אימיצער שוין געלייענט?

מאַרגאַרעטע. יאָ. און נאָך אַ סך וועלען איהם ליינען. קלעמענס, דו ועסט שטאָלץ זיין — גלויב מיר!

קלעמענס. דו האָסט אַ טעות, ליעבעס קינד. איך געפין עס פון דיין זייט פאַר... וואָס'רע זאַכען קומען פאָר איינגענטליך אין דעם ראָמאַן?

מאַרגאַרעטע. דאָס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט איבערגעבען. דער ראָמאַן ענטהאַלט אין זיך, זיך אַזוי אויסדריקענדיג, דאָס מעהרסטע, וואָס עס איז דאָ צו זאָגען איבער דאָס מעהרסטע.

קלעמענס. איך בויג מיין קאפ!

מארגארעטע. און דעריבער טאקע קען איך דיר צוזאגען, אז מעהר וועל איך זיך שוין צו קיין פעדער נישט צוריהרען. איך דארף דאס שוין נישט מעהר.

קלעמענס. מארגארעטע, דו האסט מיך ליעב, צי נישט?

מארגארעטע. ווי קענסטו עס פרעגען? דיך, נאר דיך! וויפיל איך האב נישט נאכגעקוקט אין לעבען, וויפיל איך האב נישט געזעהען אין לעבען — איבערגעלעבט האב איך גארנישט. איך האב אויף דיר געווארט.

קלעמענס. אלזא ברענג איהם אריין, דיין ראמאן.

מארגארעטע. ווי אזוי? וואס הייסט?

קלעמענס. נישט אנשרייבען איהם האסטו נישט געקענט — גוט; לייענען אבער זאל איהם וועניגסטענס קיינער נישט. ברענג איהם אהער, מיר וועלען איהם אריינווארפען אין פייער.

מארגארעטע. קלע!

קלעמענס. דאס פערלאנג איך פון דיר — דאס דארף איך פערלאנגען!

מארגארעטע. דאס איז נישט מעגליך! דאס איז —

קלעמענס. פארוואס? אויב איך פערלאנג עס, אויב איך ערקלער, אז דערפון איז אבהענגיג דאס ווייטערדיגע... דו פערשטעהסט מיך... וועט עס אפשר דאך מעגליך זיין!

מארגארעטע. קלעמענס, דער ראמאן איז דאך שוין געדרוקט.

קלעמענס. ווי? שוין געדרוקט?

מארגארעטע. יא! אין עטליכע טעג ארום וועט מען איהם אומעטום קריגען צו קויפען.

קלעמענס. מארגארעטע — און דאס אלץ איז געטאן געווארען, נישט זאגענדיג מיר אפילו איין ווארט...

מארגארעטע. קלעמענס, איך האב אנדערש נישט געקענט האנדלען. ווען דו ווערסט איהם איבערלייענען, וועסטו מיך ענטשולדיגען! נאכמעהר: — דו וועסט [illegible] רען מיט איהם!

קלעמענס. די זאַך, טײַערע, איז אַ סך ערנסטער, ווי דו מײנסט!

מאַרגאַרעטע. קלעמענס!

קלעמענס. אַדיע, מאַרגאַרעטע.

מאַרגאַרעטע. קלעמענס, וואָס הײסט עס — דו גײסט אַוועק?

קלעמענס. ווי דו זעהסט.

מאַרגאַרעטע. ווען קומסטו צוריק?

קלעמענס. דאָס קען איך אין דער מינוט נאָך נישט זאָגען. אַדיע.

מאַרגאַרעטע. קלעמענס! (וויל איהם פערהאַלטען).

קלעמענס. לאָז מיך. (געהט אַוועק).

מאַרגאַרעטע (אַלײן). קלעמענס! וואָס בעדײַטעט עס? ער פערלאָזט מיך? וואָס זאָל איך איצט טאָן? — קלעמענס! זאָל טאַקע אַלץ געענדיגט זײַן? נײן, דאָס איז נישט מעגליך! קלעמענס! — איך מוז איהם דעריאָגען! (זי זוכט איהר הוט — מ'קלינגט). אַח! ער האָט זיך אומגעקעהרט! ער האָט מיך נאָר געוואָלט אָבשרעקען. — אָה, מײַן קלע־מענס! (צום טהיר).

זשילבערט (געהט אַרײַן. צו דעם שטוב־מעדעל, וואָס האָט איהם געעפענט די טהיר). איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז די גנעדיגע מאַדאַם איז אין שטוב. — גוט מאָרגען, מאַרגאַרעטע.

מאַרגאַרעטע (צוטומעלט). איהר זײַט עס?

זשילבערט. איך בין עס — איך, אַמאַנדוס זשילבערט.

מאַרגאַרעטע. איך בין אַזוי ערשטױנט.

זשילבערט. דאָס זעה איך. ס'איז אָבער נישטאָ פון וואָס ערשטױנט צו ווערען. איך געפין זיך דאָ נאָר דורכ־פאָהרענדיג; איך פאָהר אין איטאַליען. און אײגענטליך בין איך געקומען איצט צו דיר נאָר, אום דיר, צום אַנדענקען פון אונזער אַלטער חבר'שאַפט, מײַן לעצטעס ווערק צו ברענגען. (גיט איהר איבער דאָס בוך. אַזוי ווי זי נעמט עס נישט גלײַך צו, לעגט ער עס אַוועק אויפ'ן טיש).

מאַרגאַרעטע. איהר זײַט זעהר ליבענסווירדיג, איך דאַנק אײַך.

זשילבערט. ביטע, דו האסט א געוויסעס רעכט אויף דעם בוך, — אלזא דא וואהנסט דו.

מארגארעטע. יא, אבער...

זשילבערט. דאס איז נאר די איבערגאנגס־צייט, איך ווייס. פאר א מעבלירטעם צימער איז עס גאנץ גענוג. נאר אט די פאמיליען־פארטרעטען אויף די ווענט קענען מיך משוגע מאכען.

מארגארעטע. מיין הויזווירטין איז אן׳אלמנה פון א גענעראל.

זשילבערט. דו דארפסט זיך נישט פערענטפערן.

מארגארעטע. פערענטפערן? מיר איז עס גארנישט איינגעפאלען.

זשילבערט. ס׳איז וואונדערבאר, איצט וועגען דעם צו קלערען...

מארגארעטע. וועגען וואס קלערט איהר?

זשילבערט. פארוואס זאל איך עס נישט זאגען? וועגען דאס קליינע צימערל אין דער שטיינדארפער גאס, מיט דעם באלקאן, פון וועלכען ס׳האט זיך געזעהען דער גאנצער טייך איזאר. דו געדענקסט, מארגארעטע?

מארגארעטע. אפשר זאלען מיר בעסער בלייבען ביי׳ם „איהר“?

זשילבערט. ווי דו ווילסט... ווי איהר ווילט, מארגארעטע. (פויזע. פלוצלונג.) איהר האט זעהר נישט אנשטענדיג געהאנדעלט, מארגארעטע.

מארגארעטע. וואס?!

זשילבערט. איהר ווילט, איך זאל זיך נישט אויסדריקען אזוי פראסט? צום בעדויערן, געפין איך נישט קיין אנדער ווארט. — און דאס איז געווען איננאנצען איבריג, מארגארעטע. מיט דער עהרליכקייט וואלט איהר אויך דאס זעלבע ערגרייכט, ס׳איז גארנישט נעטיג געווען זיך ארויס צוגנב׳נען פון מינכען, ביינאכט, אינ׳ם נעבעל און...

מארגארעטע. ס׳איז געווען נישט ביינאכט און נישט אינ׳ם נעבעל. איך בין אבגעפאהרען פון מינכען מיט׳ן שנעל־צוג האלב ניין אין דער פריה, ביי׳ם העלען זונענשיין,

זשילבערט. יעדענפאַלס, האָט מען זיך געקענט געזעגנען פריהער, נישט אמת? (זעצט זיך).

מאַרגאַרעטע. דער באַראָן קען יעדע מינוט אָנקומען.

זשילבערט. איז וואָס? איהר האָט איהם געוויס נישט דערצעהלט, אַז איהר זײַט אַמאָל אין מײַנע אָרעמס געלעגען און מיך פערגעטערט. פאַר איהם בין איך אײַנפאַך אײַער אַ גוטער בעקאַנטער פון מינכען. און אַ גוטער בעקאַנטער מעג דאָך אַרײַנקומען צו אײַך?

מאַרגאַרעטע. יעדער אַנדערער יאָ, איהר — נישט!

זשילבערט. פאַרוואָס? איהר פערשטעהט מיך נאָך אַלץ נישט גוט. איך בין ווירקליך געקומען צו אײַך, נאָר אַלס גוטער בעקאַנטער. אַלעס אַנדערעס, וואָס איז צווישען אונז געוועזען, איז שוין אַריבער, לאַנג אַריבער... אָט, איהר וועט אַליין זעהען. (ווײַזט אָן אויף זײַן בוך).

מאַרגאַרעטע. וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

זשילבערט. מײַן נײַסטער ראָמאַן.

מאַרגאַרעטע. איהר שרײַבט ראָמאַנען?

זשילבערט. איך שרײַב.

מאַרגאַרעטע. פון ווען אָן זײַט איהר עס אַ ראָמאַניסט געוואָרען?

זשילבערט. וואָס מײַנט איהר דערמיט?

מאַרגאַרעטע. אַח גאָט מײַנער, איך געדענק, אַז אײַער אײגענטליכער געביט איז געוועזען נאָר די קלײנע סקיצע, בעטראַכטונגען פונ'ם אַלטעגליכען לעבען...

זשילבערט. (אויפגערעגט). מײַן געביט? ... מײַן געביט איז די וועלט! איך שרײַב, וואָס מיר ווילט זיך! איך לאָז מיך נישט בעגרענעצען. איך ווײס נישט, וואָס עס זאָל מיך אָבהאַלטען פון אַ ראָמאַן צו שרײַבען!

מאַרגאַרעטע. נו, די מײַנונג פון די אויטאָריטעטע קריטיקער איז דאָך געוועזען...

זשילבערט. ווער זענען עס די אויטאָריטעטע קריטיקער?

מאַרגאַרעטע. איך געדענק, צום בײַשפיל, נײַמאַן'ס פעליעטאָן אין דער אַלגעמײנער...

זשילבערט (שטורמדיג). ניימאַן איז אַ אידיאָט! איך האָב איהם געפּאַטשט!

מאַרגאַרעטע. איהר האָט איהם...?

זשילבערט. אינערליך האָב איך איהם געפּאַטשט! דו ביזט דאַמאָלס צוקאָכט געווען פאַר דעם פּעליעטאָן נישט ווייניגער פון מיר. מיר זענען ביידע פאָלשטענדיג איינשטימיג געווען אין דעם, אַז ניימאַן איז אַ אידיאָט. „ווי וואַגט עס אַזאַ נישט..." דאָס זענען געווען דיינע ווערטער. „דיר גרענעצען אַויעקצושטעלען! ווי וואַגט ער עס, דיין ווערק נאָך, זיך אַזוי אויסדריקענדיג, אים מוטער'ס לייב צו דער־שטיקען"? דו אַליין האָסט עס געזאָגט! און היינט ברענגסטו מיר אַ בעווייז פון דעם ליטעראַטור־שנאָרער!

מאַרגאַרעטע. איך בעט אייך, שרייט נישט אַזוי, מיין הויזווירטין –

זשילבערט. דאָס איז נישט מיין פּפליכט, זיך צו קימערן וועגען אַלמנות פון גענערעלער, ווען מיינע נערוועןן צושפּילען זיך.

מאַרגאַרעטע. יאָ, וואָס אַזוינס האָב איך דאָ געזאָגט? איך פערשטעה נישט, וואָס איהר האָט דאָ געהאַט זיך צו בעליידיגען.

זשילבערט. בעליידיגען? דו רופסט עס בעליידיגונג? דו? דו, וואָס איין שלעכטעס וואָרט וועגען דיר פון וועלכען ס'איז גאַרנישט אין דער נידריגסטער גאַסענבלעטיל פלעגט דיך אויפטרייסלען און קראַנק מאַכען?

מאַרגאַרעטע. איך גערענק נישט, איבער מיר זאָל ווען ס'איז אַ שלעכטעס וואָרט געדרוקט זיין!

זשילבערט. אַזוי? איבריגענס, דו ביזט אפשר גערעכט. נעגען שענע פרויען איז מען שטענדיג העפליך.

מאַרגאַרעטע. העפליך? פון העפליכקייט־וועגען האָט מען מיינע לידער געלויבט? און דיין איינענע מיינונג...?

זשילבערט. מיין מיינונג? איך דאַרף איהר נישט צוריקנעמען; איך ערלויב זיך נאָר צו בעמערקען, אַז די עטליכע שענע לידער דיינע האָסטו אויפגעשריבען אין דער צייט, ווען מיר זענען צוזאַמען געווען.

מאַרגאַרעטע. און דו רעכענסט זיי זיך צו?

זשילבערט. וואָלסטו זיי דען אָנגעשריבען, ווען איך וואָלט נישט זיין? זענען זיי נישט צו מיר געווענדעט?

מארגארעטע. ניין!

זשילבערט. ווי? נישט צו מיר? דאָס איז אונגעהויער!

מארגארעטע. ניין, זיי זענען נישט צו דיר געווענדעט!

זשילבערט. איך בין איבערראשט! זאָל איך דיך אפשר דערמאָנען די אומשטענדען, ביי וועלכע דיינע שיינסטע פערזען זענען בעשאַפען געוואָרען?

מארגארעטע. מיינע לידער זענען געווענדעט געווען צו אַ אידעאַל...

זשילבערט. (ווייזט אַן אויף זיך).

מארגארעטע. — וועמעס אָרט אויף דר'ערד דו האָסט צופעליג פערטרעטען.

זשילבערט. הא! אויסגעצייכענט! פון וואַנען האָסטו דאָס גענומען? דו ווייסט, ווי דער פראַנצויז דריקט זיך אויס אין אַזעלכע פעלען? „C'est de la Litterature!"[1]

מארגארעטע (איהם נאָכמאַכענדיג). „Ce nest pas de la Litterature"[2] דאָס איז ריכטיג, פאָלשטענדיג ריכטיג! אָבער גלויבסטו טאַקע ערנסט, אַז מיט דעם שלאַנקען יונגלינג אין מיינע לידער האָב איך געמיינט דיך? אַז איך האָב דיינע לאָקען בעזונגען? — דו ביזט שוין דאַמאָלס דיק געווען — און דאָס זענען דאָך קיינמאָל קיין לאָקען נישט געווען! (פיהרט דורך איהר האַנד איבער זיינע האָר).

זשילבערט (האַפט אָן ביי דער געלעגענהייט איהר האַנד און קושט זי).

מארגארעטע (ווייטער). וואָס איז עס דיר פּלוצלינג איינגעפאַלען!

זשילבערט. דעמאָלט האָסטו זיי פאַר לאָקען גע... האַלטען. אָדער דו האָסט זיי וועניגסטענס אַזוי אָנגערופען. נו, יאָ, וואָס טוט מען נישט צוליב אַ גראַם, צוליב דעם, דער פערז זאָל שענער קלינגען! האָב איך דען דיך נישט

---

[1] דאָס איז ליטעראַטור.

[2] דאָס איז נישט קיין ליטעראַטור.

אנגערופען אין איינעם פון כייגע סאנעטען „מיין קלוגעס מעדעלע“? דערביי ביזטו געוועזען נישט... נישט... אבער ניין, איך וויל נישט אונגערעכט זיין — קלוג ביזטו יא געוועזען, אונפערשעמט קלוג, עקעלהאפטיג קלוג! דאס איז דיר געלונגען! איבריגענס: וואונדערן זיך דארף מען נישט; דו ביזט שטענדיג געוועזען אנגעשטעקט מיט סנאביזם*). נו, און איצט האסטו א דאנק גאט, דיינס אויסגעפיהרט. דו האסט איהם אריינגעכאפט, דיין אריסטאקראטישען יונגעל מיט די אבגעשטאקטע הענדטלעך און נישט געשליפענעם מארך, דעם אויסגעצייכענטען רייטער, פעכטער, שיכער, טעניס-שפילער, הערצענס-בעזיגער, — מארליט אליין וואלט אויך נישט גע-קענט ערפינדען קיין מעהר עקעלהאפטען העלד. יא, וואס ווילסטו נאך? ציי דאס וועט דיך צופרידען שטעלען אויף לאנג, דיך, וואס דו האסט שוין עפיס העכערעס פערזוכט, דאס איז אמת אנ'אנדער פראגע. איך קען דיר נאר דאס זאגען: פאר מיר, אין מיינע אויגען ביזטו א געפאלענע ליבעס-געטין.

מארגארעטע. דאס איז דיר איפ'ן באהן איינגעפאלען.

זשילבערט. אט נאר וואס איז עס מיר איינגעפאלען, אין דער מינוט!

מארגארעטע. שרייב עס זיך אויף, דאס איז א גוטווארט.

זשילבערט. איך האב פאר דיר נאך איינס: פריהער ביזטו געוועזען פרוי, היינט ביזטו נקבה. יא, דאס ביזטו! וואס דען האט דיך געטריבען אין די ארעמס פון אזא סארט מענשען? מעהר נישט ווי די תאוה, די געוועהנליכע טהיערישע תאוה!

מארגארעטע. איך בעט דיך, דו האסט א גרונד צו—!

זשילבערט. קינד מיינס, איך האב דאך אבער צו יעדער צייט אויסער דעם אויך א נשמה געהאט.

מארגארעטע. אמאל, אלס אויסנאהם —

זשילבערט. זוך בעסער נישט איצט, אונזערע בעציהונגען נידריג צו שטעלען — דאס וועט זיך דיר נישט

*) קליינקעפעלדיגקייט, נארעשע גאוה.

אײַנגעבען. ווי דו זאָלסט זיך נישט דרעהען, בלײַבט עס פאָרט דאָס שענסטע, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט.

מאַרגאַרעטע. גאָט מײַנער! ווען איך בערעכען איצט, אַז איך האָב אָט די— — — —
איבערגעטראָגען אַ גאַנץ יאָהר.

זשילבערט. איבערגעטראָגען? איבערגעטראָגען? דו האָסט זיך פערשבור'ט דערמיט! זײַ נישט אונדאַנקבאַר— איך בין עס אויך נישט. ווי נידריג דו האָסט זיך נישט בענומען אַם ענדע, מיר קען עס נישט ביטער מאַכען מײַנע ערינערונגען. איך וועל נאָך מעהר זאָגען: דאָס האָט אויך געהערט דערצו.

מאַרגאַרעטע. וואָס נאָך וועסטו זאָגען?

זשילבערט. ריכטיג טאַקע— די ערקלערונג בין איך דיר נאָך שולדיג; הער! גראַדע אין דער צײַט, ווען דו האָסט אָנגעהויבען זיך אָבצוקעהרען פון מיר, ווען דו האָסט אָנגעהויבען אַזוי שטאַרק צו בענקען נאָך דער פערד־שטאַל , la nastalgie de l'ècurie, גראַדע דאַמאָלס בין איך שוין אינערליך געוועזען ווײַט פון דיר.

מאַרגאַרעטע. ס'קען נישט זײַן!

זשילבערט. ס'איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס דו האָסט קײן זאַך נישט בעמערקט. — איך בין שוין געוועזען דאַן ווײַט פון דיר, יאָ! איך האָב דיך שוין אײַנפאַך נישט געדאַרפט מעהר. וואָס דו האָסט מיר געקענט געבען, האָסטו מיר געגעבען— דײַן אַרבײַט איז געענדיגט געוועזען. דו האָסט געוואוסט טיף אין האַרצען— דו האָסט געוואוסט אונבעוואוסטערהײַד...

מאַרגאַרעטע. איך בעט דיך, שפּיַ נישט אַזוי!

זשילבערט (זיך נישט פערלירענדיג).— אַז דײַן צײַט איז אַריבער. די בעציהונג צווישען אונז האָט איהר צוועק ערריײַכט, און איך האָב קײן חרטה נישט אויף דעם, וואָס איך האָב דיך געליבט.

מאַרגאַרעטע. איך אָבער!

זשילבערט. אויסגעצײַכענט! אין דער קלײנער בעמערקונג איז פאַר דעם מענשענקענער אויסגעדריקט דער טיפער, גרינדליכער אונטערשיד צווישען דעם אמת'ן

קינסטלער און דעם געמאָלטען. פאַר דיר, מאַרגאַרעטע, איז אונזער בעציהונג ביי הײַנטיגען טאָג נישט מעהר ווי אַ ערינערונג פון עטליכע פערשפּוּר׳ט־ווילדע נעכט, פון עטליכע הערצליכע שמועס׳ן, אין אָבענד, אין די אַלעען פון דעם ענגלישען פּאַרק, און איך האָב פון דער ליעבע אַ קונסט־ווערק בעשאַפען.

**מאַרגאַרעטע.** איך אויך!

**זשילבערט.** ווי אַזוי? ווי מײנסטו עס?

**מאַרגאַרעטע.** אַזוי ווי דיר איז אײַנגעפאַלען דאָס צו טאָן, איז עס מיר אויך אײַנגעפאַלען! איך האָב אויך געשריבען אַ ראָמאַן, און וועלכען עס זענען געשילדערט אונזערע אַמאָליגע בעציהונגען, איך האָב אויך פעראײביגט אונזער אַמאָליגע ליעבע — אָדער דאָס, וואָס מיר רופען אַן אַזוי —

**זשילבערט.** פון אײביגקײט וואָלט איך אױף דײן אָרט נאָך נישט גערעדט, אײדער ס׳איז אַרויס פון איהם אַ צווייטע אויפלאַגע.

**מאַרגאַרעטע.** ס׳איז נאָך פון דעסטוועגען אַ גרויסער אונטערשיד פון מײן אָנשרײבען אַ ראָמאַן ביז דײנעם.

**זשילבערט.** דאָס איז ריכטיג.

**מאַרגאַרעטע.** ווארום דו ביזט אַ פרײער מענש, דו דאַרפסט נישט אָבגעבּ׳נען די פּאָר שעה, און וועלכע דו ווילסט קינסטלער זײן, און דו שטעלסט נישט אין קאָן דײן צוקונפט.

**זשילבערט.** און דו?

**מאַרגאַרעטע.** איך האָב׳ס געטאָן! מיט אַ האַלבע שעה צוריק איז קלעמענס אַוועק פון מיר, ווײל איך האָב איהם מודה געווען, אַז איך האָב אָנגעשריבען אַ ראָמאַן.

**זשילבערט.** אַוועק פון דיר? אויף שטענדיג?

**מאַרגאַרעטע.** איך ווײס נישט. ס׳קען דאָס אויך זײן. ער איז אַוועק אין כעס. איהם איז שווער צו פער־שטעהן. איך קען גאָרנישט פאָראויסזעהן, וואָס ער וועט בעשליסען וועגען מיר.

**זשילבערט.** אַזוי! ער פערבאָט דיך, הײסט עס, צו שרײבען! ער קען נישט פערטראָגען, זײן געליבטע זאָל

אויף וויפיל ס'איז אויסנוצען איהרע גייסטיגע פעהיגקייטען! זעהר גוט! און דאס איז עס דער צירונג פון פאלק! אזוי— יא! און דו, דו שעמסט דיך נישט צו פיהלען אין די ארעמס פון אזא אידיאט דאס זעלבע, וואס דו האסט אמאל...

מ א ר ג א ר ע ט ע. איך פערבאט דיר צו רעדען וועגען איהם אין אזא טאן! דו פערשטעהסט איהם נישט!

ז ש י ל ב ע ר ט. אהא!

מ א ר ג א ר ע ט ע. יא, דו ווייסט נישט, פארוואס ער וויל נישט, איך זאל שרייבען! דאס איז נאר אוים ליזבע צו מיר! ער פיהלט, אז איך לעב דאן אין אזא וועלט, וואס איז פאר איהם פערשלאסען; ער שעמט זיך דערמיט, וואס איך ענטדעק די טיעפסטע געהיימניסע פון מיין נשמה פאר א פראסטינער מאסע; ער וויל איך זאל געהערן צו איהם אליין, אינגאנצען זאל איך צו איהם אליין געהערן; און דעריבער איז ער ענטלאפען... ניין, ער איז נישט ענטלאפען, אזעלכע מענשען ווי קלעמענ'ס אנטלויפען נישט...

ז ש י ל ב ע ר ט. גוט דורכגענומען. ער איז אבער פארט ענטלאפען. וועגען דעם: ווי ער איז געלאפען, וועלן מיר זיך נישט שפארען. און ענטלאפען איז ער דערפאר, וואס ער קען נישט ליידען, אז דו זאלסט שאפען און דענקען.

מ א ר ג א ר ע ט ע. אח, ווען ער וואלט נאך דאס אויך פערשטאנען! נאר דאס, ווייזט אוים, קען נישט זיין. איך האב דאך געקענט זיין די בעסטע, די עדעלסטע פרוי אין דער וועלט, ווען עס וואלט זיך נאר געפונען דער רעכטער מאן!

ז ש י ל ב ע ר ט. יעדענפאלס דריקסטו דערמיט אוים, אז ער איז נאך אויך נישט דער רעכטער.

מ א ר ג א ר ע ט ע. דאס האב איך נישט געזאגט!

ז ש י ל ב ע ר ט. פארוואס זאלסטו נישט פערשטעהן, אז ער פערקנעכטעט דיך איינפאך, אז צוליב זיין עגאאיזם וויל ער דיין איינענעם „איך" פערניכטען, אז צוליב איהם ווערסטו אינגאנצען צו גרונד געהן! דערמאהן זיך אן דער מארגארעטע, וואס דו ביזט אמאל געוועזען! דערמאהן זיך אן דער פרייהייט, אין וועלכער דו האסט מיך געליבט... דערמאהן זיך אן די רייכע פערזענליכקייטען, אין וועמעס געזעלשאפט

דו פֿלעגסט דאַמאָלס פֿערבּרענגען; דערמאָהן זיך אָן דעם יונגוואַרג, וואָס פֿלעגען זיך צוזאַמענקלײַבּען אַרום מיר און האָבּען דיך אויך ליבּ געהאַט. בּענקסטו דען נישט צײַטענווײַז נאָך יענער צײַט? קלערסטו גאָר נישט קײנמאָל וועגען דעם קלײנעם צימער׳ל מיט׳ן בּאַלקאָן, אונטער וועלכען עס האָט גערוישט דער אײזאַר — (ער האָט אָנגעכאַפּט איהרע הענד און ציהט איהר צו צו זיך).

מאַרגאַרעטע. אָה, גאָט!

זשילבּערט. עס קען ווידער אַזוי ווערען; אויב נישט דער אײזאַר, קען זײַן אַנ׳אַנדער טײַך. — איך וויל דיר עפּעס פֿאָרלעגען, מאַרגאַרעטין זאָג איהם, ווען ער וועט ווידער קומען, אַז דו האָסט נאָך אין מינכען עפּעס זעהר אַ נעטהיגע זאַך צו בּעזאָרגען, און פֿערבּרענג די פּאָר טעג מיט מיר. מאַרגאַרעטע, דו בּיזט דאָך אַזוי שען! מיר וועלן ווידער גליקליך זײַן, מאַרגאַרעטע, ווי אַמאָל! דו געדענקסט? (גאַנץ נאָהנט פֿון איהר). „אין לײדענשאַפֿטליכער פֿערשבּור׳ונג האָבּ איך אַרומגענומען דײַן האַלז און ...“

מאַרגאַרעטע (שטעלט זיך אַרויסרײַסענדיג פֿון איהם). אוועק! לאָז מיך! נײן, נײן! אוועק פֿון מיר, זאָג איך דיר! איך ליעבּ דיך נישט מעהר!

זשילבּערט. אָה! הם... אַזוי? נו, אויבּ אַזוי בּעט איך ענטשולדיגונג. (פּויזע). אַדיע, מאַרגאַרעטע, אַדיע.

מאַרגאַרעטע. אַדיע.

זשילבּערט. אַדיע. (זיך נאָך אַמאָל אומקעהרענדיג). ווילסטו ווענינגסטענס מיר נישט געבּען צום אַבּשיעד דײַן ראָמאַן, ווי איך האָבּ דיר געגעבּען מײַנעם?

מאַרגאַרעטע. ער איז נאָך נישט אַרויס. ערשט די אַנדערע וואָך וועט מען איהם קריגען.

זשילבּערט. איז מיר נישט ערלויבּט צו פֿרעגען: וואָס איז עס פֿאַר אַ סאָרט ראָמאַן?

מאַרגאַרעטע. דאָס איז דער ראָמאַן פֿון מײַן לעבּען. ס׳פֿערשטעהט זיך אַזוי פֿערשטעלט, אַז מיך קען מען דאָרט נישט דערקענען.

זשילבּערט. אַזוי? ווי האָסטו דאָס געמאַכט?

מאַרגאַרעטע. גאַנץ איינפאַך. אַלערערשטענס איז די העלדין דאָרט נישט קיין דיכטערין, נאָר אַ מאָלערין —

זשילבערט. דאָס איז אַ איינפאַל.

מאַרגאַרעטע. איהר ערשטער מאַן איז נישט קיין וואָל־פאַבריקאַנט, נאָר אַ גרויסער שפּעקולאַנט — און זי ווערט איהם אונטריי נישט מיט קיין טענאָר...

זשילבערט. חאַ־חאַ־חאַ!

מאַרגאַרעטע. וואָס לאַכסטו?

זשילבערט. דו ביזט איהם, הייסט עס, אונטריי געוואָרען מיט אַ טענאָר? דאָס האָב איך גאָר נישט געוואוסט.

מאַרגאַרעטע. איך האָב עס דען געזאָגט?

זשילבערט. אָט נאָר וואָס האָסטו עס מיר דערצעהלט.

מאַרגאַרעטע. ווי אַזוי? — איך זאָג נאָר, אַז די העלדין פון מיין ראָמאַן ווערט אונטריי דעם מאַן מיט אַ באַריטאָן.

זשילבערט. מיט אַ באַס וואָלט געווען גרויסאַרטיגער, און מיט אַ מעצצאָ־סאָפּראַן (—) שאַרפער.

מאַרגאַרעטע. נו, און דערנאָך פאָהרט זי נישט קיין מינכען, נאָר קיין דרעזדען, און דאָרט פערפיהרט זי אַ ראָמאַן מיט אַ בילד־שניצער.

זשילבערט. דער הייסט עס, בין איך... פערשלייערט?

מאַרגאַרעטע. זעהר פערשלייערט. דער בילד־שניצער איז נעמליך יונג, שען און אַ געניע. און נישט קוקענדיג אויף דעם וואַרפט זי איהם אוועק.

זשילבערט. צוליעב...?

מאַרגאַרעטע. טרעף!

זשילבערט. געוויס צוליעב אַ פערדטרייבער?

מאַרגאַרעטע. בהמה!

זשילבערט. צוליעב אַ גראַף? — צוליעב אַ פירשט?

מאַרגאַרעטע. ניין, ער איז אַן ערצהערצאָג!

זשילבערט (פערנייגט זיך.) דו האָסט ווירקליך נישט נעקאַרגט.

מאַרגאַרעטע. יאָ, אַן ערצהערצאָג, וואָס אויס ליעבע צו איהר פערלאָזט ער דעם הויף, האָט חתונה מיט

איהר און בעזעצט זיך צוזאמען מיט איהר אויף די קאנארישע אינזלען.

זשילבערט. קאנארישע אינזלען— זעהר שען! און דערנאך—?

מארגארעטע. זיי קומען אן אין...

זשילבערט. קאנאריען...

מארגארעטע. און דער ראמאן איז געענדיגט.

זשילבערט. אזוי, זעהר אנציהענד,— בעזונדער די פערשלייערונגען.

מארגארעטע. דו אליין וואלסט מיך נישט דערקענט, ווען —

זשילבערט. ווען וואס — ?

מארגארעטע. ווען אינ'ם פארלעצטען קאפיטעל וואלט זיך נישט געפונען אונזער גאנצע קארעספאנדענץ!

זשילבערט. וואס?!

מארגארעטע. יא— איך האב אריינגענומען אין דעם ראמאן אלע בריעף, וואס דו האסט מיר געשריבען און איך דיר.

זשילבערט. ענטשולדיג פאר דער פראגע — פון וואנען האסטו גענומען די בריעף, וואס דו האסט מיר געשריבען? די בריעף זענען דאך ביי מיר!

מארגארעטע. מיינע בריעף פלעג איך זיך שטענדיג צוזאמענשטעלען פריהער אויף א שטיקעל פאפיער.

זשילבערט. ווי? צוזאמענשטעלען פריהער?

מארגארעטע. יא.

זשילבערט. צוזאמענגעשטעלט און איבערגעשריבען דערנאך די בריעף צו מיר, וואס האבען אויסגעזעהען, ווי געשריבען מיט א ציטערנדער האנד פון שנעלקייט! „נאך איין ווארט, טייערינקער, עהדער איך געה שלאפען, די אויגען קלעפען זיך מיר...‟ און דאמאלס, ווען די אויגען האבען זיך דיר געקלעפט, האסטו עס איבערגעשריבען אויף ריין?!

מארגארעטע. נו איז וואס? דו געפינסט זיך אפשר בעליידיגט דערפון?

זשילבערט. פארוואס האב איך עס גלייך נישט

בעמערקט! ס'איז נאָך גוט, וואָס זיי זענען נישט נאָכ־געשריבען פון א בריפענשטעלער פאר געליעבטע. אָה, גאָט מיינער, אלץ צופאלט! פון דער גאנצער פערגאנגענהייט ווערט א בארג מיסט!... זי האָט זיך איהרע בריף פריהער צוזאמענגעשטעלט!

מארגארעטע. נאָך אלעמען דארפסטו נאָך אלץ צו־פרידען זיין. ווער ווייס, אויב מיינע בריעף צו דיר וועלן נישט זיין דאָס איינציגע, וואָס דו וועסט לאָזען נאָך זיך.

זשילבערט. און דערצו נאָך איז דאָ ארויסגעקומען זעהר א מאוסע מעשה.

מארגארעטע. וואָס איז?

זשילבערט (אויף זיין בוך אנווייזענדיג). דאָ זענען זיי אויך דאָ.

מארגארעטע. וואָס?! וואו?

זשילבערט. אין מיין ראָמאַן.

מארגארעטע. וואָס איז דאָ אין דיין ראָמאַן?

זשילבערט. אונזערע בריף — דיינע און מיינע.

מארגארעטע. פון וואַנען האָסטו דיינע בריף גענו־מען? זיי זענען דאָך ביי מיר! — אה, זעהסטו, דו האָסט זיי זיך אויך פריהער צוזאמענגעשטעלט.

זשילבערט. אָה ניין, איך פלעג זיך נאר לאָזען פון זיי קאָפּיעס, איידער איך פלעג זיי דיר אוועקשיקען. איך האָב נישט געוואָלט זיי זאָלען פערלאָרען געהן. עס זענען דאָ צווישען זיי עטליכע, וואָס דו האָסט זיי זאָגאר גארנישט געקריגען, וואָס זענען צו שיין געווען פאר דיר, וואָס דו וואָלסט זיי גארנישט פערשטאַנען.

מארגארעטע. אָה, גאָט מיינער, אויב עס איז ריכטיג אזוי... (בלעטערנדיג גילבערט'ס בוך). יאָ, עס איז אזוי! דאָס איז דאָך גאַנץ דאָס זעלבע, ווי ווען מיר וואָלטען דערצעהלט דער גאנצער וועלט, אז מיר ביידע... אח גאָט מיינער... (אויפגערעגט בלעטערנדיג). דו האָסט אפשר אריינגענומען דאָ אויך יענעם בריף, וואָס דו האָסט מיר געשריבען אויף צו מאָרגענס נאָך דער ערשטער נאַכט...

זשילבערט. נו געוועהנליך; דער בריף איז דאָך געווען אזוי גלענצענד אויפגעשריבען.

מאַרגאַרעטע. דאָס איז דאָך אָבער שרעקליך! עס וועט דאָך ווערן דערפון אַנ׳אייראָפּייאישער סקאַנדאַל! און קלעמענס! וואָס וועט ער זאָגען? אַח, גאָט מיינער! איך הויב שין אָן זיך צו ווינשען, ער זאָל נישט קומען מעהר, איך בין אַ פערלאָרענע! און דו צוזאַמען מיט מיר! וואו דו זאָלסט נישט זיין, וועט ער דיך אַלץ געפינען, און וועט דיך דערשיסען ווי אַ משוגענעם הונד!

זשילבערט. (בעהאַלט זיין בוך). ס׳אַרא נאַרעשער פערגלייך.

מאַרגאַרעטע. ווי האָט׳ס דיר געקענט איינפ.. ען אַזאַ נאַרעשער געדאַנק! אָבצודרוקען די בריף פון אַ פרוי, וועלכער דו האָסט כלומרש׳ט געליעבט... מ׳זעהט דאָך גלייך, אַז דו ביזט נישט קיין מענש!

זשילבערט. מיר געפעלט עס אָבער זעהר! האָסטו דען אויך נישט דאָס זעלבע געטאָן?

מאַרגאַרעטע. איך בין אַ פרוי.

זשילבערט. נו יאָ, איצט פערענטפערכטו זיך דערמיט!

מאַרגאַרעטע. דו ביזט גערעכט, איך האָב דיר נישט וואָס אויפצוואַרפען. מיר זענען זיך ווערט איינע די אַנדערע. יאָ, קלעמענס איז גערעכט. מיר זענען ערגער פון יענע פרויען, וואָס שטעלען זיך אַרוים אין טריקאָ ביי ראָנאַ-לער׳ין. אונזערע געהיימסטע פרעהליכקייטען, אונזערע שמערצען, אַלץ, אַלץ שטעלען מיר אַרוים! פפוי! פוי! איך הויב אָן זיך אַליין מאוס צו ווערען! מירביידע זענען אַ גלייכע פּאָר. קלעמענס וועט גערעכט זיין, אויב ער וועט מיך אַוועקטרייבען. (פלוצלונג). קום, אַמאַנרום!

זשילבערט. וואָס ווילסטו?

מאַרגאַרעטע. איך נעהם אָן דיין פאָרשלאָג...

זשילבערט. וואָס׳רא פאָרשלאָג?

מאַרגאַרעטע. איך ענטלויף מיט דיר! (זי זוכט דעם הוט און דעם מאַנטעל).

זשילבערט. וואָס איז דיר איינגעפאַלען? וואָס טהוסטו?

מאַרגאַרעטע (זעהר אויפגערעגט, שפּיליעט זיך צו דעם

הוט). עס קען ווידער אזוי ווערען ווי אמאל, דו האסט עס אליין געזאגט: אויב נישט דער איזאר, קען זיין אנ׳אנדער טייך, — נו, איך בין בערייט!

זשילבערט. דו ביזט משוגע! וואס איז׳ם פאר א לויפען — וואו, צו וואס? האסטו דען נישט געזאגט אליין, אז ער וועט מיך אומעטום וויסען צו געפינען? אויב דו וועסט ביי מיר זיין, וועט ער דיך אויך געפינען. עס וואלט געווען א סך קלינער, ווען יעדערער פון אונז... פאר זיך... באזונדער...

מארגארעטע. עלענדער הונד, איצט ווילסטו מיך לאזען אין קלעם? און מיט עטליכע מינוטען פריהער ביזטו פאר מיר אויף די קניע געלעגען? שעמסטו זיך נארנישט?

זשילבערט. פארוואס? איך בין א מענש א קראנקער, א נערוועזישער... איך בין אונטערגעווארפען מאמענטאלע שטימונגען...

מארגארעטע (בײם פענסטער, שרײט.) זשילבערט, וואס טוט זיך מיט דיר? וואס וועט אויף דיר זאגען די גענעראלשע?

מארגארעטע. ער איז עס! ער געהט!

זשילבערט. נו...

מארגארעטע. וואס, דו ווילסט אוועקגעהן?

זשילבערט. איך האב קיינמאל נישט געקלערט אבצושטאטען א וויזיט דעם הערר באראן.

מארגארעטע. ער וועט דיך טרעפען אויף די טרעפ. עס וועט זיין נאך ערגער. בלייב דא! נישט איך אליין וועל פאלען פאר א אפפער!

זשילבערט. זיי נישט משוגע. וואס ציטערסטו אזוי? ער האט דאך נאך נישט געקענט איבערלייענעןביידע ראמאנען. קום צו זיך! נעהם אראב דעם הוט! ווארף אראב דעם מאנטעל! (העלפט איהר.) ווען ער וועט דיך טרעפען אין אזא צושטאנד, וועט ער דאך גלייך טרעפען, אז...

מארגארעטע. מיר איז עס אלץ איינס — בעסער באלד איידער שפעטער. איך בין נישט אומשטאנד צו ווארטען אויף דער שרעקליכער מינוט. איך וועל איהם באלד אלץ זאגען.

זשילבערט. אלץ?!

מאַרגאַרעטע. יאָ, אַזוי לאַנג ווי דו ביזט נאָך דאָ דאָ. אויב איך וועל זיך איהם איצט עהרליך מודה זיין אין אַלעמען, וועט ער מיר אפשר ענטשולדיגען.

זשילבערט. און איך — און איך? מיר דאַכט, אַז איך האָב נאָך אין לעבען עפּעס קליגערעס צו טהאָן, ווי צו־לאָזען וועלכען ס'איז אייפערזיכטיגען באַראָן, ער זאָל מיך דערשיסען ווי אַ משוגענעם הונד! (ס'קלינגט).

מאַרגאַרעטע. ער איז'ס! דאָס איז ער!

זשילבערט. דו רעד גאָרנישט!

מאַרגאַרעטע. איך וועל רעדען!

זשילבערט. אַזוי? טאָ געדענק! איך וועל מיין פעל ביליג נישט פערקויפען!

מאַרגאַרעטע. וואָס ווילסטו טהאָן?

זשילבערט. איך וועל איהם דעם גאַנצען אמת אין די אויגען זאָגען, אַז אמת, וואָס קיין איין באַראָן האָט נאָך אַזעלכען נישט געהערט.

קלעמענס (קומט אַריין; עטוואָס פרעמדליך, זעהר קאַלט און העפליך.) אָה, העֶר זשילבערט, אויב איך האָב נישט קיין טעות?

זשילבערט. ריכטיג, העֶר באַראָן. זיך קלייבענדיג צו אַ רייזע אין די דרום־געגענדען, האָב איך זיך נישט געקענט אָבזאָגען פון דעם פערגעניגען צו בעזוכען דער גנעדיגער פרוי.

קלעמענס. אַח אַזוי (פויזע.) מיר דאַכט, אַז מיט מיין אַריינקומען האָב איך איבערגעריסען אייער שמועס, דאָס טוט מיר זעהר לייד. איך בעט אייך, שטערט זיך נישט.

זשילבערט. וועגען וואָס האָבען מיר נאָר וואָס גע־האַלטען אין רעדען, גנעדיגע פרוי?

קלעמענס. איך קען אייך אפשר העלפען דערמאָנען וואָס ס'איז? אין מינכען האָט איהר שטענדיג גערעדט וועגען אייערע ביכער...

זשילבערט. אַה זעהר גוט. איך האָב טאַקע גערעדט וועגען מיין נייעם ראָמאַן...

קלעמענס. ביטע, זעצט פאָר אייער שמועס. איצט קען מען שוין מיט מיר אויך רעדען וועגען ליטעראַטור.

ניט אמת מאַרגאַרעטע? — וואָס איז'ם פאַר אַ ראָמאַן: אַ נאַטוראַליסטישער? אַ סימבאָליסטישער? איבערגעלעבט? סטיליזירט?

זשילבערט. אמת, אין אַ געוויסען זין שרייבען מיר דאָך אַלע נאָר דאָס, וואָס מיר לעבען איבער.

קלעמענס. אַהאַ, דאָס איז זעהר אינטערעסאַנט!

זשילבערט. ווען איינער שילדערט זאָגאַר אַ נעראָן, איז אויך אונבעדינגט נויטיג, ער זאָל אינערליך האָבען אַנגעצונדען רוים...

קלעמענס. נאַטירליך.

זשילבערט. וואו דען, אַם ענדע, זאָל מען זוכען בעגייסטערונגען, וואו דען זאָל מען זוכען די העכערע שאַפונגס-שטימונג, אויב נישט ביי זיך אַליין? פון וואַנען דען זאָל מען נעמען מאָדעלן און מוסטער'ן, אויב נישט פון דעם לעבען אַרום אונז?

מאַרגאַרעטע (ווערט וואָס ווייטער אַלץ אונרוהיגער).

קלעמענס. צום בעדויערן איז נאָר דאָס, וואָס ביי די מאָדעלן אַליין פרעגט מען זעהר זעלטען, צו זיי ווילען דאָס. איך מוז אייך זאָגען, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ פרוי, וואָלט איך אויף קיין פאַל נישט ערלויבט, מ'זאָל אַלעמען דערצעהלען... (שאַרף). אין אַן'אַנשטענדיגער געזעלשאַפט רופט מען דאָס: בעליידיגען אַ פרוי!

זשילבערט. איך ווייס נישט, צו איך קען זיך אייך צורעכענען צו אַן'אַנשטענדיגער געזעלשאַפט, וואָס איך רוף דאָס: די פרוי אויפהויבען.

קלעמענס. גאָר אַזוי!

זשילבערט. דאָס וויכטיגסטע דערביי איז נאָר, אויף וויפיל דאָס גיט זיך איין דעם שרייבער! ווארום אים העכערן זיך איז דען נישט אַלץ איינס, צו וויסען וועגען אַ פרוי אין וועלכען בעט זי איז גליקליך געווען, אין דער אָדער אין יענער...

קלעמענס. העך זשילבערט, איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכען אויף דעם, אַז איהר רעדט דאָ אין דער געגענוואַרט פון אַ דאַמע!

זשילבערט. איך רעד דאָ אין דער געגענוואַרט

פון א קאָלעגע, הער באַראָן, וועלכער איז, גלויב איך, אײַנשטימיג מיט מיר אין דער הינזיכט.

קלעמענס. אָה!

מאַרגאַרעטע. (פלוצלונג). קלעמענס! (איהם צו די פיס פאַלענדיג) קלעמענס!

קלעמענס (ערשטוינט). וואָס... מאַרגאַרעטע! וואָס איז מיט דיר?...

מאַרגאַרעטע. פערצײַהע מיך, קלעמענס!

קלעמענס. אָבער וואָס איז... (צו זשילבערט'ן). מיר איז זעהר נישט אַנגענעהם, הער זשילבער... נו, שטעה שוין אויף, מאַרגאַרעטע! שטעה אויף... ס'איז שוין אַלץ גוט!

מאַרגאַרעטע. (קוקט איהם אָן).

קלעמענס. יאָ, יאָ. — שטעה אויף.

מאַרגאַרעטע (שטעהט אויף).

קלעמענס. ס'איז שוין אַלץ גוט, ס'איז שוין אַלץ אין אָרדנונג. נו יאָ, איך זאָג דיר. דו דאַרפסט נאָר איין וואָרט זאָגען קוויניגעל'ן דורכ'ן טעלעפאָן. איך האָב שוין אַלץ מיט איהם אָבגערעדט. מיר האָבען בעשלאָסען איהם צו פערניכטען. ביזטו אײַנשטימיג?

זשילבערט. איז מיר נישט ערלויבט צו פרעגען: וואָס האָט איהר עס בעשלאָסען צו פערניכטען? דעם ראָמאַן פון דער גנעדיגער פרוי?

קלעמענס. אַח, איהר ווייסט שוין דערפון? יעדענ־פאַלס שײַנט מיר, הער זשילבערט, אַז איהר זײַט נאָך נישט אַזעלכע נאָהנטע קאַמעראַדען...

זשילבערט. יאָ, מיר בלײַבט ווירקליך נישט קיין אַנדער זאַך צו טאָן, ווי צו בעטען ענטשולדיגונג. מיך פערדריסט עס ווירקליך.

קלעמענס. איך בעדויער זעהר, וואָס אײַך, הער זשילבערט איז אויסגעקומען דאָ בײַצוּוואָהנען אַ סצענע, וועלכע איך וואָלט שוין געקענט כמעט אָנרופען: אַ הויזליכע.

זשילבערט. אָה! — איך וויל אײַך מעהר נישט שטערן. גנעדיגע פרוי — הערר באַראָן — ערלויבט מיר, צום פאַקטישען בעווײַז דערפון, אַז צווישען אונז זענען נישטאָ מעהר קײַנע מיספערשטענדניסען, און צום שוואַכען אויסדריק

פון מיין סימפּאַטיע, איך, הער באַראָן, מיין ראָמאַן אונטערצוטראָגען!

קלעמענס. איהר זייט זעהר ליבענסווירדיג, הער זשילבערט. איך מוז זיך אפילו מודה זיין — דייטשעשע ראָמאַנען האָב איך נישט צופיל ליעב צום לעזען. נו, דאָס וועט זיין דער לעצטער, וואָס איך וועל לייענען... אָדער דער לעצטער פאַר'ן לעצטען —

מאַרגאַרעטע, זשילבערט. פאַר'ן לעצטען?

קלעמענס. יאָ.

מאַרגאַרעטע. און וועלכער וועט זיין דער לעצטער...?

קלעמענס. דיינער, טהייערע. (נעמט אַרויס אַן עקזעמפּליאַר פון קעשענע). איין עקזעמפּליאַר האָב איך זיך אויסגעבעטען ביי קוויניגעל'ן פאַר דיר — אָדער, ריכטיגער, פאַר אונז ביידע...

מאַרגאַרעטע און זשילבערט (וואַרפען זיך צוזומענלט איבער מיט בליקען).

מאַרגאַרעטע. ווי גוט דו ביזט!... (נעמט דעם ראָמאַן אין האַנד). יאָ... דאָס איז'ס...

קלעמענס. מיר וועלען איהם צוזאַמען לייענען.

מאַרגאַרעטע. ניין — קלעמענס... ניין, דאָס איז צופיל גוט פון דיין זייט — דאָ אַהער — (זי וואַרפט דאָס בוך אין קאַמין). איך וויל פון דעם אַלעמען נישט וויסען מעהר.

זשילבערט. (זעהר פרעהליך). גנעדיגע פרוי, וואָס —!

קלעמענס (צום קאַמין צולויפענדיג). מאַרגאַרעטע, וואָס טהוסטו —?

מאַרגאַרעטע. (ביי'ם קאַמין, קלעמענס'ן אין איהרע אָרעמס איינשליסענדיג). איצט גלויבסטו שוין, אַז איך האָב דיך ליעב—?

זשילבערט. (זעהר צופריעדען). מיר שיינט, אַז איך בין דאָ איבגאַנצען איבריג... גנעדיגע פרוי אַדיעה, הער באַראָן! — (צו זיך). אַ שאָד, וואָס איך האָב אַזוי נישט געענדיגט מיין ראָמאַן! (אָב)

פאָרהאַנג.

# בלומען.

איך האב ארומגעשפאצירט דעם גאנצען נאכמיטאג איבער די גאסען, אויף וועלכע ס'האט זיך פאמעלעך געשאטען א שטילער ווייסער שנעע,— און בין איצט אין דערהיים; דער לאמפ איז אנגעצונדען, די ציגאר פערראויכערט, די ביכער ליגען אויפ'ן טיש און אלץ איז איינגעארדענט אזוי, איך זאל מיך קאנען פיהלען גוט און בעקוועם... ס'איז אבער אומזיסט— איך טראכט אלץ וועגען דער זעלבער זאך.

איז זי דען נישט פאר מיר שוין לאנג געוועזען געשטארבען? ... יא, געשטארבען, אדער גאר ווי איך האב זיך אויסגעדריקט מיט דעם קינדישען פאטאס פון א אבגענארטען מענשען, „נאך ערגער ווי געשטארבען"? ... און איצט, צייט איך האב זיך דערוואוסט, אז זי איז נישט „ערגער ווי געשטארבען", ניין, נאר איינפאך טויט; טויט, ווי די אלע, וואס ליגען אין דרויסען, טיעף אין דר'ערד, אייביג, אייביג,— אינ'ם פריהלינג, אינ'ם הייסען זומער, און ווען דער שנעע פאלט אזוי ווי היינט... אהן א שום האפנונג נאך אויפצושטעהן ווען ס'איז— פון דעמאלט אן ווייס איך, אז אויך פאר מיר איז זי געשטארבען נישט מיט איין סעקונדע פריהער. ווי פאר אלע מענשען. ס'טוט וועה דאס הארץ? — ניין. דאס איז דאך נאר דער געוועהנליכער שוידער, וואס נעמט אונז ארום, ווען מ'לאזט אראב אין קבר אזוינס, וואס האט אמאל געהערט צו אונז; אזוינס, וואס שטעהט נאך דייטליך פאר אונזערע אויגען מיט דער ליכטיגקייט פון בליק און מיט דעם קלאנג פון דער שטימע...

יא, געוויס, מיך האט שטארק געקרענקט, ווען איך בין דערגאנגען דעמאלט איהר פאלשקייט;... וואס'רע נאך זאכען זענען אבער דאמאלס געוועזען דערביי!... דער בעם,

די אומגעריכטע שנאה, דער עקל צום לעבען און — געװיס! — איך די בעלײדיגטע אײנגעליבטע; — צו לײדען האָב איך אָנגעהױבען ערשט שפּעטער, אין אַ צײַט אַרום, און דאַן האָב איך געהאַט אַ טרײסט, װאָס האָט מיך געקיהלט: איך האָב געװאוסט, אַז זי לײַדט אױך. — איך האָב װי נאָך אַלע, יעדע מינוט קען איך זי װידער לײענען, — די הױפּענם בריף, אין װעלכע זי האָט מיט געװײנען און געשרײען געבעטען בײַ מיר פֿערצײַהונג! —— און זי אַלײן שטעהט מיר נאָך פֿאַר די אױגען, אין דײַם דונקעלען, ענגלישען קאָסטיום, מיט דעם קלײנעם שטרױענעם הוט, װי זי איז נעשטאַנען בײַ׳ם ראָג גאַס, אײַנגעהילט אין דער פֿאַרנאַכטיגער טונקעלהײַט, װען איך בין אַרױסגעגאַנגען פֿון טױער... און האָט מיר נאָכגעקוקט... איך געדענק אױך, װי מיר האָבען זיך געזעהן דאָס לעצטע מאָל, װי זי איז געשטאַנען פֿאַר מיר מיט די גרױסע, ערשטױנטע אױגען אין דעם קײלעכדיגען קינדערשען פּנים׳ל, װאָס האָט אױסגעזעהן אַזױ בלאַס, אַזױ טרױריג... איך האָב איהר די האַנד נישט געגעבען, װען זי איז אַװעקגעגאַנגען, — װען זי איז צום לעצטען מאָל אַװעקגעגאַנגען. — דורכ׳ן פֿענסטער האָב איהר נאָך־געקוקט ביז זי איז צוגעגאַנגען צום עק גאַס, און דאָרט איז זי פֿערשװאונדען געװאָרען... אױף אײביג. איצט קען זי שױן נישט צוריק קומען...

און די גאַנצע מעשה פֿון איהר שטאַרבען, האָב איך זיך דערװאוסט צופֿעליג. ס׳װאָלטען נאָך געקענט אַזױ אַװעקגעהן װאָכען און מאָנאַטען, און איך װאָלט פֿון קײן זאַך נישט געװאוסט. איך האָב בעגעגענט פֿאַר מיטאָג איהר פֿעטער, װעלכען איך האָב שױן אַ יאָהר צײַט נישט געזעהן, און װעלכער קומט זעהר זעלטען קײן װיען. אינגאַנצען האָב איך מיט איהם נאָר אַ פּאָר מאָל גערעדט. דאָס ערשטע מאָל, מיט דרײַ יאָהר צוריק, אין אַ רעסטאָראַן בײַם קעגעל־שפּיעל, װאו אױך זי איז געװעזען מיט איהר מוטער. — און אַ צװײט מאָל אינ׳ם שפּעטערדיגען זומער: איך בין דאַן געזעסען מיט אַ פּאָר בעקאַנטע אין אַ קאַפֿע־הױז פֿון פּראַטער־פּאַרק, און בײַ דעם טישעל נעבען אונז, איז געזעסען דער פֿעטער מיט צװײ אָדער דרײַ

הערן. ער איז דעמאָלט געווען זייער אויפֿגעלייגט, כמעט פֿריילעך, און האָט געטרונקען צו מיר „לחיים". און אײַדער ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון גאָרטן, האָט ער זיך אָבגעשטעלט נעבן מיר און מיר פֿערטרויט דעם גרויסן סוד, אַז זײַן פּלעמעניצע איז פֿערליבט אין מיר! — זײַענדיג האַלב־שיכּור האָט מיר דאַמאָלס עפּעס מאָדנע רייצענד און זאָגאַר געהיימניספֿול אויסגעזעהן דאָס, וואָס דער אַלטער האָט עס מיר דאָ דערצעהלט, אונטער די קלאַנגען פֿונ'ם צימבעל און די שרײַענדע פֿידלען, — מיר, דעם וואָס האָט עס אָהן איהם אויך גוט געוואוסט; דעם, וואָס די זיסקייט פֿון איהר לעצטען קוש איז נאָך אויף די ליפּען געלעגען... און איצט, היינט פֿאַרמיטאָג! איך בין שיער נישט אַריבערגעגאַנגען פֿערבײַ איהם, איהם גאָרנישט בעמערקענדיג. איך האָב איהם נאָכגעפֿרעגט אויף זײַן פּלעמעניצע מעהר אויס העפֿליכקייט, ווי אויס אינטערעסע... איך האָב דאָך פֿון איהר קיין זאַך נישט געוואוסט; בריעף האָט זי מיר שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו שרײַבען; נאָר בלומען פֿלעג איך פֿון איהר ערהאַלטען רעגעלמעסיג. ערינערונגען אָן דעם גליקליכסטען טאָג פֿון אונזער ליעבע; איינמאָל אין חודש פֿלעגען זיי אָנקומען; אָהן אַ שום צושריפֿט, — שווייגענדיגע, עניות'דיגע בלומען... און ווען איך האָב דעם אַלטען געפֿרעגט וועגען איהר, איז ער גאָר ערשטוינט געוואָרען: ווי איהר ווייסט גאָרנישט, אַז דאָס אָרעמע קינד איז שוין מיט אַ וואָך צוריק געשטאָרבען?... איך בין שטאַרק צוטומעלט געוואָרען. דאַן האָט ער מיר אַ סך דערצעהלט וועגען איהר. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז זי האָט אַ צײַט געקרענקט, נאָר אין בעט איז זי געלעגען אַלט טאָג אינגאַנצען. — „אויף וואָס איז זי קראַנק געוועזען?" — „אַ גייסטעס־קראַנקהייט... בלוטאָרמקייט... די דאָקטוירים האָבען אַליין נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז".

לאַנג בין איך נאָך געשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו דער אַלטער האָט מיך געלאָזען; איך בין געווען דערשלאָגען, אַזוי ווי עס וואָלט ליגען אויף מיר עפּעס אַ שווערע משא. — אין איינעם שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך דאַרף דעם היינטיגען

טאָג בעטראַכטען פֿאַר דעם אָנהויב פֿון אַ בעזונדערען פּעריאָד אין מיין לעבען. און פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס? — דאָס, וואָס עס האָט געטראָפֿען האָט מיך נאָר אויסערליך אָנגעריהרט. איך האָב קיין זאַך נישט געפֿיהלט צו איהר, איך האָב אפילו נישט געטראַכט וועגען איהר. דאָס, וואָס איך האָב בעשלאָסען דאָס אַלץ אָבצושרייבען. ווירקט אויף מיר זעהר גוט: איך בין רוהיגער געוואָרען... איך הויב אָן צו פֿיהלען די בעקוועמליכקייט פֿון שטוב. — ס'איז איבעריג צו טראַכטען ווייטער וועגען איהר, און צופֿיעל יסורים פֿערשאַפֿט עס... עס וועט זיך שוין געפֿינען איינער, וואָס האָט מעהר גרונד צו טרויערען נאָך איהר, ווי איך.

• • •

איך האָב געשפּאַצירט. ס'איז אַ שענער ווינטערטאָג. דער הימעל איז אַזוי בלאַס, אַזוי קאַלט, אַזוי ווייט... און איך בין זעהר רוהיג. דעט אַלטען, וועלכען איך האָב נעכטען געטראָפֿען... מיר דאַכט זיך איצט, אַז דאָס איז שוין געוועזען מיט אַ סך וואָכען צוריק. — ווען איך טראַכט וועגען איהר, שטעלט זי זיך מיר פֿאָר אַ לעבעדיגע, מיט אַלע ליניען און שטריכען פֿון איהר בילד; נאָר איין זאַך פֿעהלט דאָרט — דער כעס, דער טיעפֿער צאָרן, וועלכער האָט זיך ביי מיר ביז דער לעצטער צייט נישט אָבגעטיילט פֿון די ערינערונגען וועגען איהר. אייגענטליך האָב איך נישט קיין אמת'ע פֿאָרשטעלונג דערפֿון, אַז זי לעבט שוין נישט, אַז זי ליעגט אין אַ קבר, אַז מ'האָט זי בעגראָבען אין דער ערד — איך פֿיהל נישט אין האַרצען קיין שום וועהטאָג. דאָס אַרומיגע לעבען זעהט מיר נאָר אויס שטילער. ס'זענען געוועזען מאָמענטען, ווען איך האָב אינגאַנצען אויפֿגעהערט צו גלויבען, אַז עס עקזיסטירט אין לעבען טרויער און פֿערגניגען; איך האָב געטראַכט, אַז ס'זענען דאָ נאָר גרימאַסען, נאָר מאַסקעס פֿון פֿערגניגען און טרויער. מיר לאַכען אָדער וויינען און לאַדען איין דער נשמה אונזערער, זי זאָל דאָס אויך טאָן. איך וואָלט מיך געקענט איצט אַוועקזעצען לייענען טיעפֿע, ערנסטע ביכער, און וואָלט גלייך אַריינגעדרונגען און זייער טיעפֿען אינהאַלט. אָדער אַלטע בילדער שטודירען, וואָלט איך איצט געקענט;

אַלטע בילדער, וואָס האָבען מיר ביז אַהער גאָרנישט געזאָגט, וואָלטען איצט ענטדעקט געוואָרען פאַר מיר אין זייער גאַנצער שענקייט... און ווען איך טראַכט איצט וועגען מענשען, וועלכע זענען מיר ליעב און טייער געווען און דער טויט האָט זיי ביי מיר צוגענומען, פרעסט שוין נישט דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל—דער טויט שטעלט זיך מיר איצט פאָר ווי עפּעס פריינדליכעס, מילדעס; ער געהט אַרום צווישען אונז און וויל אונז קיין שלעכטס נישט טהאָן.

* *
*

אַ הויכער ווייסער שנעע האָט פערדעקט אַלע גאַסען, און די קליינע גרעטעל איז געקימען צו מיר מיט דעם פראָיעקט, מיר זאָלען זיך ענדליך דורכפאָהרען צוזאַמען אויף אַ שליטעל. און אָט האָבען מיר זיך אַוועקגעלאָזען אונטערן שטאָדט, אין פעלד, און אונטער דער קלינגעריי פון די גלעקלעך זענען מיר שטיל געפלויגען אויף די גלאַטע, ליכטיגע וועגען, פיהלענדיג איבער זיך דעם בלאַסגרויען הימעל. שנעל, געשווינד האָבען מיר זיך געטראָגען פאָרווערטס, דאָרט אַהין צווישען די ווייסע, מיט זונענגלאַנץ בעגאָסענע בערגלעך. גרעטעל האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און מיט אַ פרעהליכען בליק געקוקט פאָרווערטס אויף דעם לאַנגען וועג, וואָס האָט זיך געצויגען פאַר אונז. מיר זענען צוגעפאָהרען צו אַ קליינעם רעסטאָראַן, וועלכען מיר האָבען גוט געקענט פון דעם פאַר־אַיאָהריגען זומער; פון דער צייט, ווען ער איז געלעגען איינגאַנצען אין גרינס פערזונקען. איצט האָט ער אויסגעזעהען אַזוי פערענדערט, אַזוי עלענד, אַזוי אָבגעריסען פון דער איבריגער וועלט, ווי ווען מען וואָלט איהם איצט נאָר וואָס ענטדעקט. דער אויווען אין'ם פאָרערשטען צימער האָט אַזוי געגליהט, אַז מיר האָבען געמוזט אָברוקען אונזער טישעל; און אַזוי ווי די לינקע בעקעל מיט דעם לינקען אויער'ל ביי מיין גרעטל'ען זענען זעהר רויט געוואָרען, האָב איך איהר געמוזט קושען די אַנדערע בעקעל. היינט דאָס פאָהרען צוריק, שוין פאַרנאַכט־צייט. גרעטעל האָט זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו מיר און גענומען מיינע ביידע הענד אין איהרע. דערנאָך האָט זי געזאָגט: „היינט ענדליך, ביזטו ווידער מיינער!” זי

האט, גלייך אהן גריבלענישען און חקירות, געפונען דאס רעכטע ווארט, וואס האט מיך אזוי פרעהליך געמאכט. ס'קען זיין, אז די פרישע לופט אויפ'ן פרייען פעלד האט אויך אויף מיר גוט געווירקט, ווארום איך פיהל זיך איצט א סך פרייער און לייכטער, ווי אין די לעצטע טעג. —

* * *

דא נישט לאנג, ווען איך בין געלעגען נאכמיטאג אויפן דיוואן און געדרעמעלט, האט מיך פלוצלונג איבערראשט א מערקווירדיגער געדאנק. מיר איז פארגעקומען, אז איך בין עפעס א מארנער הארטער, קאלטער מענש; א מענש, וועלכער וואלט געקאנט אהן טרערען און אהן א שום ציכען פון גייסטיגע אינערליכע ליידען שטעהן פאר א קבר, ביי'ם ארא‌בלאזען זיין איהם דעם קערפער פון א געליעבט בעשעפינעש; א הארץ, וואס איז אזוי פערהארטעוועט געווארען, אז אפילו די שרעקליכקייט, וואס ס'האט אין זיך דער טויט פון א יונגעם וועזען, קען ביי איהם קיין פערצייהונג נישט ארויסרופען... יא, נישט פערצייהען, דאס איז דער קוואל פון מיינע ליידען...

* * *

אלץ איז פערביי, אלץ איז שוין אריבער. דאס לעבען, די פערשידענע פערגניגענס און דאס ביסעל ליעבע האבען פעריאגט פון מיר די אלע נארעשע געדאנקען. איך האב אנגעהויבען ווידער קומען צווישען מענשען. איך האב זיי גאנץ ליעב: זיי זענען עפעס אזוי זארגלאז, זיי פלוידערן עפעס אזוי פרעהליך וועגען פערשידענע נארעשקייטען. און גרעטעל! דאס איז א ליעב, צערטליך בעשעפעניש און אמשענסטען איז זי, ווען זי שטעלט זיך אוועק ביי מיר אין פענסטער, נאכמיטאג, און די גאלדענע זונענשטראהלען בלישטשען אויף איהר בלאנדען קאפ.

* * *

היינט איז געשעהען עפעס אונגעוועהנליכעס... היינט איז ריכטיג דער טאג, אין וועלכען איך פלעג אלע מאנאט

ערהאַלטען פֿון איהר בלומען... און די בלומען זענען ווידער אָנגעקומען; עפּעס ריכטיג, ווי... ווי עס וואָלט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. זיי זענען אָנגעקומען אין דערפֿריה מיט דער פּאָסט, און אַ ווייסעס, לאַנגעס און שמאָלעס שאַכטעל. ס'איז נאָך גאַנץ פֿריה געווען; דער שלאָף איז מיר נאָך געלעגען אויף די אויגען. נאָר ווי איך האָב געעפֿענט דאָס־שאַכטעל, איז דער שלאָף גלייך פֿערשוואונדען געוואָרען... איך האָב זיך דערשראָקען... אין שאַכטעל זענען געלעגען, צערטליך צוזאַמענגעבונדען מיט אַ פֿיינעם גאָלדענעם שנירעל, נעלקען און פֿיאַלקעס.. ווי אין אַ קבר זענען זיי דאָ געלעגען. און ווען איך האָב די בלומען אין האַנד גענומען, איז מיר אַ שוידער דורכגעגאַנגען איבערן לייב.— איך ווייס, ווי אַזוי זיי זענען היינט אָנגעקומען. ווען זי איז קראַנק געוואָרען און אפשר דאַמאָלס שוין, ווען זי האָט געפֿיהלט דעם נאָהנטען טויט, האָט זי גע[illegible]ט איהר געוועהנליכען בעשטעלונג אין בלומענמאַגאַזין, און האָט אָנגעזאָגט מ'זאָל עס מיר אָבשיקען אין דעם=און=דעם טאָג. פֿאַר אַזאַ ריהרענדער צערטליכקייט דאַרף מען דאַנקבאַר זיין.— געוויס, נאָר אַזוי לאָזט זיך די זאַך ערקלערן אַלס גאַנץ נאַטירליך, אַלס ריהרענדע אויפֿמערקזאַמקייט אפשר... און דאָך, ווען איך האַלט זיי אין האַנד, די בלומען, און ווען זיי הויבען אָן, ווי ס'דאַכט זיך, צו ציטערן און צו בויגען זיך אין אַלע זייטען, הויב איך אָן, געגען מיין ווילען און געגען מיין פֿערשטאַנד, צו זעהען אין זיי עפּעס, וואָס איז פֿול מיט סודות, און וואו גייסטער שוועבען אַרום... עפּעס, ווי די בלומען וואָלטען געקומען פֿון איהר, ווי זיי וואָלטען געווען אַ גרוס פֿון איהר... מיר שטעלט זיך פֿאָר, אַז דאָס האָט זי, שוין טויטערהייד, נאָך אַלץ געוואָלט דערצעהלען מיר פֿון איהר ליעבע, פֿון איהר פֿערשפּעטיגטער טרייהייט.— אָח, מיר פֿערשטעהען דעם טויט נישט קיינמאָל וועלען מיר איהם נישט פֿערשטעהן; יעדעס בעשעפֿעניש ווערט אין דער אמת'ן ערשט דאַמאָלס טויט, ווען עס זענען שוין אויסגעשטאָרבען אויך די אַלע, וואָס האָבען עס געקענט... איך האָב היינט די בלומען אין האַנד גענומען גאָר אַנדערש, ווי אַלע מאָל, צאַרטער, פֿאָרזיכטיגער, ווי מורא האָבענדיג, עס זאָל זיי נישט וועה טאָן, ווען מ'וועט

זײַ צו גראָב אָנצוּנעמען, און זײערע שטילע נשמות זאָלען נישט אָנהויבען שטילערהייד צו זיפצען... איצט נאָך, ווען זײ שטעהען פאַר מיר אויף מײַן שרײַבטיש אין אַ הויכען מאַט־גריבעם גלאָז, דאַכט זיך מיר, אַז זײ נייגען זײערע קעפּלעך מיט דעם אויסדריק פון טרויעריגער דאַנקבאַרקײַט... איך פיהל אין זײער דופּט דעט גאַנצען וועהטאָג פון האָפנונגס־לאָזער בענקשאַפט און מיר שטעלט זיך פאָר, אַז זײ וואָלטען מיר אַ סך געקענט דערצעהלען, ווען מיר וואָלטען פערשטאַנען די שפּראַך נישט פון אַלע רעדענדע, נאָר פון אַלע–לעבענדע.

* * *

איך וויל זיך נישט אָבנאַרען מעהר. דאָס זענען בלומען, און מעהר גאָרנישט! דאָס זענען נאָר גרוסען פון יענער וועלט, אין זײ הערט זיך אָבער נישט קיין רופען, ניין, זײ רופען נישט צו זיך אין קבר. — דאָס זענען בלומען, און וועלכע ס׳איז פערקויפערין פון וועלכען ס׳איז בלומענגעשעפט האָט זײ גאַנץ מיכאַניש צוזאַמענגעבונדען, מיט אַ שטיקעל וואַטע ארומגעלעגט, אַרײַנגעטאָן אין אַ ווייסען שאַכטעל און עס איבערגעגעבען אויף דער פאָסט. איצט זענען זײ אָנגע־קומען אַהער, און זײ ליגען דאָ פאַר מיר. נו, איז וואָס האָב איך אַזוי פיל צו קלערען וועגען זײ? —

* * *

איך פערברענג אַ סך אין פעלד און שפּאַציר אַ סך, צביער גאַנץ אַליין. ווען איך בין צווישען מענשען, פיהל איך נישט קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט זײ; אַזוי ווי אַלע פעדים, וואָס פערבינדען אונז, וואָלטען איבערגעריסען געוואָרען. דאָס זעלבע פיהל איך אויך דאַן, ווען דאָס ליבע בלאָנדע מעדעל זיצט בײַ מיר אין צימער און פלוידערט מיר אָן אַ פולען קאָפּ... איך ווייס אַליין נישט וועגען וואָס... און ווי נאָר זי געהט אַרויס, גלײַך אין דער ערשטער מינוט, זעהט זי שוין אויס אַזאַ ווייטע, עפּעס אַזוי, ווי דער מענ־שענשטראָם וואָלט זי באַלד אַ חאַפּ געטאָן און אַוועקגעטראָגען מיט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט גלײַך שפּורלאָז פערשוואונדען

געוואָרען אויף שטענדיג. ווען זי וואָלט שוין מעהר ניט צוריקגעקומען, וואָלט איך זיך גאָרנישט געוואונדערט.

* * *

די בלומען שטעהען נאָך אַלץ אין דעם שלאַנקען מאַט-גרינעם גלאָז. די שטענגעלעך שטעקען אין וואַסער און דאָס גאַנצע צימער איז פול מיט זייער אַראָמאַט. זיי שמעקען נאָך אַלץ, נישט קיקענדיג אויף דעם, וואָס זיי שטעהען שוין ביי מיר איבער אַ וואָך און הויבען שוין אָן צו וועלקען. — און איך הויב אָן איצט צו בעגרייפען די אַלע נאַרישקייטען, פון וועלכע איך האָב ביז אַהער געלאַכט; איך הויב אָן צו פערשטעהן, אַז מ'קען זיך צונויפרעדען מיט די שטומע פאָרשטעהער פון דער נאַטור, אַז מ'קען ערוואַרטען אַ ענטפער, אויך פון די וואָלקען אין הימעל און די טייכלעך צווישען די בערג; מ'דאַרף נאָר רעדען מיט זיי. אָט קוק איך איצט אָן מיינע בלומען און וואַרט, זיי זאָלען אָנהוי-רעדען ... וואָס רעד איך? ... איך ווייס דאָך זיכער, אַז זיי רעדען די גאַנצע צייט צווישען זיך ... איצט אויך ... אַז זיי רעדען כסדר און קלאָגען, און מיר דאַכט זיך, אַז ס'האַלט שוין דערביי, איך זאָל זיי אָנהויבען צו פערשטעהן.

* * *

ווי צופריעדען בין איך דערפון, וואָס דער ווינטער ע־יגט זיך שוין! אין דער לופט פיהלט זיך שוין דער נאָהנטער פריהלינג. די צייט געהט מיר אַריבער גענוג אומעטיג. איך האָב מיט קיין זאַך נישט געענדערט מיין אַרט לעבען און דאָך דאַכט זיך מיר אָפט, אַז די אויסערליבע שטריכען פון מיין לעבען זענען עפּעס געוואָרען נישט אַזוי פעסט, נישט אַזוי בעשטימט. די געשעהענישען פון דעם נעכטיגען טאָג ווערן פערשוואונדען פון מיין זכרון, און אַלץ, ו..ם ס'איז פאָרגעקומען אין די פריהערדיגע טעג, שטעלט זיך מיר פאָר, ווי עפּעס אַ נישט דייטליכער חלום. און יעדעס מאָל, ווען גרעטעל געהט אַוועק פון מיר, בעזונדער, ווען איך זעה זי נישט עטליכע טעג דורכאַנאַנד, שטעלען זיך מיר פאָר די בעציהונגען צווישען אונז, ווי אַ געשיכטע,

וואָס האָט שוין לאַנג, לאַנג פּאַסירט. זי קומט צו מיר יעדעס מאָל פֿון ווייט, פֿון אַ אומענדליכער ווייטקייט! — זומת, ווען זי הויבט אָן צו פֿלוידערן, ווערט אַלץ צוריק ווי אַמאָל: איך הויב אָן פֿיהלען דעם „איצט"; איך הויב אָן פֿיהלען, אַז איך לעב. דאַמאָלס דאַכט זיך מיר, אַז די ווערטער זענען צו הויך און די פֿאַרבען צו העל; און אויף וויפֿיעל דאָס זעלבע גוטע מעדעלע, ווערט ווייט פֿאַר מיר, ווען זי נעהמט פֿון מיר אַוועק, אויף אַזוי פֿיעל גליהענד און אַנגענעהם איז פֿאַר מיר איהר נאָהנטקייט, איהר געגענוואַרט. פֿריהער פֿלעגט נאָך איהר אַוועקגעהן בלייבען ביי מיר אַ נאָכקלאַנג און אַ נאָכבילד פֿון זינגענדע, ליכטיגע מינוטען; איצט אָבער ווערט אַלץ פֿערלאָשען און פֿערשטיקט, פּלוצלונג, ווי אין אַ זומפּפֿען הויהל. — און איך בלייב דאַן אַליין מיט מיינע בלומען. זיי זענען שוין פֿערוועלקט, און האָבען שוין קיין אַראָמאַט נישט. — גרעטעל האָט זיי ביז אַהער גאָרנישט בעמערקט; ערשט היינט דאָס ערשטע מאָל האָט זיך איהר בליק לענגער אָבגעשטעלט אויף זיי, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וויל מיך עפּעס פֿרעגען. עפּעס אַ געהיימע שרעק האָט זי פּלוצלונג אָבגעהאַלטען דערפֿון; — זי האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, האָט זיך באַלד געזעגענט מיט מיר און איז אַוועק.

* * *

פֿון די בלומען האָבען אָנגעהויבען די בלעטלעך אַראָבצופֿאַלען — איך ריהר זיך מעהר נישט צו צו זיי, איך האָב מורא, זיי זאָלען מיר נישט צוריבען ווערן צווישען די פֿינגער. און עס פֿערדריסט מיך שרעקליך, וואָס זיי זענען פֿערוועלקט געוואָרען. נאָר פֿאַרוואָס איך האָב נישט גענוג קראַפֿט צו מאַכען איין־מאָל־פֿאַר אַלע־מאָל אַ ענדע מיט דער נאַרעשער געשיכטע — ווייס איך נישט. זיי מאַכען מיך קראַנק, אָט די טויטע בלומען. צייטענווייז, טרעפֿט, בין איך נישט אימשטאַנד דאָס אויסצוהאַלטען און ענטלויף אינגאַנצען פֿון שטוב. נעהמט מיך אָבער אַרום אין מיטען גאַס אַ מאָדנע אונרוהיגקייט, און איך מוז צוריקלויפֿען, אַ קוק־טאָן אויף זיי. און דאָ געפֿין איך זיי דאַן אין דעם זעלביגען גרינעם

גלאָז, אַזוי ווי איך האָב זיי איבערגעלאָזען — מיעד און טרויעריג. נעכטען אין אָבענד האָב איך געוויינט פאַר זיי, ווי מ'וויינט אויף אַ קבר, און האָב גאָרנישט געטראַכט ויעגען דער, פון ועמען זיי שטאַמען. — אפשר האָב איך אַ טעות! נאָר מיר דאַכט זיך, אַז גרעטעל פיהלט אויך די אַנוועזענהייט אין מיין צימער פון עפּעס אַ שרעקליכער, אונגעוועהנליכער זאַך. זי לאַכט שוין נישט היינט, ווען זי קומט צו מיר, און רעדט שוין נישט אַזוי הויך, מיט דער פרישער, קלינגענדער שטימע, וועלכע איך בין געוואוינט געווען צו הערען פון איהר-אמת, איך נעהם זי היינט נישט אויף, ווי אַמאָל. — דערצו מאַטערט מיך נאָך אַ שטענדיגער שרעק: וואָס וועט זיין, אַז זי וועט מיך פרעגען: „פון וואַנען האָסטו די בלומען?" איך פיהל, אַז איך וואָלט אַזאַ פראַגע נישט איבערגעטראָגען.

אָפט נעמט זי איהר האַנד-אַרבייט מיט צו מיר, און ווען איך האַלט נאָך די ביכער אין האַנד, זיצט זי שטיל ביי'ם טיש, נעהט-אויס אָדער שטריקט אויס, און וואַרט געדולדיג ביז איך לעג אַוועק די ביכער, און געה צו צו איהר, אום אַרויסצונעהמען ביי איהר די אַרבייט פון האַנד. דערנאָך נעהם איך אַראָב די גרינע שיין פונ'ם לאָמפּ, ביי וועלכען זי איז געזעסען, און דאָס גאַנצע צימער ווערט פערגאָסען מיט אַ פריינדליכער, מילדער ליכטיגקייט. איך האָב נישט ליעב, אַז די ווינקלען פון צימער זאָל זיין דונקעל.

* * *

פריהלינג! — מיין פענסטער שטעהט אינגאַנצען אָפען, און איך מיט גרעטעל'ן זענען געשטאַנען ביי איהם שפּעט ביי-נאַכט און האָבען געקוקט אויף די פינסטערע גאַסען. די לופט אַרום אונז איז געווען ווייך און וואַרם, און ווען איך האָב אַ וואָרף געטאָן מיין בליק אין ווינקעל גאַס, וואו ס'איז געשטאַנען אַ לאַמטערן און האָט פערשפּרייט אַרום זיך אַ שוואַכע דונקעלע ליכטיגקייט, איז דאָרטען געשטאַנען אַ שוואַרצער שאָטען... איך האָב געקוקט אויף דעם שאָטען און האָב איהם נישט געזעהן... איך בין זיכער, אַז איך האָב איהם נישט געזעהען... איך האָב פערמאַכט די אויגען און פון אונטער די אַראָבגעלאָזענע ברעמען האָב איך פּלוצ-

לונג דערזעהען אַ אײַנזאַמעס, דערשלאָגענעס בעשעפעניש פאַר דעם שוואַכען שײַן פון דער לאַמטערן; שוידערהאַפט-דײַטליך האָב איך געזעהען דאָס געזיכט, ווי עס וואָלט בעלויכטען געוועזען פון אַ געלער זון און אין דעם בלאַס-טרויעריגען געזיכט האָב איך געזעהן די גרויסע, צוטומעלטע אויגען ... לאַנגזאַם בין איך דאַן אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער און האָב זיך געזעצט בײַ'ם שרײַבטיש; אויף איהם איז געשטאַנען אַ ליכט אין אַ לײַכטטער און דאָס פײַער האָט זיך געשאָקעלט אין אַלע זײַטען פונ'ם ווינט, וואָס האָט געבלאָזען דורכ'ן אָפענעם פענסטער. איך בין געבליבען זיצען אונבעוועגליך, וואָרום איך האָב געוואוסט, אַז דאָס אָרעמע בעשעפעניש דאָרט אין ווינקעל גאַס שטעהט און וואַרט; און ווען איך וואָלט געוואַגט די טויטע בלומען אָנצוריהרען, וואָלט איך זײ אַרויסגענומען פון גלאָז און איהר אַוועקגעטראָגען, איהר, דאָרט, אין גאַס... איך האָב געטראַכט וועגען דעם, שטאַרק געטראַכט, האָטש איך האָב פערשטאַנען גלײַך, אַז דאָס איז אַ נאַרעשקײַט. גרעטעל איז אויך אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער, איז געבליעבען שטעהן אַ ווײַלע הינטער מײַן שטוהל און האָט שטיל אָנגעריהרט מײַנע האָאר מיט איהרע ליפען. דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַנגען, לאָזענדיג מיך אַלײן... איך האָב שטאַרק אָנגעקוקט די בלומען. קײן בלומען זענען שוין אײגענטליך נישטאָ, עס זענען געבליבען נאָר די שטענגלעך פון זײ, אײַנגעטריקענטע, טרויעריגע... זײ מאַכען מיך קראַנק, זײ פיהרען מיך אַראָב פון זינען. — און דאָס מוז זיך זיכער לײַכט בעמערקען אויף מיר, וואָרום ווען נישט, וואָלט דאָך מיך גרעטעל געפרעגט אַמאָל וועגען זײ. זי פיהלט אויך מסתמא דאָס זעלבע וואָס איך, און דעריבער טאַקע לויפט זי אָפט אַרויס פון צימער, ווי עס וואָלטען אין איהם גײַסטער געוועזען.

* *
*

גײַסטער! — יאָ, דאָס זענען זײ, זײ זענען עס! — טויטע זאַכען געוועלטיגען איבערן לעבען. און ווען פערוועלקטע בלומען הויבען אָן אַרויסצוגעבען דעם ריח פון צופוילטקײַט, איז עס נאָר אַ ערינערונג דערפון, אַז זײ האָבען אַמאָל געבליהט און געשמעקט. און געשטאָרבענע

קומען צו אונז אַזוי לאַנג, ווי מיר פֿערגעסען זיי נישט. — זי קען שוין היינט נישט רעדען, איך קען זי דאָך אָבער נאָך הערען! זי קומט שוין נישט מעהר צו מיר, איך זעה זי אָבער! — און דער פֿריהלינג אין דרויסען; און די זון, וואָס פֿערגיסט מיט ליכטיגקייט מיין דיוואַן; און דער אַראָמאַט פֿון די זיך־פֿונאַנדערלאָזענדע סירענען, וואָס דערטראָגט זיך צו מיר פֿון דעם נאָהנטען גאָרטען; און די מענשען, וועלכע געהען דאָ אונטען אין גאַס און וועלכע הויבען מיך נישט אָן צו אינטערעסירען, — גראַדע זיי זענען עס די לעבעדיגע? איך קען אַרונטערלאָזען די פֿאָרהאַנגען און די זון איז טויט. איך וויל פֿון די אַלע מענשען נישט וויסען, און זיי זענען טויט. איך פֿערמאַך דאָס פֿענסטער אַזוי, אַז דער סירענען־דופֿט זאָל נישט אַריינדרינגען צו מיר אין צימער, און דער פֿריהלינג איז טויט. איך בין מעכטיגער אי פֿון דער זון, אי פֿון מענשען, אי פֿון פֿריהלינג. אָבער נאָך מעכטיגער פֿון מיר איז — די ערינערונג. זי קומט, ווען איהר ווילט זיך אין אַנטלויפֿען פֿון איהר קען מען נישט. אָט די איינגע־טריקענטע שטענגלעך אין׳ם גלאָז זענען מעכטיגער פֿון אַלע סירענען־דופֿטען און פֿון׳ם פֿריהלינג.

* * *

ווען איך בין געזעסען און געשריבען די שורות איז גרעטעל אַריינגעקומען. נאָך קיינמאָל איז זי אַזוי פֿריה נישט געקומען צו מיר: זי פֿלעגט קומען געוועהנליך פֿאַר נאַכט. איך בין ערשטיינט געוואָרען, כמעט צוטומעלט; אַ פּאָר סעקונדען איז זי געבליבען שטעהן אין טהיר, און איך האָב גע־קוקט אויף איהר, זי נישט בעגריסענדיג. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען שמייכלען און איז צוגעגאַנגען נעהנטער. אין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ קליינעם בוקעט פֿון פֿרישע בלו־מען און, נישט רעדענדיג איין וואָרט, איז זי צוגעגאַנגען צו מיין שרייבטיש און האָט דעם בוקעט אַוועקגעלעגט פֿאַר מיר. גלייך דערמיט האָט זי אויסגעצויגען די האַנד און אַ חאַפּ געטאָן די פֿערוועלקטע בלומען פֿון׳ם גרינעם גלאָז. איך האָב זיך געפֿיהלט דערביי, ווי ווען אימיצער וואָלט מיר אַ שטיק האַרץ אויסגעריסען, איך האָב אָבער נישט געקענט אפילו איין וואָרט אויסרעדען... און ווען איך האָב זיך אויפֿ־

געהויבען. אום זי אָנצוחאַפּען בײַ'ם האַנד, האָט זי מיך שמײכלענד'יג אָנגעקוקט. און, האַלטענדיג אין האַנד הויך איבערן קאָא די פערוועלקטע בלומען, איז זי שנעל צוגעלאָפען פון טיש צום פענסטער און האָט זײ אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס. מיר האָט זיך געוואָלט נעהמען און זיך נאָכוואַרפען נאָך זײ; בײַ'ם שוועל פון פענסטער שטעהט אָבער דאָס ליעבע, מילדע מעדעל, און קוקט מיך אָן. איבער איהר בלאָנדען קאָפּ בלישטשעט די וואַרעמע ווײַכע פריהלינגס־זון... און אין צימער הערט זיך אַ שטאַרקער סירענע־דופט. אין איך קוק אָן דאָס לעדיגע גרינע גלאָז, וואָס שטעהט אויפ'ן שווײַבטיש און ווייס נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך; מיר איז, דאָטש זיך, פרײַער עטוואָס... לײַכטער, אַ סך לײַכטער, ווי פריזהער. דאַן קומט צו גרעטעל, נעהמט איהר קלײן בוקעט'ל און טראָגט עס מיר צו נאָהנט צום געזיכט. ווײַסע, פרישע סירענען... וואָס'רע געזונדער, פרישער אַראָמאַט; — אַזאַ ווײכער, אַזאַ קיהלער; מיר האָט זיך געוואָלט דעם גאַנצען געזיכט אײַנגראָבען אין זײ, אין די לאַכענדע, ווײַסע, קושענדע בלומען! און איך האָב געפיהלט, אַז דער שאָטען איז פערשוואונדען געוואָרען פון מײַנע אויגען. — גרעטעל איז געשטאַנען הינטער מיר און האָט אַרומגעפיהרט איהרע ווילדע הענדטלעך אין מײַנע האָר. „דו ליעבינקער נאַרעלע!“ — האָט זי געזאָגט. האָט זי געוואוסט, וואָס זי האָט דאָ אָבגעטאָן?... איך האָב גענומען איהרע הענד און זײ געקושט. — פאַרנאַכט זענען מיר בײדע שפּאַצירען געגאַנגען אין פעלד, אינ'ם פריהלינג און נאָר וואָס בין איך מיט איהר צוריקגעקומען. איך האָב אָנגעצונדען אַ ליכט. מיר זענען אַ סך געגאַנגען צו־פוס און גרעטעל איז אַזוי מיעד געוואָרען, אַז זעצענדיג זיך אינ'ם וויענשטוהל נעבען קאַמין, איז זי גלײַך אײַנגעשלאָפען. ווי שען זי איז, ווען זי שמײכעלט אַזוי אין שלאָף!

אינ'ם שלאַנקען גרינעם גלאָז שטעהען פאַר מיר די סירענען. — און אונטען אויפ'ן גאַס — נײן, נײן, זײ ליעגען שוין לאַנג נישט אונטען... דער ווינט האָט זײ שוין לאַנג צוטראָגען מיט'ן שטויב פון גאַס...

אַרטור שניצלער.

# דער קאַראַהאָד

צעהן דיאלאָגען.

איבערזעצט דורך

ד״ר מיקראָקאָסמאָס.

## אינהאלט:


די פּראָסטיטוטקע און דער סאָלדאַט.

דער סאָלדאַט און דאָס דיענסטמעדעל.

דאָס דיענסטמעדעל און דער יונגער הערר.

דער יונגער הערר און די יונגע דאַמע.

די יונגע דאַמע און דער מאַן.

דער מאַן און דאָס גוטע מעדעל.

דאָס גוטע מעדעל און דער דיכטער.

דער דיכטער און די שוישפּיעלערין.

די שוישפּיעלערין און דער גראַף.

דער גראַף און די פּראָסטיטוטקע.

# פערזאנען.

די פראָסטיטוטקע.
דער סאָלראַט.
דאָס דינסטמעדעל.
דער יונגער הער.
די יונגע דאַמע.
דער מאַן.
דאָס גוטע מעדעל.
דער דיכטער.
די שוישפילערין.
דער גראַף.

## I.

# דער סאָלדאַט און די פּראָסטיטוטקע.

שפּעט אין אָבענד, ביי דער אוגאַרטעני-בריק.

**דער סאָלדאַט.** (קומט פייפענדיג, וויל געהן אַהיים).

**די פּראָסטיטוטקע.** קום, מיין שענער ענגעל.

**סאָלדאַט.** (קעהרט זיך אום און געהט דערנאָך ווייטער).

**פּראָסטיטוטקע.** דו ווילסט נישט געהן מיט מיר?

**סאָלדאַט.** אַה, איך בין עס דער שענער ענגעל?

**פּראָסטיטוטקע.** געוויס, ווער דען? הער, קום אריין צו מיר. איך וואָהן דאָ נישט ווייט.

**סאָלדאַט.** איך האָב קיין צייט נישט. איך מוז אין קאַזארמע געהן.

**פּראָסטיטוטקע.** אין קאַזארמע האָסטו נאָך צייט צו געהן. ביי מיר איז בעסער.

**סאָלדאַט.** (געהט צו נאָהנט צו איהר) דאָס קען זיין.

**פּראָסטיטוטקע.** ש-ש-ש-ש. דאָ קען יעדער מינוט אַ פּאָליציי-מאַן פערביי געהן.

**סאָלדאַט.** איך לאַך פון זיהם! אַ פּאָליציי-מאַן! איך האָב מיין געוועהר אויך ביי'ן זייט.

**פּראָסטיטוטקע.** קום.

**סאָלדאַט.** לאָז מיר צו רוהיג. איך האָב קיין געלד אויך נישט.

**פּראָסטיטוטקע.** איך דאַרף קיין געלד נישט.

**סאָלדאַט** (בלייבט שטעהן. זיי געפינען זיך נעבען אַ לאמטערנע). דו דאַרפסט קיין געלד נישט? ווער ביזטו עס אַזוינע?

**פּראָסטיטוטקע.** צאָהלען צאָהלען מיר די ציווילנע. אַזאַ ווי דו, קען עס ביי מיר שטענדיג אומזיסט קריגען.

**סאָלדאַט.** דו ביזט מסתמא די, פון וועלכער הובער האָט מיר דערצעהלט.—

**פּראָסטיטוטקע.** איך ווייס נישט פון קיין הובער.

**סאָלדאַט.** דאָס איז געוויס דו. דו ווייסט די קאַפפע-הויז אויף דער שיפס-גאַס-פון דאָרט איז ער מיט דיר אַהיים געגאַנגען.

**פּראָסטיטוטקע.** פון דער קאַפפע-הויז בין איך שוין מיט אַסך אַהיים געגאַנגען... אָה! אָה!—

סאָלדאַט. נו, קום, קום!
פּראָסטיטוטקע. וואָס, איצט אײַלסט דו זיך?
סאָלדאַט. וואָס זאָלן מיר דאָ וואַרטן? צעהן דעם זײגער מוז איך שוין זײַן אין קאַזאַרמע.
פּראָסטיטוטקע. ווי לאַנג דינסטו שוין?
סאָלדאַט. וואָס גײט עס דיך אָן? דו וואוינסט ווײַט פון דאַנען?
פּראָסטיטוטקע. דער צוגײען דאַרף דויערן צעהן מינוט.
סאָלדאַט. דאָס איז צו ווײַט פאַר מיר. טהו מיר אַ קוש.
פּראָסטיטוטקע (קושט איהם). דאָס טהו איך זעהר גערן — ווען איינער געפעלט מיר!
סאָלדאַט. איך נישט. ניין, איך גײ נישט מיט דיר, ס'איז מיר צו ווײַט.
פּראָסטיטוטקע. ווײסטו וואָס, קום מאָרגען נאָכמיטאָג.
סאָלדאַט. גוט. גיב מיר דײַן אַדרעס.
פּראָסטיטוטקע. דו וועסט דאָך אָבער נישט קומען.
סאָלדאַט. אַז איך זאָג יע איז יע!
פּראָסטיטוטקע. הער, ווייסט וואָס — אויב ס'איז דיר צו ווײַט איצט מיט מיר צו גײן... קום דאָ... דאָ...
(ווייזט איהם אויפ'ן טײַך).
סאָלדאַט. וואָס הייסט?
פּראָסטיטוטקע. דאָרט איז איצט שטיל... קיינער גײט דאָרט איצט נישט פאַרבײַ.
סאָלדאַט. אַה, דאָרט איז נישט גוט.
פּראָסטיטוטקע. בײַ מיר איז שטענדיג גוט. קום איצט מיט מיר. ווער ווייס, צו מיר וועלן נאָך דערלעבען ביז מאָרגען.
סאָלדאַט. טאָ קום — אָבער געשווינד!
פּראָסטיטוטקע. גיב אַכטונג, דאָ איז פינסטער. גליטשסטו זיך אויס — פאַלסטו גלײַך אַרײַן אין דונאַי!
סאָלדאַט. וואָלט געווען דאָס בעסטע.
פּראָסטיטוטקע. ש-ש-ש, וואַרט נאָך אַ ביסל. דאָ באַלד וועט זײַן אַ באַנק.
סאָלדאַט. דו ווייסט דאָ שוין אַלע ווינקעלעך.
פּראָסטיטוטקע. אַזאַ ווי דו, וואָלט איך געוואָלט האָבען פאַר אַ געליבטען.

סאָלדאַט. איך וואָלט דיר צופיעל געאײַפּערט.

פּראָסטיטוטקע. נו, דערפון וואָלט איך דיך שוין אָבגעוואָהנט.

סאָלדאַט. האַ–

פּראָסטיטוטקע. נישט אַזוי הויך. אַמאָל טרעפט. אַז אַ וועכטער פערקריכט דאָ אַהער... בערעכען, מיר זענען דאָך אין וויען, אין רעכטען מיטען שטאָדט?

סאָלדאַט. דאָ אַהער קום, אַהער.

פּראָסטיטוטקע. פערגעס נישט... וועלען מיר זיך דאָ אויס־אויסגליטשען, ליגען מיר גלייך אין וואַסער.

סאָלדאַט (איהר אָנחאַפּענדיג). אַה, דו...

פּראָסטיטוטקע. האַלט זיך שטאַרק.

סאָלדאַט. האָב קיין מורא נישט...

— — — — — — — — — — — — — —

פּראָסטיטוטקע. אויף דער באַנק וואָלט שוין בעסער געווען.

סאָלדאַט. אַלץ איינס, דאָ אָדער דאָ... נו שטעה אויף!

פּראָסטיטוטקע. שוין? ... וואָס לויפסטו אַזוי?

סאָלדאַט. איך מוז אין קאַזאַרמע געהן, איך האָב שוין אַזוי אויך פערשפּעטיגט.

פּראָסטיטוטקע. געה, דו, ווי רופט מען דיך?

סאָלדאַט. וואָס אינטערעסירט עס דיך, ווי מ'רופט מיך?

פּראָסטיטוטקע. איך הײס לעאָקאַדיע.

סאָלדאַט. האַ! – אַזאַ נאָמען האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

פּראָסטיטוטקע. הער!

סאָלדאַט. נו, וואָס ווילסטו?

פּראָסטיטוטקע. גיב האָטש אַ צעהנעריל פאַר'ן טהיר־וועכטער! –

סאָלדאַט. האַ!... ניין, דאָס טהו איך נישט. אַדיע! לעאָקאַדיע...

פּראָסטיטוטקע. אומזיסטיגער פרעסער! חוליגאַן!

(ער ווערט פערשוואונדען).

## .II

# דער סאָלדאַט און דאָס דיענסטמעדעל.

אין פּראַטער *). זונטאָג אָבענדס. אַ וועגעל, וואָס פיהרט פון׳ם וואורשטעל־פּראַטער אין די דונקעלע אַלעען. דאָ הערט מען נאָך די ווילדע מוזיק פון דעם וואורשטעל־פּראַטער; מ׳הערט אויך די קלאַנגען פון דער אָרדינערער פּאָלקע וואָס ווערט געשפּיעלט אויף בלאָז אינסטרומענטען. דער סאָלדאַט. דאָס דיענסטמעדעל.

**דאָס דיענסטמעדעל.** נו, איצט זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט איהר עס אַזוי נויטיג געמוזט אַוועקגעהן?

**דער סאָלדאַט** (לאַכט פערלעגען און נאַריש).

**דיענסטמעדעל.** ס׳איז דאָך דאָרט אַזוי גוט געווען. איך האָב אַזוי ליעב צו טאַנצען —

**סאָלדאַט** (נעמט איהר אַרום ביי׳ם טאַליע).

**דיענסטמעדעל** (שטערט איהם נישט). איצט טאָרצען מיר דאָך נישט. פאַרוואָס האַלט איהר מיך אַזוי פעסט אַרומגענומען?

**סאָלדאַט.** ווי הייסט איהר? קאַטיע?

**דיענסטמעדעל.** אייך ליעגט שטענדיג עפּעס אַ קאַטיע אין קאָפּ.

**סאָלדאַט.** איך ווייס, איך ווייס שוין .. מאַריע.

**דיענסטמעדעל.** זעהט, דאָ איז פינסטער, איך האָב מורא.

**סאָלדאַט.** ווען איך בין מיט אייך, דאַרפט איהר קיין מורא נישט האָבען. מיר קענען, אַדאַנק גאָט, אונזער שטעדטיל בעשטעהן!

**דיענסטמעדעל.** אָבער וואו געהען מיר דאָ? דאָ זעהט מען דאָך קיין מענשען נישט. קומט, קומט צוריק! — און ס׳איז אַזוי פינסטער!

**סאָלדאַט** (טהוט אַ ציה זיין ווירזשיניע־ציגאַר, אַזוי, אַז דער אָנגעצונדענער ברעג לייכטעט) ס׳איז שוין ליכטיג! האַ האַ! אַ דו גאָלד!

**דיענסטמעדע׳.** אַה, וואָס טהוט איהר?... ווען איך וואָלט עס געוואוסט!...

---

*) פּראַטער — פערגניגונגס־אָרט אין ווין.

סאָלדאַט. זאָל מיך דער טײַוועל נעהמען, אויב נאָך איינע איז הײַנט געוועזען בײַ סוּוואָראָוו'ן אַזאַ, שטײַף און געשמאַק, ווי איהר, פֿרוילײַן מאַריע.

דיענסטמעדעל. האָט איהר דען אַלע אויסגעפּראָבירט?

סאָלדאַט. בײַ'ם טאַנצען בעמערקט מען נישט ווילענדיג. דאָ בעמערקט מען נאָך אַסך זאַכען! האַ!

דיענסטמעדעל. פֿון דעסטוועגען האָט איהר מיט דער בלאָנדער, וואָס האָט עם דעם צודרעהטען פּנים, מעהר געטאַנצט, ווי מיט מיר.

סאָלדאַט. דאָס איז אַ אַלטע בעקאַנטע פֿון מײַנעם אַ פֿרײַנד.

דיענסטמעדעל. פֿון דעם אונטער-אָפֿיציער מיט די פֿערדרעהטע וואָנסען?

סאָלדאַט. ניין, דאָס איז דער ציווילנער, וואָס איז געזעסען פֿריהער מיט מיר בײַ'ן טיש; דער מיט דער הייזעריגער שטימע.

דיענסטמעדעל. אַה, איך ווייס שוין. דאָס איז אַ פּראָסטער יונג.

סאָלדאַט. ער האָט אײַך עפּעס געטהון? איך וועל איהם שוין אָנלערנען! וואָס האָט ער אײַך געטהון?

דיענסטמעדעל. ניין, גאָר נישט... איך האָב נאָר געזעהען, ווי ער איז מיט אַנדערע.

סאָלדאַט. לאָזט, פֿרוילײַן מאַריע...

דיענסטמעדעל. איהר וועט מיך אָבבריהען מיט אײַער ציגאַר.

סאָלדאַט. פּאַרדאָן! — מאַריע, קומט, מיר וועלען זיך זאָגען אײַנע די אַנדערע דוּ.

דיענסטמעדעל. מיר זענען נאָך נישט אַזעלכע גוטע בעקאַנטע. —

סאָלדאַט. ס'זענען דאָ אַסך, וואָס קענען זיך גאָר איינע די אַנדערע נישט לײַדען, און זאָגען זיך פֿון דעסטוועגען דוּ.

דיענסטמעדעל. ס'אַנדערע מאָל, ווען מיר... הערט. הערר פֿראַנץ...

סאָלדאַט. איהר ווייסט, ווי איך הייס?

דיענסטמעדעל. הערט, הערר פֿראַנץ...

סאָלדאַט. רופֿט מיך פּראָסט פֿראַנץ.

דיִענסטמעדעל. טאָ זײַט נישט אַזוי פֿרעך... ס'קען נאָך אימיצער פֿערבײַגעהן!

סאָלדאַט. און אַז אימיצער וועט פֿערבײַגעהן, איז אויך גאָר נישט. מ'זעהט דאָ נישט פֿאַר קײַן צוויי טריט.

דיִענסטמעדעל. אָבער אום גאָטעס ווילען, וואו געהען מיר דאָ?

סאָלדאַט. זעהסט, אָט געהען דאָ אויך צוויי אַזוי ווי מיר.

דיִענסטמעדעל. וואו? איך זעה גאָר נישט.

סאָלדאַט. אָט דאָ... פֿאַר אונז.

דיִענסטמעדעל. פֿאַרוואָס האָט איהר עפּעס געזאָגט: צוויי אַזוי ווי מיר? —

סאָלדאַט. נו. איך מײַן, אַז זיי האָבען זיך אויך ליעב.

דיִענסטמעדעל. גיט אַכטונג! וואָס איז דאָ? איך בין איצט שיִער נישט אומגעפֿאַלען.

סאָלדאַט. אַה, דאָס איז דער פֿאַרקאַן פֿון די לאָנקעס.

דיִענסטמעדעל. שטויסט מיך נישט אַזוי, איך וועל אומ־פֿאַלען.

סאָלדאַט. ש־ש־ש, נישט אַזוי הויך.

דיִענסטמעדעל. הערט, איך וועל באַלד אין דער אמת'ן אָנהויבען צו שרײַען... וואָס טהוט איהר... וואָס טהוט...

סאָלדאַט. דאָ איז איצט קײַן לעבעדיגער נפש נישטא.

דיִענסטמעדעל. טאָ קומט צוריק, וואו מענשען געהען.

סאָלדאַט. מיר דאַרפֿען קײַן מענשען נישט, וואָס, מאַריע, מיר דאַרפֿען... דערצו... האַ... האַ...

דיִענסטמעדעל. הערר פֿראַנץ, איך בעט אײַך, אום גאָטעס ווילען, זעהט, ווען איך יואָלט עס... וויסען... אָה... אָה... קום!... קום!...

— — — — — — — — — — — —

סאָלדאַט (גליקליך). גאָט מײַנער... נאָכאַמאָל... אַה...

דיִענסטמעדעל. — איך זעה גאָרנישט דײַן געזיכט.

סאָלדאַט. אַ... וואָס דאַרטען... געזיכט...

— — — — — — — — — — — —

סאָלדאַט. שטעהט אויף, דאָ אין'ם גראָז קען מען נישט בלײַבען ליעגען.

דיענסטמעדעל. העלף מיר אויפשטעהן, פראנץ.
סאָלדאַט. נו, הויב זיך אויף.
דיענסטמעדעל. אח, גאָט מיינער, פראַנץ.
סאָלדאַט. וואָס האָט עס מיט פראַנץ'ן צו טהון?
דיענסטמעדעל. דו ביזט אַ שלעכטער מענש, פראַנץ.
סאָלדאַט. נו יאָ! וואַרט אַביסל!
דיענסטמעדעל. דו לאָזט מיך דאָ אַזוי?
סאָלדאַט. מ'טאָר שוין קיין ציגאַר נישט פֿאַררייכערן?
דיענסטמעדעל. ס'איז אַזוי פינסטער!
סאָלדאַט. מאָרגען אין דער פריה וועט ווידער ליכטיג זיין.
דיענסטמעדעל. זאָג חאָטש, דו האָסט מיך ליעב?
סאָלדאַט. נו, דאָס האָסטו, גלויב איך, געפיהלט, פרוילין מאריע, האַ! חאַ!
דיענסטמעדעל. וואוהין געהען מיר?
סאָלדאַט. צוריק, נו.
דיענסטמעדעל. געה נישט, איך בעט דיך, אַזוי געשווינד!
סאָלדאַט. וואָס איז דאָס ווייטער? איך האָב נישט ליעב צו געהן אין דער פינסטער.
דיענסטמעדעל. זאָג פראַנץ, דו האָסט מיך ליעב?
סאָלדאַט. איך האָב דאָך דיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז איך האָב דיך ליעב!
דיענסטמעדעל. דו ווילסט מיר נישט אַקוש טהון?
סאָלדאַט (גנעדיג). ביטע... הערסט, — איצט קען מען שוין ווידער הערען די מוזיק.
דיענסטמעדעל. דו ווילסט נאָך ווייטער געהן טאַנצען?
סאָלדאַט. נו געוויס. וואָס דען?
דיענסטמעדעל. דו ווייסט, פראַנץ, איך מוז שוין געהן אַהיים. זיי וועלען שוין דאָרטען רעדען... מיין מאַדאַם איז אַזאַ... זי וואָלט וועלען מ'זאָל קיין מאָל פון שטוב נישט אַרויסטרעטען.
סאָלדאַט. נו יאָ, געה אַהיים.
דיענסטמעדעל. איך האָב געמיינט, אַז איהר וועט מיך אונטערפיהרען, הערר פראַנץ.
סאָלדאַט. אונטערפיהרען? אַה!
דיענסטמעדעל. ס'איז אַזוי אומעטיג אַליין צו געהן.

פאָלדאַט. וואו וואָהנט איהר דען?

דיענסטמעדעל. נישט ווייט פון דאַנען — אויף דער פאַר־צעלײַ־גאַס.

סאָלדאַט. אַזוי? האָבען מיר דאָך איין וועג... אָבער איצט איז מיר נאָך צו פ״יה... היינט דאַרף איך פאַר צוועלף אין קאַזאַרמע נישט זיין. איך געה נאָך טאַנצען.

דיענסטמעדעל. נו געוויס, איך פערשטעה. איצט דאַרף מען געהן צו דער בלאָנדער מיט דעם צודו־עהטען געזיכט.

סאָלדאַט. האַ! — איהר געזיכט איז גאָר נישט אַזוי צו־דרעהט.

דיענסטמעדעל. אַח, גאָט מיינער, ווי שלעכט די מענער זענען! איהר זייט געוויס מיט אַלע אַזוי!

סאָלדאַט. נו, דאָס וואָלט שוין צופיעל געווען! —

דיענסטמעדעל. פראַנץ, נו איך בעט אייך, זאָל שוין זיין גענוג היינט — זייט שוין היינט מיט מיר. —

סאָלדאַט. נו גוט, גוט. אָבער טאַנצען מעג איך דאָך.

דיענסטמעדעל. איך וועל שוין היינט מעהר מיט קיינעם נישט טאַנצען!

סאָלדאַט. נו, אָט איז ער שוין...

דיענסטמעדעל. ווער?

סאָלדאַט. סוואָבאָדאַ! ווי געשווינד מיר זענען צוריק גע־קומען. זיי שפּיעלען נאָך אַלץ דאָס זעלביגע...

טאַדאַראַדאַ טאַדאַראַדאַ... (זינגט מיט)... נו אַלזאָ, אויב דו ווערסט אויף מיר אויפוואַרטען, וועל איך דיר צופיהרען... און אויב נישט... אַ גוטע נאַכט...

דיענסטמעדעל. איך וועל אויפוואַרטען.

סאָלדאַט. איהר ווייסט, פרויליין מאַריע, לאָזט זיך געבען אַ גלאָז ביער. (ווענדעט זיך צו אַ בלאָנדינקע, וואָס טאַנצט פערביי מיט איינעם, קאַוואַליער־מעסיג:) גנעדיגעם פרויליין, ביטע זעהר. —

## .III

# דאָס דיענסטמעדעל און דער יונגער הער.

---

אַ הייסער זומער־נאָכמיטאָג.—די עלטערען זענען שוין אויף'ן דאַטשע. – די קעכין איז היינט פריי. – דאָס דיענסט־מעדעל שרייבט אין קיך אַ בריעף צו דעם סאָלדאַט, וואָס איז איהר געליעבטער. ס'הערט זיך קלינגענדיג פון דעם יונגען הערר'ס צימער. זי שטעהט אויף און געהט אַריין צו איהם.

דער יונגער הערר ליעגט אויף אַ דיוואַן, רויכערט און לעזט אַ פראַנצעזישען ראָמאַן.

**דאָס דיענסטמעדעל.** וואָס ווילט איהר?

**דער יונגער הערר.** אַה יאָ, מאַריע, אַה יאָ, איך האָב געקלונגען, יאָ... וואָס האָב איך עס... יאָ ריכטיג, די רולעטען לאָזט אַרונטער, מאַריע... ס'איז קיהלער, ווען די רולעטען זענען אַראָבגעלאָזען... יאָ... (דאָס דיענסטמעדעל געהט צו צום פענסטער און לאָזט אַרונטער די רולעטען).

**יונגער הערר.** (ליעענט ווייטער). וואָס טהוט איהר דאָרט, מאַריע? אַח יאָ, איצט זעהט מען אָבער גאָרנישט, ס'קען נישט לייענען.

**דיענסטמעדעל.** איהר, יונגער הערר, זייט שטענדיג אַ פלאַסיג.

**יונגער הערר** (הערט איהם צופריעדען). אַזוי איז גוט, (זי געהט אַוועק).

**יונגער הערר.** (פּראָבירט ווייטער לייענען, לאָזט אָבער באַלד דעם בוך אַראָבפאַלען און קלינגט ווידער.

**דיענסטמעדעל** (קומט אַריין).

**יונגער הערר.** הערט, מאַריע... יאָ, וואָס האָב איך איין געוואָלט זאָגען... יאָ... ס'איז אפשר דאָ אין שטוב קאָניאַק?

**דיענסטמעדעל.** יאָ, ער איז אָבער פערשלאָסען.

**וונגער הערר** ווער האָט דען די שליסלען?

**יענסטמעדעל.** די שליסלען זענען ביי ליבי'ן.

יונגער הערר. וואָר איז די ליבי?

דינסטמעדעל. די קעלין, הערר אלפרעד.

יונגער הערר. נו, טאָ זאָגט ליני׳ן.

דינסטמעדעל. זי איז היינט פריי.

יונגער הערר. אַזוי...

דינסטמעדעל. איהר ווילט אפשר, איך זאָל אַריינ־ברענגען פון קאַפּעע־הויז...

יונגער הערר. אַה ניין... ס׳איז אַזוי אויך היים גענוג, איך דאַרף נישט קיין קאָניאַק. ווייסט איהר וואָס, מאַריע? ברענגט מיר אַ גלאָז וואַסער. ס־ס־ס, מאַריע — איהר זאָלט לאָזען אָבלויפען דאָס וואַסער, עס זאָל זיין גוט קאַלט. —

(דאָס דינסטמעדעל געהט אַרויס).

יונגער הערר (קוקט איהר נאָך, ביי דער טהיר קעהרט זיך דאָס דינסטמעדעל אום צו איהם; דער יונגער הערר קוקט אין דער לופטען. — דאָס דינסטמעדעל עפענט דעם קראַן פון דעם וואַסערלייטונג און לאָזט געהן דאָס וואַסער. אין דער צייט האַפט זי זיך אַריין אין איהר קליין צימערל, וואַשט זיך אָב די הענד, מאַכט צורעכט ביי׳ם שפּיעגעל איהרע האָאָר, און טראָגט צו דעם יונגען הערר דאָס גלאָז וואַסער. זי געהט צו דיכט נעבען דיוואַן).

יונגער הערר (הויבט זיך אויף אין דער העלפט, דאָס דינסט־מעדעל גיט איהם דאָס גלאָז אין האַנד, זייערע פינגער ריהרען זיך אָן).

יונגער הערר. אַזוי, דאַנקע. — נו, וואָס איז? — גיט אַכטונג; שטעלט אַוועק דאָס גלאָז צוריק אויף׳ן טעציל... (ער לעגט זיך צוריק און ציהט זיך אויס). ווי שפּעט איז איצט?

דינסטמעדעל. דער זייגער איז פינף, יונגער הערר.

יונגער הערר. אַזוי, פינף. — נו גוט. —

דינסטמעדעל (גייהט אַרויס; ביי דער טהיר קעהרט זי זיך אום; דער יונגער הערר האָט איהר נאָכגעקוקט, זי בעמערקט עס און שמייכעלט).

יונגער הערר (בלייבט אַ ווײַלע ליגען, דערנאָך שטעהט ער פּלוצלונג אויף. ער געהט צו ביז׳ן טהיר, דערנאָך צוריק,

און לעגט זיך ווייטער אויפ'ן דיוואן. ער פראבירט ווידער צו ער לייענען, נאך א פאר מינוטען קלינגט ער ווייטער).

דיענסטמעדעל (קומט אריין מיט א שמייכעל, וועלכען זי זוכט גארנישט צו בעהאלטען).

יונגער הערר. הערט, מאריע, איך האב אייך געוואלט פרעגען ... דא איז נישט געוועזען פאר מיטאג ד"ר שולער?

דיענסטמעדעל. ניין, היינט פאר מיטאג איז דא קיינער נישט געוועזען.

יונגער הערר. אזוי, דאס איז ווּאונדערבאר. איז ד"ר שולער נישט געוועזען דא, זאגט איהר? איהר קענט דעם ד"ר שולער?

דיענסטמעדעל. געוויס. דאס איז דער גרויסער הערר מיט דער שווארצער בארד.

יונגער הערר. יא. אפשר איז ער יא געוועזען?

דיענסטמעדעל. ניין, דא איז קיינער נישט געוועזען, יונגער הערר.

יונגער הערר (ענטשלאסען). קומט אהער, מאריע.

דיענסטמעדעל (געהט צו עטליכע טריט). וואס איז?

יונגער הערר. נעהנטער ... אזוי ... אה ... איך האב געמיינט ...

דיענסטמעדעל. וואס האט איהר געמיינט?

יונגער הערר. געמיינט... געמיינט האב איך... וועגען אייער בלוזע... וואס איז פאר א?... נו, קומט צו נעהנטער .. איך וועל אייך נישט אביס טהון.

דיענסטמעדעל (געהט צו צו איהם). וואס איז מיט מיין בלוזע? זי געפעלט אייך נישט?

יונגער הערר (נעהמט אן די בלוזע און ציהט איהר דערווייל צו צו זיך). א בלוזע? דאס איז א גאנץ שענער בלאער קאליער. (איינפאך). איהר געהט זעהר שען אנגע- טהון, מאריע.

דיענסטמעדעל. וואס טהוט איהר, יונגער הערר?..

יונגער הערר. וואס איז?... (ער האט איהר די בלוזקע אויפ- געשפיליעט, מיט א גרינגע פליהען טאן:) ביי אייך איז זעהר א ווייכע לייב, מאריע.

**דינסטמעדעל.** איהר גיט מיר קאמפלימענטען, יונגער הערר,

**יונגער הערר** (קושט איהר אויפ'ן ברוסט). עס טהוט דאך נישט וועה...

**דינסטמעדעל.** א ניין...

**יונגער הערר.** ווייל איהר זיפצט אזוי! פארוואס זיפצט איהר?

**דינסטמעדעל.** אה, הערר אלפרעד...

**יונגער הערר.** און וואסר'ע שענע טופליעס!...

**דינסטמעדעל.** אח... יונגער הערר... ווען מ'וועט אנ־קלינגען...

**יונגערהערר.** ווער וועט איצט קלינגען?

**דינסטמעדעל.** און זעהט... ס'איז דאך אזוי ליכטיג...

**יונגער הער.** פאר מיר דארפט איהר זיך נים שעמען. איהר דארפט זיך אין אלגעמיין נישט... פאר קיינעם... ווען מ'איז אזוי שען. יא, איך שווער איך; מאריע, איהר זייט... און איהר ווייסט, אייערע האאר שמעקען אויך אנגענעהם...

**דינסטמעדעל.** הערר אלפרעד...

**יונגער הערר.** מאכט נישט אזעלכע צערמאניעס מאריע... איך האב אייך שוין געזעהען איינמאל... איך בין געקומען דא נישט לאנג שפעט ביינאכט אהיים און בין געגאנגען זיך נעהמען וואסער; די טהיר פון אייער צימער איז געווען אפען... נו און איך...

**דינסטמעדעל** (בעהאלט איהר געזיכט). אח, גאט מיינער... איך האב קיינמאל נישט געגלויבט, הערר אלפרעד, אז איהר זייט פעהיג צו...

**יונגער הערר.** דאמאלס האב איך אסך געזעהען... דאס... און דאס... און —

**דינסטמעדעל.** הערר אלפרעד!

**יונגער הערר.** קום. קום... אהער... אזוי... אט אזוי...

**דינסטמעדעל.** אימיצער וועט אנקלינגען —

**יונגער הערר.** הערט שוין אויף... וועט מען נישט עפנען...

— — — — — — — — — — — — — —

(עס קלינגט).

יונגער הערר. זאָל עס דער מזל געהאַט... אַז וואָס'רא ליאַרם. — ער האָט שוין פריהער געווין
אויך געקלונגען, נאָר מיר האָבען נישט געהער'ט...

דיענסטמעדעל. ניין, איך האָב זיך די גאַנצע צייט אייני געהערט.

יונגער הערר. נו. געהט טהוט אַ קוק.

דיענסטמעדעל. הערר אַלפרעד... איהר זייט... ניין... אַזוי שלעכט...

יונגער הערר. געהט, איך בעט אייך, טהוט אַקוק.—

דיענסטמעדעל (געהט אַרויס).

יונגער הערר (ציהט שנעל אַרויף די רולעטען).

דיענסטמעדעל (קומט ווידער אַריין). ער האָט שוין געמוזט
אַוועקגעהן; דאָרט איז איצט שוין קיינער נישטאָ.
אפשר איז עס דער ד"ר שיולער געווען.

יונער הערר (אונצופריעדען). גוט.

דיענסטמעדעל (געהט צו נאָהנט צו איהם).

יונגער הערר (געהט אב אַן אַ זייט). — איהר, מאַריע,— איך געה איצט אינ'ם קאַפּע=הויז.—

דיענסטמעדעל (צערטליך). שוין... הערר אַלפרעד.

יונגער הערר (שטרענג). איך געה איצט אינ'ם קאַפּע=הויז. ווען ד"ר שיולער וועט קומען—

דיענסטמעדעל. ער וועט היינט נישט קומען.

יונגער הערר (נאָך שטרענגער). אויב ד"ר שיולער וועט קומען, וועל איך, אייך... וועל איך זיין, אינ'ם קאַפּע=הויז. — (געהט אינ'ם אַנדערען צימער).

דיענסטמעדעל (נעהמט אַ ציגאַר פון רויך=טיש, בעהאַלט איהר און געהט אַרויס).

## 17.

# דער יונגער הערר און די יונגע פרוי.

---

אין אבענד. — א סאלאן, מיט באנאלער עלעגאנץ מעבלירט, אין א הויז אויף דער שווינד־גאס.

(דער יונגער הערר איז נאר וואס ארײנגעקומען און צינדט אן די ליכט, טראגענדיג נאך דעם הוט אויפ'ן קאפ און דעם אויבערציהער אויף זיך. דאן עפענט ער די טהיר צום דערבײאיגען צימער אוןווארפט א בליק אין איהם. פון די ליכט, וואס ברענען אין סאלאן, געהט דער שײן איבערן פארקעט ביז צו דער הימעלבעט, וואס שטעהט בײ דער אנטקעגענדיגער וואנד. פון דיים קאמין אין ווינקעל פון שלאפצימער שלאגט זיך אב ארויטליכער ליכטשײן אויף די פא־האנגען פון בעט. — דער יונגער הערר בעקוקט דאס שלאפצימער אויך און, נעהמענדיג פון'ם טריומאה (=שפיגעל אכו־וועריזאטאר*), בעשפריצט ער די בעט=דעקען מיט גוטען פײלכען=פארפיום. דערנאך געהט ער דורך מיט דעם פולווערײזאטאר בײדע צימערן און דריקט כסדר דעם קלײנעם באללאן, אזוי אז עס הויבט זיך אן אומעטום צו פיהלען דער ריח פון פיאלקעס, און דערנאך טהוט ער אויס דעם הוט מיט דעם אויבערציהער. ער זעצט זיך אויפ'ס בלאה=סאמעטענע פאטעל, צינדט אן א ציגאר און רויכערט. נאך א קלײנע ווײלע הויבט ער זיך אויף, אום זיך צו איבערצײגען, צי עס זענען ארא־בגעלאזען די גרינע גארדינען. פלוצלונג געהט ער ווידער ארײן אינ'ם שלאפצימער, עפענט דעם שופלאד פון נאכט=טישעל און, געפינענדיג דארט א שילדקראטענע האאר=נאדעל, זוכט אנ'ארט, וואו זי צו בעהאלטען און טהוט איהר ענדליך ארײן אין דער קעשענע פון זײן אויבערציהער. דערנאך עפענט ער א שראנק אין סאלאן, נעהמט ארויס פון איהם א זילבערנע טאץ און א פלאש קאניאק מיט צווײ ליקער=גלעזלעך, און שטעלט עס אלץ אוועק אויפ'ן טיש.

---

*) בעשיטונגס־ אדער בעשפריצונגס־אפאראט.

צוגעהענדיג נאָכאַמאָל צום אויבערציהער נעהמט ער אַרויס פון איהם אַ קליין ווייס פעקעלע און, עפענענדיג עס, לעגט ער דאָס צו צום קאָניאַק. ער געהט ווידער צו צום שראַנק און נעהמט אַרויס צוויי קליינע טעלערלעך מיט לעפעלעך, דערנאָך נעהמט ער אַרויס פון פעקעלע איין בעצוקערטען קאַשטאַניען-נוס און עסט איהם אויף און, אָנגיעסענדיג אַ גלעזעל קאָניאַק, טרינקט ער עס שנעל אויס. ער טהוט אַ קוק דערנאָך אויפ'ן זייגער און הויבט אָן אַרומשפּאַציערען איבערן צימער אהין און צוריק. — ביי דעם גרויסען וואַנד-שפּיעגעל בלייבט ער אַ ווײַלע שטעהן און מאַכט זיך מיט זיין טאַשען-קאַם צורעכט די האָאר און די קליינע וואָנסען. — ער געהט איצט צו צום פאָדערצימער און הערט זיך איין. ס'איז שטיל, דאַן ציהט ער צוזאַמען די בלויע פאָרטיערען, וואָס פערשטעלען דעם אַריינגאַנג אין'ם שלאָפצימער. מ'קלינגט. דער יונגער הערר טהוט אַלייכטען ציטער, זעצט זיך אויפ'ן פאָטעל און הויבט זיך אויף ערשט דאַן, ווען די טהיר עפענט זיך אויף און עס קומט אַריין די יונגע פרוי. —

**די יונגע פרוי** (דיכט פערשלייערט, פערמאַכט די טהיר הינטער זיך, בלייבט א ווײַלע שטעהן, צולעגענדיג די לינקע האַנד צום הארצען, ווי זי וואָלט וועלען ביינקומען אַ גוואַלטיגען אויפרעגונג).

**דער יונגער הערר** (געהט צו איהר צו, נעהמט איהר לינקע האַנד און פרעסט אָב אַ קוש אויף דער ווייסער, מיט שוואַרץ אויסגענעהטער הענדשקע. ער זאָגט שטיל:) איך דאַנק אייך.

**יונגע פרוי.** אַלפרעד — אַלפרעד!

**יונגער הערר.** קומט, גנעדיגע פרוי... קומט פרוי עממאַ...

**יונגע פרוי.** לאָזט מיך, איך בעט אייך, נאָך אַ ווײַלע — איך בעט אייך זעהר אַלפרעד! (זי שטעהט נאָך אַלץ ביי'ן טהיר).

**יונגער הערר** (שטעהט פאַר איהר און האַלט איהר האַנד).

**יונגע פרוי.** וואו בין איך דאָ?

**יונגער הערר.** ביי מיר.

**יונגע פרוי.** די שטוב איז אַ שרעקליכע, אַלפרעד.

**יונגער הערר.** פאַרוואָס? ס'איז אַ גאַנץ אַנשטענדיגע שטוב,

ונגע פרוי. איף די טרעפ האב איך צוויי הערדען בעך געגענט.

ונגער הערר. בעקאנטע?

ונגע פרוי. איך ווייס נישט. עס קען זיין.

ונגער הערר. ענטשולדיגט, געשעצטע פרוי—איהר קענט דאך אייערע בעקאנטע.

יונגע פרוי. איך האב גארנישט געזעהען.

יונגער הערר. ווען דאס וואלטען אפילו געווען אייערע בעקאנטע,—וואלטען זיי אייך א'יך נישט דערקענט, איך אליין... ווען איך וואלט נישט וויסען, א איהר זייט עס... דער וואואל...

יונגע פרוי. דאס זענען צוויי וואואלען.

יונגער הערר. נעהנטיגער אביסל ווילט איהר נישט צוגעהן! טהוט ווענינסטענס אוים דעם הוט!

יונגע פרוי. וואס טהוט זיך מיט אייך, אלפרעד? איך האב דאך אייך געזאגט: פינף מינוט... ניין, לענגער נישט... איך שווער אייך.—

יונגער הערר. אבער דער וואואל.—

יונגע פרוי. דאס זענען צוויי.

יונגער הערר. נו יא, ביידע וואואלען—איך מוז דאך האטש אקוק טהון אויף אייך.

יונגע פרוי. האט איהר דען, אלפרעד, מיך ליעב?

יונגער הערר. עממא—איהר פרעגט מיך...

יונגע פרוי. דא איז אזוי הייס.

יונגער הערר. און איהר געהט נאך אין אייער ווארעמען מאנטעל—איהר וועט זיך פערקיהלען.

יונגע פרוי (געהט ענדליך אריין אין צימער און ווארפט זיך אנ'ב פאטעל). איך בין שרעקליך פערמאטערט.

יונגער הערר. ערלויבט? ער נעהמט אראב פון איהר די וואואל'ן: נעהמט די נאדלען פון איהר הוט און לעגט'ס אלץ אוועק אן א זייט.

יונגע פרוי (שטערט איהם נישט).

יונגער הערר (שטעהט פאר איהר און שאקעלט מיט'ן קאפ).

יונגע פרוי. וואס איז מיט אייך?

יונגער הערר. אזוי שען זייט איהר נאך קיינמאל נישט געווען,

יונגע פרוי. פאַרוואָס?

יונגער הער. אַליין... אַליין מיט אײַך – עממאַ – (ער לאָזט זיך אַראָב אויף די קניע נעבען איהר פאָטעל, נעהמט אַן איהרע ביידע הענד און בעדעקט זיי מיט קושען).

יונגע פרוי. אַן איצט... לאָזט מיך געהן. וואָס איהר האָט פון מיר פערלאַנגט, האָב איך געטהון.

יונגער הער (לעגט זיין קאָפּ ביי איהר אויפ'ן שויס)

יונגע פרוי. איהר האָט מיר צוגעזאָגט זיך אַנשטענדיג צו האַלטען.

יונגער הער. יאָ.

יונגע פרוי. מ'ווערט דאָ דערשטיקט.

יונגער הער (שטעהט אויף). איהר געהט נאָך אין'ם מאַנטעל.

יונגע פרוי. לעגט איהם אַוועק צוזאַמען מיט'ן הוט.

יונגער הער (טהוט אהר אויס דעם מאַנטעל און לעגט איהם אַוועק אויפ'ן דיוואַן).

יונגע פרוי. נו איצט – אַדיע. –

יונגער הער. עממאַ! – עממאַ! –

יונגע פרוי. די פינף מינוט זענען שוין לאַנג אַריבער.

יונגער הער. קיין איין מינוט נאָך אויך נישט.

יונגע פרוי. אַלפרעד, זאָגט מיר דעם אמת, וויפיעל איז איצט דער זייגער?

יונגער הער. ריכטיג אַ פערטעל אויף זיעבען.

יונגע פרוי. איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט זיין ביי דער שוועסטער.

יונגער הער די שוועסטער קענט איהר אָפט זעהען...

יונגע פרוי. אַה, גאָט מיינער, אַלפרעד! פאַרוואָס האָט איהר מיך דערצו געבראַכט.

יונגער הער. ווייל איך... פערגעטער אײַך, עממאַ.

יונגע פרוי. וויפיעל פרויען האָט איהר שוין דאָס געזאָגט?

יונגער הער. פון דער צייט, וואָס איך האָב אײַך דער־זעהען, – קיין איינער נישט!

יונגע פרוי. וואָס בין איך פאַר אַ לייכטזיניגער מענש! ווען אימיצער וואָלט עס מיר געזאָגט מיט אַוואָך צו־ריק... נאָך נעכטען אפילו...

יונגער הערר. און עהער נעכטען האט איהר מיר שוין צוגעזאגט...

יונגע פרוי. איהר האט מיך אזוי געמאטערט! איך האב עס אבער נישט געוואלט טהון. גאט איז מיין עדות, אז איך האב עס נישט געוואלט טהון... נעכטען בין איך געווען פעסט ענטשלאסען... איהר ווייסט, איך האב נעכטען אין אבענד זאגאר אנגעשריעבען צו אייך א לאנגען בריעף.

יונגער הערר. איך האב קיין בריעף נישט ערהאלטען.

יונגע פרוי. איך האב איהם דערנאך צוריסען. אה, ווען איך וואלט אייך איהם אוועקגעשיקט, וואלט אסך בעסער געווען.

יונגער הערר. אזוי איז בעסער.

יונגע פרוי. אה ניין, ס'איז מאוס... פון מיר. איך בעגרייף זיך אליין נישט. אדיע, אלפרעד, לאזט מיך —

יונגער הערר (נעהמט זי ארום און בעדעקט איהר געזיכט מיט הייסע קושען).

יונגע פרוי. אזוי... האלט איהר עס ווארט...

יונגער הערר. נאך איין קוש—נאך איינעם.

יונגע פרוי. דעם לעצטען. (ער קושט איהר; זי גיט איהם צוריק א קוש; זייערע ליפען בלייבען לאנג צוזאמענגעשלאסען).

יונגער הערר. איהר ווייסט, עממא? איצט ערשט ווייס איך, וואס גליק איז.

יונגע פרוי (ווארפט זיך צוריק אין פאטעל).

יונגער הערר (זעצט זיך אויף א ווענדשטיל פון שטוהל און נעהמט איהר צערטליך ארום). — אדער נאכמעהר... איצט ערשט פערשטעה איך, וואס עס קען זיין גליק.

יונגע פרוי (זיפצט טיעף אב).

יונגער הערר (קישט איהם ווידער).

יונגע פרוי. אלפרעד, אלפרעד, וואס מאכט איהר פון מיר!

יונגער הערר. נישט אמת—ס'איז דא גארנישט אזוי שלעכט... און דערצו זענען מיר דאך דא זיכער אויך! אזוי איז טויזענדמאל בעסער, ווי די ראנדעוואו'ס אויפ'ן גאס...

יונגע פרוי. אָה, דערמאָהנט מיך נישט אָן דעם.

יונגער הערר. איך וועל שטענדיג טראַכטען וועגען דעם מיט פערגניגען. יעדע מינוט, וואָס איך פערברענג מיט אייך צוזאַמען, וועט זיין פאַר מיר אַ זיסע ערָאינערונג.

יונגע פרוי. איהר געדענקט... יענעם באַל?

יונגער הערר. צי איך געדענק...? דאַן בין איך די גאַנצע צייט מיט אייך געזעסען... איינגאַנצען מיט אייך. אייער מאַן האָט גענומען אַ בן קאָל עאַמפּאַניער—

יונגע פרוי (קוקט איהם טרויעריג אָן).

יונגער הערר. איך האָב געוואָלט רעדען נאָר פון שאַמ־פּאַניער. זאָגט, עממא, איהר ווילט אפשר אַ גלעזיל קאָניאַק?

יונגע פרוי. איין טראָפען, פריהער אָבער גיט מיר אַ גלאָז וואַסער.

יונגער הערר. גלייך... וואו איז עס? — אַח יאָ... (ער רוקט פונאַנדער די פּאָרטיערען און געהט אריין אינ׳ם שלאָפצימער).

יונגע פרוי. (קוקט איהם נאָך).

יונגער הערר. (קומט צוריק מיט אַ גראַפין וואַסער און צוויי טרינקגלעזער).

יונגע פרוי. וואו זייט איהר עס געוועזען?

יונגער הערר. אינ׳ם... דערבייאיגען צימער. (גיעסט אָן אַ גלאָז וואַסער).

יונגע פרוי. איך וויל אייך עפּעס פרעגען, אַלפרעד—נאָר שווערט אויף אייער עהרענוואָרט, אַז איהר וועט זאָגען דעם אמת.

יונגער הערר. יאיך שווער.—

יונגע פרוי. דאָ... אין די צימערן איז שוין געוועזען אַמאָל אַנ׳אַנדער פרוי?

יונגער הערר. עממא...די שטוב שטעהט שוין צוואַנציג יאָהר!

יונגע פרוי. איהר פערשטעהט גאַנץ גוט, אַלפרעד, וואָס איך מיין... מיט אייך!... ב י י אייך!...

יונגער הערר. מיט מיר — דאָ — עממאַ! — ווי קענט איהר עס קלערען אַזעלכעס?

יונגע פרוי. אַלזאָ האָט איהר... ווי זאָל איך עס... ניין, איך וועל אייך שוין בעסער נישט פרעגען. ס׳איז בעטער, אַז מ׳פרעגט גאָרנישט. איך בין אַליין שולדיג–אַלץ צאָהלט זיך אָב.

יונגער הערר. וואָס איז מיט אייך? וואָס׳רע אָבצאָהלען?

יונגע פרוי. ניין, ניין, ניין, איך טאָר נישט קלערען... איך טאָר צום בעוואוסטזיין נישט קומען... אַנדערש וועל איך זיך מוזען אין דר׳ערד בעגראָבען פון חרפה...

יונגער הערר (מיט׳ן גראַפין וואַסער אין האַנד, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ). ווען איהר וואָלט וויסען, עממא, ווי איהר מאַטערט מיר.

יונגע פרוי (גיעסט זיך אָן א גלעזיל קאָניאַק).

יונגער הערר. איהר ווייסט וואָס, עממא? אויב איהר בעציהט זיך צו מיר אַזוי גלייכגילטיג–אויב איהר פיהלט נישט, אַז איהר זייט פאַר מיך דאָס איינציגע גליק אין לעבען–– איז גלייכער איהר זאָלט אוועקגעהן.

יונגע פרוי. יאָ, איך וועל אַזוי טהון.

יונגער הערר (איהר בײַ׳ן האַנד אָנגעהמענדיג). אויב אָבער איהר פיהלט, אַז איך קען אָהן אייך נישט לעבען, אַז איין קוש אייך אין האַנד איז פאַר מיר מעהר ווערט, ווי די צערטליכקייטען פון דער גאַנצער וועלט פרויען... עממא, איך בין נישט ווי די אַנדערע מענשען, וואָס האָבען ליעב צו חנפ׳נען, קאָמפּלימענטען צו מאַכען–איך ב.ן אפשר צו נאַאיוו... איך...

יונגע פרוי. אויב אָבער איהר זייט אויך, ווי אַלע יונגע לייט?

יונגער הערר. דאַן וואָלט איהר איצט דאָ נישט געווען–ווייל איהר זייט נישט ווי אַלע אַנדערע פרויען.

יונגע פרוי. פון וואַנען ווייסט איהר עס?

יונגער הערר (האָט איהר צוגעצויגען צום דיוואַן און זיך געזעצט נאָהנט צו איהר). איך האָב אַסך געטראַכט וועגען אייך. איך ווייס,– איהר זייט אונגליקליך.

יונגע פרוי (דערפרעהט). יאָ.

יונגער הערר. דאָס לעבען איז אַזוי פּוסט, אַזוי נישטיג —
און דערצו — אַזוי, קורץ, — אַזוי שרעקליך קורץ!
ס'איז דאָ נאָר איין גליק... זיך געפינען אַ מענשען,
פון וועמען געליעבט צו ווערן —

יונגע פרוי (נעהמט פון טיש אַ בעצוקערטע בארנע און נעהמט זי אין מויל).

יונגער הערר. האַלבע מיר! (זי גיט איהם די בארנע מיט די ליפּען).

יונגע פרוי (כאַפּט אָן די הענד פון יונגען הערר, וועלכע זענען בערייט צו אַלץ). וואָס טוט איהר, אַלפרעד... אַזוי האַלט איהר עס וואָרט.

יונגער הערר (שלינגט אַראָב די בערנע, — מיטהינגער). דאָס לעבען איז אַזוי קורץ.

יונגע פרוי (שוואַך). דאָס איז אָבער נאָך קיין גרונד נישט פאַר...

יונגער הערר (מעכאַניש). אָה יאָ.

יונגע פרוי (שוואַכער). זעהט, אַלפרעד, און איהר האָט דאָך צוגעזאָגט, זיך אַנשטענדיג... און ס'איז אַזוי ליכטיג...

יונגער הערר. קום, קום, דו טהייערע... איינציגע... (ער הויבט איהר אויף פון דיוואַן).

יונגע פרוי. וואָס ווילט איהר טאָן?

יונגער הערר. דאָ דרינען איז נישט אַזוי ליכטיג...

יונגע פרוי. דאָ איז דען פאַרהאַן, נאָך אַ צימער?

יונגער הערר (ציהט איהר מיט). אַ שענעס... און אַ גאַנץ פינסטערעס.

יונגע פרוי. לאָמיר בעסער בלייבען דאָ.

יונגער הערר (צוזאַמען מיט איהר הינטער דער פּאָרטיערע, אינ'ם שלאָפצימער, שפּיליעט איהר אויף די טאַליע).

יונגע דאַמע. אַלפרעד, איהר... אָה, נאָט מיינער... וואָס מאַכט איהר פון מיר! — אַלפרעד!

יונגער הערר. איך פערגעטער דיך, עמאַ!

יונגע פרוי. טאָ וואַרט, וואַרט לאָמיר וועניגסטענס... (שוואַך). גיה... איך וועל דיך רופען...

יונגער הערר. לאז מיר דיך – לאז דיר מיך (ער פער־פלאָנטערט זיך) .. לאז ... מיך – דיר – העלפען.

יונגע פרוי. דו צורייסט מיר אלץ.

יונגער הערר. דו געהסט אָן אַ קאָרסעט?

יונגע דאמע. איך טראָג קיינמאל קיין קאָרסעט נישט. אָדילאָן טראָגט אויך נישט ... די שיך קענסטו מיר אָבשפּיליען.

יונגער הערר (קנעפּעלט איהר אויף די שיך און קושט איהרע פיס).

יונגע פרוי (בעהאלט זיך אין בעט). אָה, מיר איז קאַלט.

יונגער הערר. באַלד וועט ווערן וואַרם.

יונגע פרוי (לאַכט שטיל). דו גלויבסט אַזוי?

יונגער הערר (אונאַנגענעהם בערירט, צו זיך.) דאָס האָט זי נישט געדאַרפט זאָגען. (טוהט זיך אויס אין דער פינסטער).

יונגע דאמע (צערטליך.) נו, קום, קום, קום!

יונגער הערר (קומט ווידער אריין אין אַ גוטער שטימונג). באַלד – –

יונגע פרוי. דאָ הערט זיך אַ שטאַרקער ריח פון פיאַלקעס.

יונגער הערר. דאָס ביזטו אַליין ... יאָ (נעבען איהר) דו אַליין!

יונגע פרוי. אַלפרעד... אַלפרעד!!!

יונגער הערר. עממאַ...

— — — — — — — — — — —

יונגער הערר. איך האָב דיך צו שטאַרק ליעב ... יאָ יאָ... איך בין ווי פון זינען.

יונגע פרוי...

יונגער הערר. די לעצטע צייט בין איך אינגאַנצען אַרום געגאַנגען ווי משוגע. איך האָב עס פאָראויס געפיהלט.

יונגע פרוי. מאַך נישט דערפון קיין וועזען.

יונגער הערר. אָה געווים נישט, עס פערשטעהט זיך דאָך אַליין, ווען מען...

יונגע פרוי. ניין ... ניין ... דו ביזט נערוועז. בערוהיג דיך.

יונגער הערר. סטענדהאַל'ן האָסטו געלייענט?

יונגע פרוי. סטענדהאַל?

יונגער הערר. די „פּסיכאָלאָגיע פון דער ליעבע".

יונגע פרוי. ניין, פאַרוואָס פרעגסטו מיך עפּעס?

יונגער הערר. אזוי... דארט קומט פאר זעהר א כאראקטעריסטישע ערצעהלונג.

יונגע פרוי. וואס איז'ם פאר א ערצעהלונג?

יונגער הערר. ס'האט זיך צוזאמענגעקליבען א גאנצע קאמפאניע קאוואלעריע־אפיציערען...

יונגע פרוי. אזוי.

יונגער הערר. און זיי דערצעהלען אלע פון זייערע ליעבעס־געשעהעניש'ן. יעדערער דערצעהלט, אז די פרוי וועלכע ער האט אמ'שטארקסטען געליעבט, פערשטעהסט, וועלכע ער האט ליעב געהאט מעהר ליידענשאפטליך פון אלע... אז די פרוי... איז איהם די... קורץ און גוט, אז ביי דער פרוי איז יעדערן געגאנגען, אזוי ווי מיר איצט...

יונגע פרוי. יא.

יונגער הערר. דאס איז זעהר כאראקטעריסטיש.

יונגע פרוי. יא.

יונגער הערר. דאס איז נאך נישט אינגאנצען. איינער פון דער קאמפאניע פערזיכערט דארט... אז איהם איז אזעלכעס אין גאנצען לעבען נאך נישט פארגעקומען; אבער, בעמערקט סטענדהאל, — דאס איז געוועזען א גרויסער בעריהמער.

יונגע פרוי. אזוי. —

יונגער הערר. און דאך קען יעדע נארעשקייט, ווי נישטיג עס זאל נישט זיין, קאליע מאכען אינגאנצען די שטימונג.

יונגע פרוי. געוויס. אין אלגעמיין ווייסטו... דו האסט דאך מיר צוגעזאגט, זיך אנשטענדיג צו האלטען.

יונגער הערר. גע, הער אויף צו לאכען, דאס מאכט נישט בעסער.

יונגע פרוי. איך לאך גארנישט. די מעשה פון סטענדהאל'ן איז זעהר א אינטערעסאנט... איך דאך שטענדיג געמיינט, אז נאר ביי עלטערע... אדער ביי זעהר... פערשטעהסט, ביי אזעלכע, וואס האבען שוין א סך געלעבט...

יונגער הערר. ס'א איינפאל. דאס האט דערמיט גארנישט

צו טהאָן. די שענסטע געשיכטע פון סטענדהאל'ן האָב איך איבערגעגנם איגנאָנצען פערגעסען דיר צו דערצעהלען. איינער פון די קאוואלעריע־אָפיצירען דערצעהלט, אז ער האָט פערבראַכט דריי אָדער גאר זעקס נעכט... מיט א פרוי, וועלכער ער האָט וואָכענלאנג געוואָלט בעקומען... דעזירע'ע — פער־שטעהסט, און די אַלע נעכט נאָכאנאנד האָבען זיי גאָרנישט געטהאָן, נאָר האָבען בײדע... בײדע געוויינט פון גליק...

יונגע פרוי. בײדע?

יונגער הער. יאָ. דו וואונדערסט זיך? דאָס איז גאַנץ נאַטירליך — ווען מ'האָט זיך ליעב.

יונגע פרוי. אָבער עס זענען געוויס דאָ א סך אַזעלכע, וואָס וויינען ניט...

יונגער הער. (נערוועז). נו, געוויס... דאָס איז דאָך א אויסשליסליכער פאל.

יונגע פרוי. אַה — איך האָב געמיינט, אז סטענדהאל דער־צעהלט פון אלע קאוואלעריע־אָפיצירען, אז זיי וויינען ביי דער געלעגענהייט.

יונגער הער. נו, זעהסט, דו מאַכסט פון אלץ געלעכטער.

יונגע פרוי. וואָס איז מיט דיר, אלפרעד?... זיי ניט קיין קינד!

יונגער הער. דאָס ווירקט אויף די נערוועז. און דערצ־פיהל איך, אז דו טראַכסט די גאנצע צייט נאָר וועגען דעם. דאָס דריקט מיך.

יונגע פרוי. איך הויב גאָרנישט אָן צו טראַכטען דערפון.

יונגער הער. אָה יאָ. ווען איך וואָלט נאָר געווען איבער־צייגט, אז דו ליעבסט מיך.

יונגע פרוי. דו פערלאַנגסט נאָך מעהר בעווייזען?

יונגער הער. נו, אַט זעהסט... דו לאַכסט שוין ווייטער..

יונגע פרוי. ווער לאַכט? קום, גיב מיר דיין שענעם קעפיל

יונגער הער. אַח, דאָס איז אַזוי גוט.

יונגע פרוי. דו האָסט מיך ליעב?

יונגער הער. אָה, איך בין דאָך אַזוי גליקליך!

יוננגע פרוי. אָבער דו וועסט שוין מעהר נישט וויינען.
יוננגער הערר (זיך אָברוקענדיג פון איהר, זעהר בעלייזדיגט).
וויעדער, וויעדער. איך האָב דאָך דיך אזוי געבעטען...
יוננגע פרוי. ווען איך זאָג דיר, דו זאָלסט נישט וויינען –
יוננגער הערר. דו האָסט געזאָגט: וועסט שוין מעהר נישט וויינען.
יוננגע פרוי. דו ביזט נערוועז, מיין טייערער.
יוננגער הערר. דאָס ווייס איך.
יוננגע פרוי. מ'דאַרף אָבער אזוי נישט זיין... ס'איז אזוי גוט, ווען מיר... פראָסט, ווי גוטע חברים...
יוננגער הערר. דו הויבסט שוין ווידער אָן.
יוננגע דאַמע. דו געדענקסט נישט? דאָס איז געוועזן אונזער ערשטער שמועס... מיר האָבען אָבגעמאַכט צו זיין גוטע חברים; מעהר נישט... אזוי איז גוט געוועזן... דאָס איז געוועזן ביי מיין שוועסטער אים יאַנואַר אויף דעם גרויסען באַל, ביי'ם קאַדריל... נאָס מיינער, איך האָב דאָך שוין לאַנג געדאַרפט אַוועקגעהן... מיין שוועסטער וואַרט אויף מיר... וואָס וועל איך איהר זאָגען? אדיעה, אַלפרעד –
יוננגער הערר. עממאַ – אזוי ווילסטו מיך לאָזען!
יוננגע פרוי. יאָ – אזוי! –
יוננגער הערר. נאָך פינף מינוט...
יוננגע פרוי. גוט. נאָך פינף מינוט. אָבער דו מוזט מיר צוזאָגען... זיך נישט אַ ריהר צו טאָן... דו זאָגסט צו? ביי'ן אוועקגעהן וועל איך דיר נאָך אַ קוש געבען... פסט... רוהיג... זיך נישט אַ ריהר טאָן. האָב איך געזאָגט... אויב נישט, שטעה איך גלייך אויף; דו מיין זיסער... גוטער...
יוננגער הערר. עממאַ... מיין טייע – – – – – – – –
– – – – – – – – – – – – – –

יוננגע פרוי. מיין אַלפרעד – –
יוננגער הערר. אַה, ביי דיר איז דאָס גליק פון הימעל.
יוננג פרוי. נו, איצט מוז איך שוין אין דער אמת'ן געהן
יוננגער הערר. דיין שוועסטער וועט וואַרטען.
יוננגע פרוי. איצט מוז איך שוין אין שטוב געהן! געה

צו דער שוועסטער איז שוין לאנג צו שפעט.
וויפיעל איינגעטליך איז דער זייגער?

יונגער הערר. פון וואנען זאָל איך עס וויסען?

יונגע פרוי. טו א קוק איפ׳ן זייגער.

יונגער הערר. דער זייגעריל ליגט ביי מיר אין זשילעט.

יונגע פרוי. טו נעהם איהם ארויס.

יונגער הערר (שטעהט אויף מיט איין מעכטיגען שפרונג) אכט.

יונגע פרוי (הויבט זיך שנעל אויף). אום גאָטעס ווילען...
שנעל, אלפרעד, גיעב מיר מיינע זאָקען... וואָס
האָב איך געוואָלט זאָגען? אין שטוב וועט מען שוין
געוויס ווארטען אויף מיר... אכט דער זייגער...

יונגער הערר. ווען וועלען מיר זיך ווידער זעהען?

יונגע פרוי. קיינמאָל נישט.

יונגער הערר. עממא! דו האָסט מיך שוין נישט ליעב?

יונגע פרוי. דעריבער טאקע. גיב מיר די שיך.

יונגער הערר. שוין קיינמאָל נישט מעהר?... דאָ זענען
די שיך.

יונגע פרוי. ביי מיר אין טעשיל ליעגט א שוך-קנעפלער.
געשווינדער, איך בעט דיך...

יונגער הערר. דאָ האָסטו דעם שוך-קנעפלער.

יונגע פרוי. אלפרעד, דאָס קען אונז ביידע דעם לעבען
קאָסטען.

יונגער הערר (העכסט אונאנגענעהם בעריהרט). ווי אזוי?

יונגע פרוי. וואָס וועל איך איהם זאָגען, ווען ער וועט
מיך פרעגען: פון וואנען קומסטו?

יונגער הערר. פון דער שוועסטער.

יונגע פרוי. יאָ, ווען איך וואָלט געקענט א ליגען זאָגען.

יונגער הערר. דו מוזט עס טאָן.

יונגע פרוי. אלץ פאר אזא מענשען. נו, קום שוין אהער..
איך וועל דיך נאָך איין מאָל א קוש טאָן,
(זי נעהמט איהם ארום). — און איצט — — לאָז מיך
אליין. געה אינ׳ם אנדערען צימער. איך קען זיך
נישט אנטאָן, ווען דו שטעהסט דערביי.

יונגער הערר (געהט אריין אינ׳ם ראלאָן, און טוט זיך דאָרטען
אָן. ער עסט עפעס פון די געבעקס און טרינקט אויס א גל גזיל קאָניאַק)

יוּנגע פרוי (אין א וואלע אַרוּם). אַלפּרעד!

יוּנגער הערר. וואָס, מיין אוֹצר?...

יוּנגע פרוי. אָבער ס'איז בעסער, וואָס מיר האָבען נישט געוויינט, האַ?

יוּנגער הערר (שמייכלענדיג נישט אָהן שטאָלץ). ווי קען מען עס אַזוי גראָב רעדען?—

יוּנגע פרוי. ווי וועט עס איצט זיין,— ווען מיר וועלען זיך אַמאָל צופעליג ווידער טרעפען אין אַ געזעלשאַפט!

יוּנגער הערר. צופעליג... אַמאָל... דו וועסט דאָך מאָרגען בעשטימט זיין ביי די לויבהיימער'ס?

יוּנגע פרוי. יאָ. דו אויך?

יוּנגער הערר. געוויס קען איך דיך שוין איינלאַדען צו דעם קאָטיליאָן?

יוּנגע פרוי. ניין, איך וועל נישט קומען. ווי קענסטו עס גלויבען?— איך וואָלט, דאַכט זיך— (זי קומט אריין אינגאַנצען אַ אָנגעטהוענע אין סאַלאָן און נעהמט אַ שאָקאָלאַד־קיכעלע). אין דערערד איינגעזונקען געוואָרען.

יוּנגער הערר. אַלזאָ, מאָרגען ביי די לויבהיימער'ס. גוט.

יוּנגע פרוי. ניין, ניין... איך זאָג זיך אָב... בעשטימט—

יוּנגער הערר. אַלזאָ איבערמאָרגען... דאָ.

יוּנגע פרוי. דו ביזט פון זינען אַראָב?

יוּנגער הערר. זעקס דעם זייגער...

יוּנגע פרוי. דאָ אין ווינקעל שטעהען דראָשקעס, ניין?—

יוּנגער הערר. יאָ. וויפיעל דו ווילסט. אַלזאָ איבער־מאָרגען דאָ זעקס דעם זייגער. נו, זאָג שוין יאָ, מיין טייערער אוֹצר...

יוּנגע פרוי— דאָס ועלען מיר שוין מאָרגען אָבּרעדען ביי'ם קאָטיליאָן.

יוּנגער הערר (נעהמט איהר אַרוּם) מיין ענגעל!

יוּנגע פרוי. דו וועקסט מיר ווידער קאַליע מאַכען די פריזור.

יוּנגער הערר. אַלזאָ מאָרגען ביי לויבהיימער'ן און איבער־מאָרגען אין מיינע אָרעמס!

יוּנגע פרוי. אַדיע...

יוּנגער הערר (פּלוצלינג ווידער בעזאָרגט). און וואָס וועסטו איהם היינט זאָגען?—

יונגע פרוי. פרעג נישט... פרעג נישט... דאָס איז צ
שרעקליך.— פאַרוואָס האָב איך דיך אַזוי ליעב!-
אַדיע.— קוים וועל איך ווידער איִמיִצען טרעפען די
אויף די טרעפ, שטאַרב איך אויפן אָרט.— פאַה!-
יונגער הערר (קושט איהר נאָכאַמאָל די האַנד).
יונגע פרוי (געהט אַרויס).
יונגער הערר (בלייבט אליין. ער זעצט זיך אויפן דיוואַן, שמייכעלט און זאָגט צו זיך אליין) האָב איך, הייסט עס, איצט
אַ פערהעלטניס מיט אַ אַנשטענדיגער פרוי.

---

# די יונגע פרוי און דער מאַן.

ס'איז עלף דער זייגער ביינאַכט אין אַ בעקוועמעס שלאָפציִמער. די פרוי ליעגט אין בעט און לעזט. דער מאַן קומט אַריין אין אַ שלאָפראָק.

די יונגע פרוי (זיך נישט אומקוקענדיג). דו אַרבייטסט שוין נישט?
דער מאַן. ניין. איך בין זעהר מיעד. און אויסערדעם...
יונגע פרוי. נו?—
מאַן. זיצענדיג ביי'ם שרייבטיש האָט מיך פּלוצלונג אַרומגענומען עפּעס אַ געפיהל פון עלענדקייט... מיר האָט זיך שרעקליך אָנגעהויבען בענקען נאָך דיר.
יונגע פרוי (קוקט זיך אום). טאַקע?
מאַן (זעצט זיך ביי איהר אויפ'ן בעט). הער שוין אויף צו ליִיענען, דו וועסט זיך די אויגען קאַליע מאַכען.
יונגע פרוי (פערמאַכט דאָס בוך). וואָס איז עס מיט דיר?
מאַן. גאָרנישט, מיין קינד. דו ווייסט דאָך,— איך בין פערליִעבט אין דיר!
יונגע פרוי. נישט ווילענדיג פערגעסט מען עס אָפט.
מאַן. מען מוז עס אָפט פערגעסען.
יונגע פרוי. פאַרוואָס?
מאַן. ווייל אָהן דעם וואָלט דאָס פאַמיליענלעבען נישט פאָרקאָמען געווען. עס וואָלט... ווי זאָל איך דיר'ס זאָגען...
עס וואָלט די גאַנצע הייליגקייט פערלאָרען.
יונגע פרוי. אַהאַ...

מאַן. גלויב מיר — עס איז אַזוי... ווען מיר וואָלטען אין די פינף יאָהר, וואָס מיר זענען פערהייראַטעט, נישט אָפט פערגעסען, אַז מיר זענען איינער אין אַנדערען פער־ ליעבט — מיר וואָלטען עס שוין מעהר נישט געווען,

יונגע פרוי. דאָס איז צו הויך פאַר מיר.

מאַן. די זאַך איז גאַנץ איינפאַך: מיר האָבען שוין ביידע איבערגעלעבט אפשר צעהן אָדער צוועלף „ליעבעס"... וואָס—נישט?

יונגע פרוי. איך האָב נישט געצעהלט!—

מאַן. וואָלטען מיר גלייך די ערשטע ליעבע אויסגענוצט ביזן גרונד, וואָלט איך מיך פון אָנהויב אָן באַלד איבער־ געגעבען אינגאַנצען מיין ליידענשאַפט, — וואָלט מיט אונז פאָרגעקומען דאָס זעלבע, וואָס עס קומט פאָר מיט די מיליאָנען אַנדערע ליעבעס־פאָרלעך. מיר וואָלטען זיך שוין לאַנג געהאַט פיינד געקריגען איינער דעם אַנדערען.

יונגע פרוי. אַה... אַזוי גאָר מיינסטו...

מאַן. גלויב מיר — עממאַ — אין די ערשטע טעג נאָך אונזער חתונה האָב איך מורא געהאַט, עס זאָל אַזוי נישט זיין,

יונגע פרוי. איך אויך.

מאַן. נו, זעהסטו? האָב איך נישט רעכט געהאַט? דעריבער איז בעסער צו לעבען אַלע מאָל אַ געוויסע צייט צווישען זיך, נאָר אין גוטער פריינדשאַפט.

יונגע פרוי. גאָר אַזוי.

מאַן. לעבענדיג אַזוי, לאָזען מיר זיך די מעגליכקייט אַלע מאָל פון'ס ניי איבערצולעבען האָניג־וואָכען... ווייל איך זעה שטענדיג, אַז די האָניג־וואָכען זאָלען —

יונגע פרוי... זאָלען זיך נישט פערציהען ביז צו מאָנאַטען,

מאַן. ריכטיג.

יונגע פרוי. — און איצט... האָט זיך, ווייזט אויס, אויך געענדיגט אַ פעריאָד פון גוטער פריינדשאַפט — ?

מאַן (דריקט איהר צערטליך צו צו זיך.) עס דאַרף אַזוי זיין.

יונגע פרוי. ווען אָבער... ביי מיר איז אַנדערש.

מאַן. ביי מיר איז עס נישט אַנדערש. דו ביזט דאָך דאָס קליגסטע און ענטציקענדסטע וועזען, וואָס עס קען

נאָר געבען... איך שעץ זיך גליקליך, וואָס איך האָב דיך געקריגען.

**יונגע פרוי.** ס'איז יערענפאַלס אנגענעהם, וואָס דו קענסט אזוי ליעבענסווירדיג זיין — פון צייט צו צייט.

**מאַן** (האָט זיך אויך געלעגט אין בעט). פאַר אַ מאַן, וואָס ווייס שוין אַביסעל די וועלט, — קום, לעג דיין קאָפּ מיר אויפן אַקסעל — וואָס איז בעקאַנט מיט'ן לעבען, ערשיינט די חתונה אַ סך געהיימניספולער, ווי פאַר איין־יונגע מעדלעך פון אַנשטענדיגער פאַמיליע. איהר קומט צו אונז ריינע און — ווענינגסטענס ביז צו אַ געוויסען גראַד — אונוויסענדע, און דעריבער איז אייער בליק אויף דעם עיקר פון ליעבע, אַ סך קלערער און ריינער, ווי אונזערער.

**יונגע פרוי** (לאַכענדיג). אָהו!

**מאַן.** גאַנץ ערנסט. אונזערע בעגריפען זענען צומישט און פערפלאָנטערט צוליעב די פערשיעדענע געשעהענישען, וואָס אונז קומט אויס נישטוועלענדיג איבערצולעבען פאַר דער חתונה. איהר הערט טאַקע צו פיעל און ווייסט צו פיעל און לייענט אייגענטליך אויך צו פיעל, קיין רעכטען בעגריף אָבער פון דעם אַלעמען, וואָס מיר, מענער, לעבען ווירקליך איבער, האָט איהר נאָך אַלעמען נישט. דאָס, וואָס מ'רופט געוועהנליך ליעבע, איז אונז איינפאַך מיאוס... ווארום וואָס זענען עס נאָך אַלעמען פאַר אַ ברואים די, מיט וועלכע אונז קומט אויס געשעפטען צו האָבען!

**יונגע פרוי.** אמת, וואָס זענען עס טאַקע פאַר אַ ברואים?

**מאַן** (קושט איהר אין קאָפּ). דו דאַרפסט זיך גליקליך שעצען, מיין קינד, דערמיט, וואָס דיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען בעקאַנט צו ווערען מיט דער געזעלשאַפט, דאָס זענען, איבריגענס, אַמערסטענטהייל זעהר טרויריגע נפשות — מיר וועלען אין זיי קיין שטיינער נישט וואַרפען.

**יונגע פרוי.** איך בעט דיך — דער מיטלייד — איז נאָך מיין מיינונג אינגאַנצען איבריג.

**מאַן.** זיי פערדיענען דעם מיטלייד, איהר יונגע מעדלעך פון

אַנשטענדיגער געזעלשאַפט, — איהר װעלכע קענט זײַן רוהיג, אונטער דעם שוץ פון אײַערע עלטערען װאַרטען אויף דעם אָרענטליכען מענשען, װאָס װעט אײַך פיהרען אונטער דער חופּה; — איהר קענט גאָר קײן אַהנונג נישט האָבען פון דער עלענדער אָרעמקײַט, װאָס טרײַבט דער מעהרהײַט פון די אונגליקליכע אין די אָרעמס פון פערברעכען און אויסגעלאַסענהײַט.

יונגע פרוי. זײַ אַלע פערקויפען זיך דען?

מאַן. דאָס זאָג איך נישט. איך מײַן אין אַלגעמײַן נישט נאָר דאָס מאַטעריעלע אָרעמקײַט... עס עקזיסטירט, אויסער דעם, אויך — אַזוי זיך אויסדריקענדיג — אַ גײַסטיגע אָרעמקײַט; אַ אָרעמקײַט אין די בעגריפען װעגען דעם װאָס מ׳מעג טאָן, און בעזונדער װעגען דעם, װאָס עס פּאַסט צו טאָן.

יונגע פרוי. אָבער פאַרװאָס דאַרף מען זײַ בעדויערען? זײַ לעבען גאַנץ גוט!

מאַן. דו האָסט עפּעס מאָדנע מײַנונגען, מײַן קינד; דו דאַרפסט נישט פערגעסען, אַז אַזעלכע נפשות זענען פון דער נאַטור אַלײן בעשטימט צו זינקען אַלע מאָל טיעפער און טיעפער... אָבשטעלען זיך קענען זײַ נישט.

יונגע פרוי (זיך צודריקענדיג צו איהם). דער זינקען מוז, װײַזט אויס, גאַנץ אַנגענעהם זײַן.

מאַן (פײַנליך אַנגעגריפען). װי קענסטו עס אַזוי רעדען, עממאַ. מיר דאַכט, אַז גראַדע פאַר אײַך, אַנשטענדיגע פרויען קען נישט געבען קײן זאַך, װאָס זאָל זײַן מעהר אָב-שטויסענד, װי יענע אַלע פרויען, װעלכע זענען עס נישט.

יונגע פרוי. געװיס, קאַרל, געװיס. איך האָב׳ס אויך נאָר אַזוי זיך געזאָגט. קום, דערצעהל װײַטער. ס׳איז אַזוי גוט, װען דו רעדסט... דערצעהל מיר עפּעס.

מאַן. װאָס זאָל איך דיר דערצעהלען? —

יונגע פרוי. נו, אַט, — נאָך װעגען יענע...

מאַן. װאָס איז דיר עפּעס אײַנגעפאַלען?

יונגע פרוי. זעה, איך האָב דיך שוין פריהער... באַלד אין אָנהויב נאָך האָב איך דיך געבעטען, דו זאָלסט מיר דערצעהלען עפּעס פון דײַן יוגענד.

מאַן. פאַרוואָס אינטערעסירט עס דיך אַזוי?

יונגע פרוי. ביסטו דען נישט מיין מאַן? און אויסער דעם, איז דען דאָס נישט אַנ׳עוולה, אַז איך זאָל פון דיין פאַרגאַנגענהייט נישט וויסען גאָרנישט? —

מאַן. דו קענסט דאָך מיך נישט האַלטען פאַר אַ מענשען, וואָס האָט אויף אַזוי פיעל קיין געשמאַק נישט, אַז.. גענוג, עסמאַ.. דאָס הייסט איינפאַך פערשוועכען—

יונגע פרוי. און דאָך האָסטו — ווער ווייס וויפיעל אנדערע פרויען אויך אַזוי אין די אָרעמ׳ס געהאַלטען, ווי איצט מיך.

מאַן. זאָג נישט „פרויען". אַ פרוי ביזט דו.

יונגע פרוי. אָבער אויף איין פראַגע מוזט דו מיר ענטפערען... אויב נישט... אויב נישט... ווערט באַלד גאָרנישט פון דער האָניג־וואָך..

מאַן. דו רעדסט עפּעס מאָדנע... פערגעס נישט, אַז דו ביזט אַ מאַמע.. אַז דו נעבען אונז ליעגט אינזער טאָכטערל..

יונגע פרוי (זיך צודריקענדיג צו איהם). מיר ווילט זיך אָבער אַ אינגעלע אויך האָבען.

מאַן. עסמאַ!

יונגע פרוי. נו, זײַ נישט אַזוי... געוויס בין איך דײַן פרוי.. מיר ווילט זיך אָבער האָטש אַביסעל — דײַן געליבטע זײַן..

מאַן. דו ווילסט?

יונגע פרוי. יאָ— אָבער פריהער מײַן פראַגע.

מאַן (נאָכגעבענדיג). נו?

יונגע פרוי. איז געוועזען צווישען זײַ... אַ פערהייראַטעטע פרוי?

מאַן. ווי אַזוי? — ווי מיינסטו עס? —

יונגע פרוי. דו פערשטעהסט גאַנץ גוט, וואָס איך מײַן.

מאַן (אַביסעל בעאונרוהיגט). וואָס עפּעס איז דיר איינגעפאַלען דאָס צו פרעגען?

יונגע פרוי. איך וואָלט וועלען וויסען, אויב עס... דאָס הייסט,— אַז עס זענען דאָ אַזעלכע פרויען... דאָס ווייס איך. אויב דו אָבער...

מאַן (רוהיג) דו קענסט אַזאַ פרוי?

יונגע פרוי. איך קען דען וויסען?

מאן. געפינט זיך אפשר אזא פרוי צווישען דיינע פריינדינע׳ס?
יונגע פרוי. ווי קאן מען עס בעשטימט זאגען וועגען דעם—יא אדער נישט?
מאן. אפשר האט דיר א מאל איינע פון דיינע פריינדינעס... פרויען האבען ליעב צו רעדען צווישען זיך... וועגען פערשיעדענע זאכען... האט זיך איינע דיר מודה געווען?...
פרוי (אונזיכער). ניין.
מאן. אבער, ס׳קען דאך זיין, אז דו האסט א פערדאכט אויף איינער פון דיינע פריינדינען... אז זי...
יונגע פרוי. א פערדאכט... א, א פערדאכט...
מאן. יא, בכתמא...
פרוי. ניין, קארל, איך זאג דיר זיכער נישט. ווען איך רעכען מיך איבער אלע, קען איך זיך אויף קיינער נישט אבשטעלען...
מאן. אויף קיינער נישט?
יונגע פרוי. פון מיינע פריינדינעס—אויף קיינער נישט.
מאן. זאג מיר עפעס צו, עממא.
יונגע פרוי. נו.
מאן. אז דו וועסט קיינמאל נישט האבען קיין געשעפטען מיט אזא פרוי, אויף וועלכער דו וועסט האבען אפילו נאר דעם מינדעסטען פערדאכט, אז זי... פיהרט ניט גאר קיין ריינעם לעבען.
פרוי. דאס זאל איך דיר צוזאגען?
מאן. איך ווייס אזוי איך, אז דו וועסט מיט אזעלכע פרויען נישט וועלען בעקאנט ווערען. דער צופאל אבער קאן א מאל צוברענגען, אז דו... יא, עס טרעפט זעהר אפט, אז גראדע אזעלכע פרויען, וואס דער נאמען זייערער איז נישט גאנץ ריין, זוכען די געזעלשאפט פון אנשטענדיגע פרויען, אגדערע אום זיך דיעזעלבער ארויסצוווייזען און אנדערע... צוליעב א געוויסע... ווי זאל איך׳ס זאגען... צוליעב א געוויסער בענקשאפט נאך דער פערלארענער אנשטענדיגקייט...
יונגע פרוי. אזוי.
מאן. יא, איך גלויב, אז ס׳איז זעהר ריכטיג, וואס איך האב דא געזאגט. א בענקעניש נאך דער פערלארענע

נער אנשטענדיגקייט. ווארום דאס, אז די אלע פרויען זענען זעהר אונגליקליך — דאס איז זיכער.

יונגע פרוי. פארוואס?

מאן. דו פרעגסט נאך, עמטא, פארוואס? — ווי קענסטו עס אזוינ׳ס פרעגען? — שטעל זיך נאר פאר וואס׳ר לעבען אזעלכע פרויען פיהרען! א לעבען פול מיט ליגענס, פאלשקייטען, ניזדריגקייטען און געפאהרען.

יונגע פרוי. יא געווים. דו ביזט גערעכט.

מאן. בעשטימט — זיי בעצאהלען זעהר טייער פאר דאס ביסעל גליק.. פאר דאס ביסעל...

יונגע פרוי. פערגעניגען.

מאן. פארוואס עפעס פערגעניגען? ווי קומט׳ס צו דיר, דו זאלסט דאס אנרופען פערגעניגען?

יונגע פרוי. נו, — עפעס מוז עס דאך זיין! — ווען נישט וואלטען זיי עס דאך נישט געטהון.

מאן. ס׳איז גארנישט... א פערשכור׳ונג נאר.

יונגע פרוי (פערקלערט). א פערשכור׳ונג.

מאן. ניין, עס איז קיין פערשכור׳ונג אויך נישט, און טייער בעצאהלט מען דערפאר — דאס איז געווים!

יונגע פרוי. הייסט עס... האסטו עס אמאל איבערגעלעבט — הא?

מאן. יא, עמטא. — ס׳איז א טרויעריגע ערינערונג פאר מיר.

יונגע פרוי. ווער איז עס? זאג! איך קען איהר?

מאן. וואס איז׳ס דיר איינגעפאלען?

יונגע פרוי. דאס איז שוין לאנג געוועו? לאנג איידער דו האסט חתונה געהאט מיט מיר?

מאן. לאז מיך רוהיג, איך בעט דיך פרעג נישט.

יונגע פרוי. קארל!

מאן. זי איז געשטארבען.

יונגע פרוי. דו זאגט׳ס ערנסט?

מאן. יא... דאס קלינגט אפשר לעכערליך, נאר מיר שטעלט זיך פאר, אז די אלע פרויען שטארבען יונג.

יונגע פרוי. דו האסט איהר זעהר ליעב געהאט?

מאן. קיין ליגנערינס האט מען נישט ליעב.

יונגע פרוי. טא פאר וואס...

מאן. פערשוינדונג...

יונגע פרוי. אָבער דאָך—

מאן רעד נישט מעהר דערפון, איך בעט דיך. דאָס אַלץ איז שוין אַריבער. ליעב געהאַט האָב איך נאָר איינער—דיך! מ'ליעבט נאָר דער, וועלכע איז עהרליך און ריין.

יונגע פרוי. קאַרל!

מאן. אָה, ווי זיכער, ווי גוט פיהלט מען זיך אין זועלכע אָרעמס. פאַרוואָס האָב איך דיך נישט דערקענט, ווען דו ביזט נאָך אַ קינד געוועזען? איך וואָלט דאַן, געוויס, אויף קיין אַנדערע פרויען קיין קוק נישט געטהון.

יונגע פרוי. קאַרל!

מאן. און שיין ביזטו!... שען... אָה קום... קום... (ער לעשט אויס דאָס ליכט).

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יונגע פרוי. דו ווייסט אָן וואָס איך האָב זיך נישט ווי-לענדיג דערמאָהנט?

מאן. אָן וואָס, מיין אוצר?

יונגע פרוי. אָן... אָן... אָן ווענעציע.

מאן. די ערשטע נאַכט...

יונגע פרוי. יאָ... אַזוי...

מאן. וואָס?—זאָג שוין!

יונגע פרוי. אַזוי ליעב האָסטו מיך היינט.

מאן. יאָ, אַזוי ליעב.

יונגע פרוי. אָה... ווען דו וואָלסט שטענדיג...

מאן (אין איהרע אָרעמס). וואָס?

יונגע פרוי. מיין קאַרל!

מאן. וואָס האָסטו'ס געזאָגט? ווען איך וואָלט שטענדיג...

יונגע פרוי. נו יא.

מאן. נו, וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט שטענדיג?...

יונגע פרוי. דאַמאָלס וואָלט איך שטענדיג געוואוסט, אז דו האָסט מיך ליעב.

מאן. יאָ. דו דאַרפסט עס אָבער אָהן דעם אויך וויסען, נישט שטענדיג קען מען זיין אַ ליעבענדער מאַן. מ'מוז אַמאָל אויך פיינדליך לעבען, קעמפפען און שטרע-בען! דאָס זאָלסטו קיינמאָל נישט פערגעסען, מיין

קינד! יעדע זאַך האָט זיך איהר צייט אין פאַסיריען לעבען, — דאָס איז דאָס שענסטע. ס'זענען דאָ זעהר ווענינ מענשען, וואָס דערמאָהנען זיך אין פינף יאָהר אַרום אָן-זייער ווענעציע.

יונגע פרוי. געוויס!

מאַן. און איצט... אַ גוטע נאַכט, מיין קינד.

יונגע פרוי. אַ גוטע נאַכט!

---

## דער מאַן און דאָס גוטע מעדעל.

אַ בעזונדער קאַבינעט אין'ם ריעדהאָף-האָטעל. בעקוועם מעבלירט מיט מעסיגער עלעגאַנץ. דער גאַז-אויוון ברענט. — דער מאַן. דאָס גוטע מעדעל. אויפ'ן טיש זעהען זיך די שירים פון אַ מאָהלצייט: קרעם, פרוכט, קעז. אין די ווין-גלעזער — אונגאַרישער ווייסער ווין.

דער מאַן. (רויכערט אַ ציגאַר, אָנגעשפאַרט אין ווינקעל פון דיוואַן)

דאָס גוטע מעדעל. (זיצט נעבען איהם אויפ'ן שטוהל און עסט געשמאַק לעפעלעך-ווייז דעם קרעם)

מאַן. ס'איז געשמאַק?

גוטע מעדעל. (לאָזט זיך נישט שטערען). אָה!

מאַן. דו ווילסט נאָך?

גוטע מעדעל. ניין, איך האָב שוין אַזוי אויך צופיעל געגעסען.

מאַן. דו האָסט שוין קיין ווין נישט. (גיעסט אָן).

גוטע מעדעל. מ'דאַרף נישט... איהר זעהט דאָך, איך האָב די אויך נישט אויסגעטרונקען.

מאַן. דו זאָגסט מיר שוין ווידער: איהר.

זיסע מעדעל. יאָ? איהר זעהט, ס'איז אַזוי שווער זיך צו צוגעוועהנען.

מאַן. דו זעהסט.

גוטע מעדעל. וואָס?

מאַן. דו זעהסט, זאָלסטו זאָגען; נישט איהר זעהט — קום, זעץ זיך דאָ נעבען מיר.

זיסע מעדעל. גלײַך... איך בין נאָך נישט פֿערטיק.

מאַן. (שטעהט אויף, שטעלט זיך הינטער'ן שטוהל און נעהמט אַרום דאָס גוטע מעדעל, אומדרעהענדיג איהר קאָפּ צו זיך).

זיסע מעדעל. וואָס איז דאָס?

מאַן. מיר ווילט זיך אַ קוש.

זיסע מעדעל (טהוט איהם אַ קוש). איהר זײַט... נאָה מעדיען, דו בויסט אַ פֿערשײַטער מענש.

מאַן. איצט איז'ס דיר אײַנגעפֿאַלען?

זיסע מעדעל. אָה נײן, אײַנגעפֿאַלען איז'ס מיר פֿריהער שוין... אויפֿ'ן גאַס נאָך... איהר מוזט...

מאַן. דו מוזט.

זיסע מעדעל. דו מוזט זיך מסתמא זעהר שענע זאַכען פֿאַרשטעלען וועגען מיר.

מאַן. פֿאַרוואָס עפּעס?

זיסע מעדעל. ווײַל איך בין מיט אײַך גלײַך געגאַנגען אין אַ באַזונדער קאַבינעט.

מאַן. נו, גלײַך קען מען נישט זאָגען.

גוטע מעדעל. איהר קענט אָבער אַזוי שען בעטען.

מאַן. דו געפֿינסט, אַז שען?

גוטע מעדעל. און נאָך אַלעמען, וואָס איז דאָ אַזוי?

מאַן. געוויס.

גוטע מעדעל. ס'איז דען נישט אַלץ אײנס, צי מען גײט שפּאַצירען, צי מען...

מאַן. צום שפּאַצירען געהן איז דאָך איצט קאַלט אויך.

גוטע מעדעל. נו יאָ, צום שפּאַצירען איז איצט קאַלט.

מאַן. אָבער דאָ איז אַנגענעהם, וואַרם; האַ (ער זעצט זיך ווידער, נעהמט אַרום דאָס זיסע מעדעל און ציהט איהר צו זיך).

זיסע מעדעל (שוואַך). נו...

מאַן. נו, איצט זאָג מיר... דו האָסט מיך שוין פֿריהער בעמערקט, וואָס?

זיסע מעדעל. געוויס. נאָך אין זינגער-גאַס.

מאַן. נישט הײַנט, מײן איך, איך מײן נעכטען און פֿאָריגע נעכטען, ווען איך בין דיר נאָכגעגאַנגען אין גאַס.

זיסע מעדעל. מיר געהען אַ סך נאָך.

מאַן. דאָס קען איך מיר פאָרשטעלען. אבער מיר צי האָסטו בעמערקט?

ויסע מעדעל. איהר ווייסט... אה... דו ווייסט, וואָס מיך האָט דאָ נישט לאַנג געטראָפען? מיין קווינע׳ס מאַן האָט מיך נישט דערקענט אין דער פינסטער און איז מיר נאָכגעגאַנגען.

מאַן. ער האָט גערעדט מיט דיר?

ויסע מעדעל. וואָס רעדסטו? דו מיינסט, אַז יעדערער איז אַזוי פרעך, ווי דו?

מאַן. ס׳קומט דאָך אָבער פאָר אַמאָל.

ויסע מעדעל. נו, געוויס קומט׳ס פאָר.

מאַן. נו, וואָס טהוסטו דאַמאָלס?

ויסע מעדעל. גאָר נישט. — איך ענטפער נישט.

מאַן. האַ... מיר האָסטו אָבער יאָ געענטפערט.

גוטע מעדעל. נו, זייט איהר אפשר בעז?

מאַן (קושט איהר שטאַרק). דיינע ליפען זענען נאָך זיס פון׳ם קרעם.

גוטע מעדעל. מיינע ליפען זיינען פון זיך אַליין זיס.

מאַן. דאָס האָבען דיר שוין אַ סך געזאָגט?

גוטע מעדעל. אַ סך!! וואָס רעדסטו זיך ווידער איין!

מאַן. נו, זיי איינמאָל אָפענהערציג. וויפיעל מענער האָבען שוין דעם מויל געקושט?

גוטע מעדעל. וואָס פרעגסטו מיך אומזיסט? ווען איך וועל דיר זאָגען, וועסטו דאָך אויך נישט גלויבען!

מאַן. פאַר וואָס עפּעס נישט?

גוטע מעדעל. נו, טרעף אַליין.

מאַן. נו, איך זאָג, — אָבער דו וועסט נישט ווערן אין כעס?

ויסע מעדעל. פאַרוואָס זאָל איך אין כעס ווערן?

מאַן. נו, איך שאַץ... צוואַנציג.

ויסע מעדעל (זיך פון איהם אָברוקענדיג). נו, — פאַר וואָס נישט גלייך הונדערט?

מאַן. יאָ, איך האָב אביסל געטראָפען.

ויסע מעדעל. דו האָסט נישט גוט געטראָפען.

מאַן. אַלזאָ — צעהן.

ויסע מעדעל (בעליידיגט). נו געוויס. אַ מעדעל, וואָס

שמײכלט זיך אָב רעדען אין גאַס און געהט גלײך מיט
אין אַ בעזונדער קאַבינעט!

מאַן. נו, זײַ נישט קײן קינד. איז דען נישט אַלץ אײנס צו
צרומליפען איבער די גאַסען אָדער צו זיצען אין אַ
צימער... מיר זענען דאָך דאָ אין אַ גאַסט־הויז. יעדער
מינוט קען דער קעלנער אַרײַנקומען — דאָ קען דאָך
אין דער אמת'ן גאָר נישט...

גוטע מעדעל. דאָס האָב איך אויך געטראַכט.

מאַן. דו ביזט שוין געװען אַמאָל אין אַ „בעזונדער קאַבינעט"?

גוטע מעדעל. רעם אמת זאָגענדיג: יאָ.

מאַן. זעהסטו, דאָס געפעלט מיר, װאָס דו זאָגסט דעם אמת,

גוטע מעדעל. אָבער נישט אַזוי, — װי דו מײנסט ״״ן
װידער! איך בין געװען אײנמאָל אין אַ בע־
קאַבינעט מיט מײַנער אַ פרײַנדין און איהר חתן.

מאַן. עס װאָלט קײן אונגליק נישט זײַן אויך, װען דו
װאָלסט האָבען געװען אַמאָל... מיט אַ געליעבטען...

גוטע מעדעל. געװיס, װאָלט קײן אונגליק נישט זײַן, איך
האָב אָבער נישט קײן געליעבטען.

מאַן. נו, גענוג דיר שוין...

גוטע מעדעל. אויף מײַן װאָרט, איך האָב נישט.

מאַן. אָבער דו װעסט דאָך מיר נישט אײַנרעדען, אַז איך...

זיסע מעדעל. װאָס?... איך האָב קײנעם נישט — שוין
מעהר װי אַ האַלב יאָהר.

מאַן. אָה אַזוי... אָבער פריהער?.. װער איז'ס געװען?

זיסע מעדעל. װאָס זײַט איהר עס אַזוי נײַגעריג?

מאַן. איך בין נײַגיעריג, װײַל איך האָב דיך ליעב.

זיסע מעדעל. איז'ס אמת?

מאַן. געװיס. דו זעסט עס דאָך אַלײן. דערצעהל מיר נו
(ער דריקט איהר שטאַרק צו צו זיך).

זיסע מעדעל. װאָס זאָל איך דיר דערצעהלען?

מאַן. לאָז זיך נישט אַזוי לאַנג בעטען. איך װיל װיסען,
װער איז עס געװען.

זיסע מעדעל (שמײכלענדיג). אַ מאַנספּערזאָן.

מאַן. נו — זאָג שוין, — װער איז'ס געװען?

זיסע מעדעל. ער איז געװען אַביסעל עהנליך צו דיר.

מאַן. אַזוי...

זיסע מעדעל. ווען דו וואָלסט נישט אַזוי עהנליך געווען צו איהם...

מאַן. וואָס וואָלט געווען?

זיסע מעדעל. נו פרעג נישט, דו זעהסט דאָך, אַז...

מאַן (פערשטעהט). דעריבער האָסטו עס מיר געענטפערט, ווען איך האָב אָנגעהויבען רעדען מיט דיר.

זיסע מעדעל. נו, יאָ.

מאַן. איצט ווייס איך גאָרנישט, צי איך זאָל זיך פרעהען, צי איך זאָל עס בעדויערן.

זיסע מעדעל. איך אויף דיין אָרט וואָלט זיך געפרעהט.

מאַן. זעהר שען.

זיסע מעדעל. און אין'ם רעדען ביזטו אויך עהנליך צו איהם... און ווען דו קוקסט אימיצען אָן...

מאַן. וואָס איז ער געווען?

זיסע מעדעל, ניין, די אויגען...

מאַן. ווי האָט ער געהייסען?

זיסע מעדעל. ניין, איך בעט דיך, קוק מיך נישט אַזוי אָן.

מאַן. (נעמט איהר אַרום; אַ לאַנגער לייַדענשאַפטליכער קוש).

זיסע מעדעל (רייסט זיך, וויל אויפשטעהן).

מאַן. פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר?

זיסע מעדעל. ס'איז שוין צייַט אַהיים צו געהן.

מאַן. ס'איז נאָך פריה; שפּעטער וועסטו געהן.

זיסע מעדעל. ניין, איך מוז שוין געהן אַהיים. בעדענקען: וואָס וועט די מאַמע זאָגען.

מאַן. דו וואוינסט בייַ דיין מאַמע'ן?

זיסע מעדעל. געוויס וואוין איך בייַ דער מאַמען. וואָס דען האָסטו געמיינט?

מאַן. אַזוי — מיט דער מאַמען. דו וואוינסט אַליין מיט איהר?

זיסע מעדעל. יאָ, געוויס אַליין! פינף זענען מיר. צוויי אינגלעך און נאָך צוויי מעדלעך.

מאַן. זעץ זיך נישט אַזוי וויַיט פון מיר. דו ביזט די עלטסטע?

זיסע מעדעל. ניין, איך בין די אַנדערע. די עלטערע איז

קאַטיאַ; זי איז אין געשעפט, אין אַ בלומען־מאַגאַזין, און נאָך איהר בין איך.

זאַן. וואו ביזט דו?

וטע מעדעל. איך בין — אין שטוב.

זאַן. שטענדיג?

וטע מעדעל. איינע מוז דאָך אין שטוב זיין.

זאַן. געוויס. יאָ — און וואָס זאָגסטו דער מאַמען, ווען דו קומסט אַזוי שפּעט אַהיים?

וטע מעדעל. דאָס טרעפט זעלטען.

זאַן. נו, אַט היינט צו׳ם ביישפּיעל. די מאַמע פרעגט דאָך דיך?

וטע מעדעל. געוויס פרעגט זי. ווי שטיל און פאָרזיכטיג איך זאָל נישט אריינגעהן — כאַפּט זי זיך אַלץ אויף.

זאַן. איז וואָס אַלזאָ וועסטו איהר זאָגען?

וטע מעדעל. איך וועל זאָגען, אַז איך בין געוועזען אין׳ן טעאַטער.

זאַן. און זי וועט דיר גלויבען?

וטע מעדעל. פאַרוואָס זאָל זי מיר נישט גלויבען? אין געה אָפט אין טעאַטער. זונטאָג בין איך אויך גע־ ווען אין דער אָפּערע מיט מיין פריינדינע און איהר חת און מיין עלטערן ברודער.

זאַן. וואו האָט איהר גענומען בילעטען?

וטע מעדעל. מיין ברודער איז דאָך אַ פריזיערער.

זאַן. אַה, אַ פריזיערער... מסתמא אַ טעאַטער־פריזיערער?

וטע מעדעל. וואָס פרעגסטו מיך עפּעס אַזוי פונאַנדער?

זאַן. עס אינטערעסירט מיך זעהר. און וואָס איז דער אַנ־ דערער ברודער?

וטע מעדעל. ער געהט נאָך אין שולע. ער וויל אַלעה־ רער ווערען. ניין... אַזוינס!

זאַן. איצט האָסטו נאָך אַ קליינע שוועסטער?

וטע מעדעל. יאָ, דאָס איז נאָך פון ד׳רערד נישט אויפ־ געוואַקסען, אָבער מען מוז איהר שוין גוט אָבהיטען דו ווייסט גאָרנישט, ווי די מעדלעך ווערען אין די שולען איבערגעפיהרט! איך האָב איהר [illegible] לאַנג דערווישט ביי אַ „ראַנדעוואו״

מאן. וואָס?

גוטע מעדעל. יאָ! מיט אַ אינגעל פֿון דער ענטקעגנענדי־
גער שולע איז זי אין אָבענד שפּאַצירען געגאַנגען,
אַזאַ ברעקעל!

מאַן. און וואָס האָסטו געטהון?

גוטע מעדעל. נו, קיין קלעפּ האָט איהר שוין נישט
געפֿעהלט!

מאַן. אַזאַ שטרענגע ביזטו?

גוטע מעדעל. ווער דען וועט אויף איהר אַכטונג געבען?
די עלטערע שוועסטער איז אין געשעפֿט, די מאַמע
טהוט גאָר נישט, נאָר האַלט אין איין בורטשען; –
בלייבט אַלץ אויף מיר.

מאַן. גאָט מיינער, ווי שען דו ביזט! (קושט איהר און ווערט
צערטליבער). דו דערמאָהנסט מיך אויך אימיצען.

גוטע מעדעל. אַזוי – וועמען?

מאַן. נישט קיין בעשטימטען פֿערזאָן... די צייט... נו, מיין
יוגענד. קום, קינד, טרינק!

גוטע מעדעל. יאָ, ווי אַלט ביזטו?... דו... יאָ... איך
וויים דאָך נישט, ווי דו הייסט.

מאַן. קאַרל.

גוטע מעדעל. ס'קען נישט זיין! קאַרל הייסטו?

מאַן. ער האָט אויך געהייסען קאַרל?

גוטע מעדעל. ניין, דאָס איז איבעראַשענד, דאָס איז אַ
וואונדער... דאָס איז – ניין: די אויגען... דער בליק...
(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

מאַן. און ווער ער איז געווען – האָסטו מיר נאָך אַלץ נישט
געזאָגט.

גוטע מעדעל. אַ שלעכטער מענש איז ער געווען – דאָס
איז געוויס, ווען נישט, וואָלט ער מיך נישט געלאָזען
זיצען.

מאַן. דו האָסט איהם זעהר ליעב געהאַט?

גוטע מעדעל. געוויס האָב איך איהם ליעב געהאַט.

מאַן. איך וויים, וואָס ער איז געווען: אַ לייטענאַנט.

גוטע מעדעל. ניין, ער איז נישט געווען פֿון מיליטער
מ'האָט איהם נישט גענומען צום מיליטער־ד...נסט

זיין פאַטער האָט אַ הויז אין דער... אָבער צו וואָס דאַרפסטו עס וויסען?

מ אַ ז (קושט איהר). דו האָסט אייגענטליך גראָהע אויגען: אין אַנהויב האָב איך געמיינט, אַז זיי זיינען שוואַרץ.

גוטע מעדעל. זיי זיינען אפשר נישט גענוג שען

מ אַ ז. (קושט איהרע אויגען).

גוטע מעדעל. ניין ניין, דאָס קען איך נישט פערטראָגען. אַה, איך בעט דיך... אַח, גאָט מיינער... ניין, לאָז מיך אויפשטעהן... נאָר אויף איין מינוט... איך בעט דיך—

מ אַ ז (אַלץ צערטליכער). אַה ניין.

גוטע מעדעל. איך בעט דיך, קאַרל...

מ אַ ז. ווי אַלט ביזטו? — אַכטצעהן, אַ?

גוטע מעדעל. איבער נייצעהן.

מ אַ ז. ניינצעהן... און איך...

גוטע מעדעל. דו ביזט אַלט דרייסיג...

מ אַ ז. מיט נאָך עטליכע יאָהר אַ צולעג. — מיר וועלען נישט רעדען מעהר דערפון.

גוטע מעדעל. יענער איז אויך אַלט געווען צוויי און דרייסיג יאָהר, ווען איך האָב זיך בעקאַנט מיט איהם.

מ אַ ז. ווי לאַנג איז דאָס שוין?

גוטע מעדעל. איך געדענק נישט... הער, אין דעם ווייַן האָט עפּעס געמוזט זיין.

מ אַ ז. פאַר וואָס עפּעס?

גוטע מעדעל. איך בין אינגאַנצען... דו ווייסט... עס דרעהט זיך מיר אַלץ אין די אויגען...

מ אַ ז. טו האַלט זיך פעסטער אַן מיר. אַזוי... (ער דריקט זיי צו צו זיך און ווערט אַלע מאָל צערטליכער, זי וועהרט זיך שוואַך) הער, טייערינקע, מיר קענען איצט געהן.

גוטע מעדעל. יאַ... אַהיים.

מ אַ ז. נישט גלייך אַהיים...

גוטע מעדעל. וואָס מיינסטו?... ניין, ניין... איך וועל אין ערגעץ נישט געהן. וואָס איז דיר איינגעפאַלען...

מ אַ ז. הער מיך נאָר אויס, טהייערע. דאָס אַנדערע מאָל וועלען מיר מאַכען אַזוי, אַז... (ער לאָזט זיך אַראָב אויף

ווידער און לעגט זיך קאפ בײַ איהר אויפ'ן שויס). פוי, ווי גוט, אה, ווי אנגענעהם ...

גוטע מעדעל. וואס טהוסטו? (קושט זײַנע האאר). אין'ם ווײַן האט געמוזט עפּעס זײַן — אזוי שלעפריג ... הער, וואס וועט זײַן, אויב איך וועל נישט קענען אויפשטעהן? אבער, אבער זעה, קארל... און אויב אימיצער וועט ארײַנגעהן ... איך בעט דיך ... דער קעלנער...

מאן. דא ... קומט אין לעבענסטאג ... קיין ... קעלנער... נישט ארײַן ...

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

גוטע מעדעל (ליגט אנגעשפּארט מיט פערמאכטע אויגען אין ווינקעל פון דיוואן).

מאן. (געהט ארום אין א קליינעם רוים אהין און צוריק און רויכערט א פאפּיראס). לאנגעס שווײַגען.

מאן (קוקט אויפ'ן מעדעל. צו זיך). ווער ווייס, וואס דאס איז איגענטליך פאר א פּערזאן — זאל עס דער טײַוועל נעהמען... אזוי געשווינד... ס'איז געוועזן נישט זעהר פארזיכטיג פון מיר ... הא ...

גוטע מעדעל (נישט עפענענדיג די אויגען). אין דעם ווײַן האט געמוזט זײַן עפּעס ...

מאן. פארוואס עפּעס?

גוטע מעדעל. ווען נישט וואלט ...

מאן. וואס עפעס לעגסטו אײַנגאנצען ארויף אויפ'ן חײַן? ...

גוטע מעדעל. וואו ביזטו? פארוואס ביזטו אוועק אזוי ווײַט? קום אהער צו מיר.

מאן (געהט צו, זעצט זיך).

גוטע מעדעל. איצט זאג מיר, דו האסט מיך אין דער אמת'ן ליעב?

מאן. דו ווייסט דאך ... (רײַסט זיך שנעל איבער). געוויס.

גוטע מעדעל. דו ווייסט ... ס'איז דאך ... נו, זאג מיר דער אמת, וואס איז'ם געוועזן אין דעם ווײַן?

מאן. וואס, דו גלויבסט, אז איך בין ... איך בין א גיפט מישער?

גוטע מעדעל. זעה, איך קען נאך אלץ נישט פערשטעהן איך בין דאך נישט ... מיר האבען זיך דאך נאר ווא

בעקאַנט ... הער, איך בין נישט ... אויף מײַן וואָרט —
אויב דו וועסט מײנען, אַז איך בין ...

מאַן. וואָס מאַכסטו זיך אומזיסט אָן זאָרגען. איך ווײס, אַ
דו ביזט נישט ... איך בין זיכער. אַז דו האָסט מיך ליעב

גוטע מעדעל. יאָ ...

מאַן. נאָך אַלעמען, ווען צוויי יונגע מענשען זענען אַליין
אין אַ צימער, עסען צוזאַמען אָבענד־ברויט און
טרינקען ווײַן ... דאָ דאַרף מען שוין אין דעם ווײַן
גאָרנישט אַרײַנטאָן.

גוטע מעדעל. איך האָב׳ס אויך נאָר אַזוי זיך געזאָגט

מאַן. צו וואָס?

גוטע מעדעל (אַביסעל העכער ווי געוועהנליך). איך האָב זיך
געשעמט.

מאַן. דאָס איז לעכערליך; ס׳איז נישטאָ קיין גרונד אויף
דעם. דערצו נאָך, ווען איך האָב דיך דערמאָהנט
דײַן ערשטען געליעבטען.

גוטע מעדעל. יאָ.

מאַן. דעם ערשטען.

גוטע מעדעל. נו יאָ ...

מאַן. איצט וואָלט מיך אינטערעסירען צו וויסען, ווער
עס זענען געווען די אַנדערע.

גוטע מעדעל. קײנער נישט.

מאַן. דאָס איז נישט אמת, דאָס קאָן נישט זײַן.

גוטע מעדעל. איך בעט דיך, זעה, מאַטער מיך
נישט. —

מאַן. דו ווילסט אַ פּאַפּיעראָס?

גוטע מעדעל. נײן, איך דאַנק.

מאַן. דו ווײסט, וויפיעל דער זײגער איז?

גוטע מעדעל. נו?

מאַן. האַלב צוועלף.

גוטע מעדעל. אַזוי!

מאַן. נו ... און די מאַמע? זי איז שוין געוואוינט דער־
צו, האַ?

גוטע מעדעל. דו טרײַבסט מיך שוין אַהײם?

מאַן. דו האָסט דאָך פריהער אַלײן —

גוטע מעדעל. אין דער מינוט ביזטו אזוי ווי אומגעבי־
טען געווארען! וואס האב איך דיר געטאן?

מאן. קינד, וואס רעדסטו, וואס פאלט דיר איין?

גוטע מעדעל. און דאס איז אלץ צוליעב דיינע אוי־
גען. ווען נישט זיי וואלסטו אויף מיין ווארט, גע־
דאפט לאנג... א סך האבען מיך שוין געבעטען
איך זאל מיט זיי געהן אין א בעזונדער קאבינעט.

מאן. נו, דו ווילסט... באלד וועדער געהן מיט מיר
דא... אדער אין אנ'אנדער ארט —

גוטע מעדעל. איך ווייס נישט.

מאן. וואס הייסט עס: דו ווייסט נישט.

גוטע מעדעל. אז דו פרעגסט מיך, ענטפער איך דיר:
איך ווייס נישט.

מאן. איז ווען אלזא? איך מוז דיר פאר אלעמען זא־
גען, אז איך וואהן נישט אין וויען. איך קום נאר
דא פון צייט צו צייט אויף א פאר טעג.

גוטע מעדעל. אה גאה, דו ביזט נישט קיין וויענער!

מאן. איך בין א געבוירענער א וויענער. נאר איצט לעב
איך דא נישט ווייט...

גוטע מעדעל. וואו?

מאן. אח, גאט מיינער, דאס איז דאך קיין אונטערשיע
נישט.

גוטע מעדעל. נו, האב נישט מורא, איך'ל צו דיר
נישט קומען.

מאן. אה, אויב דאס וועט דיר פערגניגען פערשאפע
קענסטו קומען. איך וואוין אין גראץ.

גוטע מעדעל, דו זאגסט'ס ערנסט?

מאן. נו יא, וואס וואונדערט'ס דיך אזוי?

גוטע מעדעל. דו ביזט פערהייראטעט— יא?

מאן (הכבט ערשטוינט). פארוואס עפעס רעכענסטו אזוי?

גוטע מעדעל. מיר איז אזוי פארגעקומען.

מאן. און דאס וואלט דיך גארנישט פערדראסען?

גוטע מעדעל. נו, אנגענעהמער וואלט מיר געווען
ווען דו וואלסט פריי זיין. — ביזטו אבער גאר פערי
הייראטעט! —

מאן. אָבער זאָג מיר, פון וואַנען איז׳ס דיר איינגעפאַלען

גוטע מעדעל. ווען איינער זאָגט, אַז ער וואוינט נישט אין ווין און האָט נישט שטענדיג קיין צייט —

מאן. דאָס קאָן דאָך זיין.

גוטע מעדעל. איך גלויב עס נישט.

מאן. און דיין געוויסען טשעפּעט דיך גאָר נישט דערפאַר, וואָס דו פערפיהרסט אַ פערהייראַטעטען מענשען, און ברענגסט איהם דערצו, ער זאָל ווערען אונטריי זיין ווייב?

גוטע מעדעל. אַח וואָס; דיין ווייב טהוט געוויס אויך דאָס זעלבע, וואָס דו.

מאן (שטאַרק אויפגערעגט). הער, דאָס פערבאָט איך דיר צו רעדען. אַזעלכע בעמערקונגען...

גוטע מעדעל. איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט קיין ווייב נישט.

מאן. צי איך האָב אַ ווייב אָדער נישט — אַזעלכע בעמערקונגען דאַרף מען נישט מאַכען. (ער שטעהט אויף).

גוטע מעדעל. קאַרל, נו, קאַרל, וואָס איז? דו ביזט אין כעס? זעה, איך האָב ריכטיג נישט געוואוסט, אַז דו ביזט פערהייראַטעט. איך האָב׳ס נאָר אַזוי זיך גערעדט. קום, זיי ווידער אַ גוטינקער.

מאן (קומט צו איה אַ פּאָר סעקונדען אַרום צו איהר). איהר זיינט אין דער אמת׳ן מאָרנע בעשעפעניש׳ן, איהר.. ווייבער. (ער ווערט ווידער צערטליך צו איהר).

גוטע מעדעל. גאַה... ניין... ס׳איז שוין אַזוי שפּעט. —

מאן. נו איצט הער זיך איין, וואָס איך זאָג דיר. לאָמיר רעדען צו דער זאַך. איך וואָלט וועלען דיך נאָכאַמאָל זעהען, דיך אָפטער זעהען.

גוטע מעדעל. ריכטיג?

מאן. אָבער דערצו איז נויטיג... איך מוז זיך פערלאָזען אויף דיר. איך קען דאָך דיך נישט נאָכגעהן און אויפּפּאַסען.

גוטע מעדעל. אַח, איך וועל זיך שוין אַליין אויפּפּאַסען.

מאן. דו ביזט... נו אונערפאַהרען קען מען אפילו נישט

זאָגען — אָבער יונג בּיזט דו — און — די מענער זענען אין אַלגעמיין אַ פערדאָרבענעם פאָלק.

[ג]וטע מעדעל. אָה יאָ! נאָך ווי!

[מ]אַן. איך מיין עס נישט נאָר אין מאָראַלישער הינזיכט. — נו, דו פערשטעהסט דאָך מיך?

[ג]וטע מעדעל. זאָג מיר איינענטליך, וואָס דענקסטו וועגען מיר?

[מ]אַן. אַלזאָ — אויב דו ווילסט מיך ליעב האָבען — נאָר מיך — קענען מיר עס איינאָרדנען — האָטש איך וואוין געוועהנליך אין גראַץ. דאָ, וואו יעדע מינוט קען אימיצער אַריינקומען, איז דאָך נישט קיין פאַסענד־ער אָרט.

[ג]וטע מעדעל (דריקט זיך צו צו איהם).

[מ]אַן. דאָס אַנדערע מאָל... וועלען מיר זיך צוזאַמענקומען אין אַן'אַנדער אָרט ערגעץ, האַ?

[ג]וטע מעדעל. יאָ.

[מ]אַן. וואו קיינער וועט אונז נישט שטערען.

[ג]וטע מעדעל. יאָ.

מאַן (נעהמט איהר הייס אַרום). דאָס איבּריגע וועלען מיר שוין אָבּרעדען פאָהרענדיג (שטעהט אויף און עפענט די טהיר) קעלנער... דעם רעכנונג!

---

# דאָס גוטע מעדעל און דער דיכטער.

א קליינעס צימער, בּעקוועם און געשמאַקפאָל מעבּלירט. די פאָרהאַנגען זענען אַראָבּגעלאָזען, און דערפון איז אין צימער האַלב־דונקעל. רויטע שטאָרען אויף די פענסטער. אַ גרויסער שרייבּטיש; אויף איהם ליעגען פּאַפּיער און בּיכער. בּיי'ן וואַנד אַ פּיאַנינע. דאָס גוטע מעדעל. דער דיכטער. זיי זענען בּיידע נאָר וואָס אַריינגעקומען. דער דיכטער שליעסט צו די טהיר.

דער דיכטער. אַזוי, מיין אוצר (קושט איהר).

דאָס גוטע מעדעל (אין הוט און מאַנטעל). אָ! ווי שעהן דאָ איז! מ'זעהט דאָ אָבּער גאָר נישט!

ריכטער. דײַנע אויגן װעלן זיך צוגעװאוינען צו דער האלבער פינסטערניש. — אט די שײנע אײגעלעך דײַנע (קושט איהר אין די אויגן).

גוטע מעדעל. די שײנע אײגעלעך האבן אבער גישט קײן סך צײַט דערצו.

ריכטער. פאר װאס?

גוטע מעדעל. איך װעל דא זײַן נאר אײן מינוט.

ריכטער. אבער דעם הוט װעסטו דאך אויסטהון, הא?

גוטע מעדעל. אויף דער אײנער מינוט?

ריכטער. (נעהמט ארויס די שפילקע פון איהר הוט און לעגט דעם הוט אװעק). און דעם מאנטעלע...

גוטע מעדעל. װאס װילסטו טהון? — איך געה דאך באלד אװעק.

ריכטער. דו מוזט זיך דאך אפרוהען! מיר זענען גאנצע דרײַ שעה געגאנגען!

גוטע מעדעל. מיר זענען געפאהרען.

ריכטער. יא, א היים — אבער אין װײַדלינג בײַ'ן טײַך זענען מיר דאך גאנצע דרײַ שעה ארומגעגאנגען. נו, זעץ דיך שוין אװעק, קינד... װאו דו װילסט; — דא בײַ'ם שרײַבטיש; — נײן, דא איז נישט בעקװעם. זעץ דיך אויפ'ן דיװאן. — אזוי. (ער זעצט זי אװעק). אויב דו ביזט זאהר מיעד, קענסטו זיך צושפארען אויך, אזוי. (ער לעגט איהר אנידער אויפ'ן דיװאן). דעם קעפעל אויפ'ן קישען.

גוטע מעדעל (לאכענדיג). איך בין גאר נישט מיעד!

ריכטער. דיר דאכט זיך נאר אזוי. אזוי — און אויב דו ביזט שלעפעריג, קענסטו אײַנשלאפען אויך. איך װעל זיצען שטיל. אויב דו װילסט קען איך דיר אפילו א ליעדעלע פארשפּיעלען... צום אײַנשלעפערען... מײַנס א אײגענס ... (געהט צו צום פיאנינא).

גוטע מעדעל. דײַנס?

ריכטער. יא.

גוטע מעדעל. איך האב געמײנט, ראבערט, אז דו ביזט א דאקטאר.

דיכטער. פאַרוואָס עפּעס? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך בין אַ שרײַבער.

גוטע מעדעל. די שרײַבער׳ס זענען דאָך אַלע דאָקטוירים.

דיכטער. ניין, נישט אַלע; איך, צום בײַשפּיל, נישט. אָבער וואָס עפּעס איז׳ם דיר איצט אײַנגעפאַלען?

גוטע מעדעל. נו, ווײַל דו האָסט געזאָגט, אַז דו וועסט שפּילען אַ לידעל דײַנס אַ אײַגענס.

דיכטער. יאָ... און אפשר איז עס נישט מײַנס. דאָס איז דאָך אַלץ אײנס, וואָס? איבערהויפּט איז אַלץ אײנס, ווער עס האָט׳ס געמאַכט. אַבי נאָר עס זאָל זײַן שײן — נישט אמת?

גוטע מעדעל. געוויס... עס זאָל זײַן שײן — דאָס איז די הויפּטזאַך! —

דיכטער. דו פערשטעהסט, וואָס איך האָב דאָ געמײנט!

גוטע מעדעל. וואָס געמײנט?

דיכטער, נו דאָ, דערמיט, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט.

גוטע מעדעל (שלעפעריג). נו געוויס.

דיכטער (שטעהט אויף; געהט צו צו איהר און גלעט איהר די האָר).

דו האָסט קײן אײן וואָרט נישט פערשטאַנען.

גוטע מעדעל. איך בין גאָרנישט אַזאַ נאַר.

דיכטער. געוויס ביזטו ניט אַזאַ נאַר. און דערפאַר טאַקי האָב איך דיך ליעב. ווי גוט עס איז, ווען איהר זײַט נאַריש. אַט אַזוי ווי דו — מײן איך.

גוטע מעדעל. געה, וואָס טשעפּעסטו מיך אַזוי?

דיכטער. טײַערע, קלײנע, נישט; אמת, עס ליעגט זיך גוט אויף דער ווײכער פּערסישער דעקע?

גוטע מעדעל. אָה, יאָ. הער, דו ווילסט שוין נישט שפּילען אויפ׳ן קלאַוויר?

דיכטער. ניין, איך וועל בעסער זיצען דאָ מיט דיר (ליגט איהר).

גוטע מעדעל. דו וועסט נישט אָנצינדען קײן פײַער?

דיכטער. אָה ניין... אין אַזאַ דעמערונג איז דאָך אַזוי גוט. מיר האָבען זיך הײַנט אַ גאַנצע טאָג אַזוי ווי געבאָדען בײדע אין זונענשטראַהלען. איצט זענען

מיר אַרויס פֿון דער וואַנע און האָבען זיך אײַנגע־
ווּיקעלט אין ... דעמערונג , ווי אין אַ באָד־מאַנטעל
(לאַכט) אָה נײַן — דאָס דאַרף מען אַנדערש אויס־
דריקען ... דו געפינסט נישט ?

גוטע מעדעל. איך ווײס נישט.

דיכטער (רוקט זיך אָב פֿון איהר). ז'איז געטליך, די נאַריש־
קײַט ! (ער נעמט אַ נאָטיץ־בוך און שרײַבט עפּעס אין איהם).

גוטע מעדעל. וואָס טהוסטו ? (קעהרט זיך אום צו איהם).
וואָס שרײַבסטו עס דאָרטען ?

דיכטער (שטיל). זון, באָד, דעמערונג, מאַנטעל ...
אַזוי ... (בעהאַלט דעם נאָטיץ־בוך, הויך) : גאָרנישט ...
איצט זאָג, מײַן אוצר, דו ווילסט אפשר עפּעס
עסען אָדער טרינקען ?

גוטע מעדעל. טרינקען וויל איך נישט, נאָר עסען.

דיכטער. הם ... ס'וואָלט בעסער זײַן, ווען דיר וואָלט
זיך וועלען טרינקען. קאָניאַק האָב איך אין שטוב
און עסען מוז איך איצט געהן ברענגען.

גוטע מעדעל. דו קענסט נישט שיקען איטיצען ?

דיכטער. דאָס איז שווער, די דינסט איז אוועקגע־
גאַנגען — נו וואַרט איך וועל אַלײן אַראָבגעהן ...
וואָס ווילסטו ?

גוטע מעדעל. ס'לוינט שוין נישט אַראָבצוגעהן. איך
מוז סײַ ווי סײַ באַלד אַהײם געהן.

דיכטער. קינד, דערפֿון קאָן גאָר קײן רעד נישט זײַן,
נאָר הער. וואָס כ'על דיר זאָגען : נעהענדיג וועלען
מיר בײדע אַרײַנגעהן וואָס ס'איז עסען אָבענדברויט.

גוטע מעדעל. אָה נײַן. דערצו האָב איך קײן צײַט נישט.
און אויסער דעם, וואו וועלען מיר געהן? ס'קען
אונז נאָך טרעפֿען אַ בעקאַנטער.

דיכטער. דו האָסט'ס דאָ אַזוי פֿיעל בעקאַנטע ?

גוטע מעדעל. ס'איז גענוג אײנער זאָל אונז טרעפֿען און
דאָס אונגליק איז שוין פֿערטיג.

דיכטער. וואָס אידם אַזוי פֿאַר אַ אונגליק ?

גוטע מעדעל. וואָס מײנסטו, ווען די מאַמע וואָלט זין
דערוויסען...

דיכטער. מיר קענען געהן אין אזא ארט, וואו קיינער זאל אונז נישט זעהען. ס׳זענען דאך דא האטעלען מיט בעזונדערע קאבינעטען.

גוטע מעדעל (צווינגענדיג). יא, ביי׳ם אבענדברויט אין א בעזונדער קאבינעט!

דיכטער. דו ביזט שוין געווען אמאל אין א בעזונדער קאבינעט?

גוטע מעדעל. דעם אמת זאגענדיג: יא.

דיכטער. ווער איז׳ם געווען דער גליקליכער?

גוטע מעדעל. א, ס׳איז נישט דאס, וואס דו מיינסט... איך בין געווען מיט מיינער א פריינדינע און איהר חתן... זיי האבען מיך מיטגענומען.

דיכטער. אזוי. און דו הייסט איך זאל דיר גלויבען?

גוטע מעדעל. דו קענסט זיך נישט גלויבען אויך!

דיכטער (נאהנט נעבען איהר). דו ביזט רויט געווארען? איך זעה גארנישט! איך בעמערק נישט די שטרי־כען פון דיין געזיכט. (ריהרט אן מיט זיינע הענד איהרע באקען) איך דערקען דיך אבער אזוי אויך.

גוטע מעדעל. נו, זעה נאר, דו זאלסט מיך נישט פער־בייטען אויף קיין אנדערער.

דיכטער. ס׳איז מאדנע, איך קען זיך נישט דערמאהנען, ווי דו זעהסט אויס.

גוטע מעדעל. אשענעם דאנק דיר!

דיכטער (ערנסט). דו ווייסט, דאס איז דאך שרעקליך. איך קען זיך מיר דיך נישט פארשטעלען... אין א געוויסען זין האב איך דיך שוין פערגעסען... ווען איך וואלט זיך דעם קלאנג פון דיין שטימע אויך נישט קענען דערמאהנען... וואס וואלסטו דאן געווען?... א נאהנטע און דער זעלביגער צייט אזוי וויים... ס׳א גרויל.

גוטע מעדעל. וואס רעדסטו דארטען—?

דיכטער. גארנישט, מיין טייערע, גארנישט. וואו זענען דיינע ליפען?... (ער קושט איהר).

גוטע מעדעל. דו ווילסט נישט ליכטיג מאכען?

דיכטער. ניין... (ער ווערט זעהר צערטליך). זאג, דו האסט מיך ליעב?

גוטע מעדעל. זעהר... א זעהר!

דיכטער. דו האסט שוין אמיצען אמאל אזוי ליעב געהאט ווי מיך?

גוטע מעדעל. איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז נישט.

דיכטער... אבער... (ער זיפצט).

גוטע מעדעל. דאס איז דאך געוועזן מיין חתן.

דיכטער. מיר וואלט ליעבער געווען, ווען דו וואלסט איצט נישט טראכטען וועגען איהם.

גוטע מעדעל. גע... וואס טהוסטו... זעה...

דיכטער, מיר קענען זיך איצט פארשטעלען, אז מיר געפינען זיך אין אפאלאץ... אין אינדיען...

גוטע מעדעל. דארט זענען געווים נישטא אזעלכע שלעכטע מענשען, ווי דו.

דיכטער. ווי נארעש! געטליך... אה, ווען דו וואלסט ווייסען, וואס דו ביזט פאר מיך...

גוטע מעדעל. נו—!

דיכטער. שטויס מיך נישט אזוי אוועק; איך טהו דאך דיר גארנישט—דערוויייל.

גוטע מעדעל. דער קארסעט דריקט מיר.

דיכטער (איינפאך). טהו איהם אויס.

גוטע מעדעל. יא. נאר דו זאלסט זיך פיהרען ארענטליך.

דיכטער גוט.

גוטע מעדעל (הייבט זיך אויף און טוט אויס אין דער פינסטער איהר קארסעט).

דיכטער (זיצט דורך דער צייט אויפן דיוואן). זאג, דיך אינטערעסירט גארנישט צו וויסען מיין פאמיליענאמען?

גוטע מעדעל. אמת טאקע, ווי הייסטו?

דיכטער. איך וועל דיר בעסער זאגען, נישט ווי איך הייס, נאר ווי איך רוף זיך.

גוטע מעדעל. וואס איז עס פאר אאונטערשיעד?

דיכטער. איך וועל דיר זאגען, ווי איך רוף זיך אלס שרייבער.

גוטע מעדעל. אַה, דו שרײַבסט זיך נישט אונטער מיט דײַן אמת׳ן נאָמען?

דיכטער (נאָהנט צו איהר).

גוטע מעדעל. אַה... גײה אַוועק!... נײַן!...

דיכטער. ווי עס שמעקט פון דיר. אַה, ווי געשמאַק, ווי זיס (ער קושט איהר אין ברוסט).

גוטע מעדעל. דו צורײַסט מיר די העמד.

דיכטער. אַראָב... דאָס אַלץ איז איבעריג.

גוטע מעדעל. אָבער, ראָבערט!...

דיכטער. אין איצט קום אין אונזער אינדישען שלאָס.

גוטע מעדעל. זאָג מיר פריהער, צו דו האָסט מיך אין דער אמת׳ן ליעב...

דיכטער. איך פערגעטער דיך (קושט איהר הײַס). איך פערגעטער דיך, מײַן אוצר, מײַן פריהלינג... מײַן...

גוטע מעדעל. ראָבערט... ראָבערט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דיכטער. דאָס איז געווען אַ הימלישעס גליק... איך רוף מיך...

גוטע מעדעל. ראָבערט, אָה מײַן ראָבערט!

דיכטער. איך רוף מיך ביעביץ.

גוטע מעדעל. פאַרוואָס עפּעס רופסטו זיך ביעביץ?

דיכטער. איך הײס נישט ביעביץ — איך רוף זיך נאָר אַזוי... נו, דיר איז אפשר נישט בעקאַנט דער נאָמען?

גוטע מעדעל. נײַן.

דיכטער. דיר איז נישט בעקאַנט דער נאָמען ביעביץ? אַה — געטליך! ריכטיג נישט? דו זאָגסט עס נאָר אַזוי, מסתמא, אַז דו ווײסט נישט פון דעם נאָמען, נײַן?

גוטע מעדעל. אויף מײַן וואָרט, איך האָב איהם קײנמאָל נישט געהערט!

דיכטער. דו געהסט נאָך קײנמאָל נישט אין טעאַטער?

גוטע מעדעל. אָה יאָ — איך בין ערשט דאָ נישט לאַנג געווען מיט אײנעם — דו ווײסט, מיט מײַן פרײַנדינע׳ס בעטער און מײַן פרײַנדינע, זענען מיר געווען אין דער אָפּער, אויף „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ״.

ריכטער. הא, אָבער אין בורזשואַזער טעאַטער געהסטו קײנמאָל ניט?

גוטע מעדעל. דאָ גיט מיר קײנער ניט קײן בילעטען.

ריכטער. איך װעל דיר די טעג שיקען אַ בילעט.

גוטע מעדעל. אָה, יאָ! נאָר פֿאַרגעס ניט! אויף עפּעס אַ פֿרײלעכע זאַך.

ריכטער. יאָ... אַ פֿרײלעכע... אַ טרױעריקע זאַך האָסט ניט ליב צו זעהען?

גוטע מעדעל. ניט זעהר.

ריכטער. און אויב דאָס װעט זײַן מײַנע אַ זאַך?

גוטע מעדעל. נו, נעה שוין — דײַנע אַ זאַך? דו שרײַבסט פֿאַר'ן טעאַטער?

ריכטער. לאָז, איך װעל אָנצינדען פֿײַער. איך האָב דיך נאָך ניט געזעהען פֿון דער מינוט, װאָס דו ביסט געװאָרען מײַן געליבטע. — מלאך'ל! (ער צינדט אָן אַ ליכט).

גוטע מעדעל. געה, איך שעם זיך. גיב מיר האָטש מיט עפּעס זיך צו צודעקען.

ריכטער. שפּעטער! (ער קומט צו מיט דער ליכט צו איהר און בעטראַכט זי לאַנג).

גוטע מעדעל (פֿאַרדעקט איהר געזיכט מיט די הענד). נעה אַװעק, ראָבערט!

ריכטער. דו ביסט שען, דו ביסט די שענהײט אַלײן, די נאַטור, די הײליגע אונשולד.

גוטע מעדעל. אוי װעה, דו טריפֿסט דאָך אויף מיר מיט דער ליכט! זעה, פֿאַרװאָס גיסטו ניט אַכטונג!

ריכטער (שטעלט אַװעק די ליכט). דו ביסט דאָס, װאָס איך זוך שוין אַ צײַט לאַנג. דו ליבסט נאָר מיך, דו װאָלסט מיך ליב געהאַט אויך, דאַן װען איך װאָלט געװען אַ אײנפֿאַכער סוביעקט אין אַ מאַנופֿאַקטור־געשעפֿט. דאָס איז אַנגענעהם. נאָר איך זאָג דיר דעם אמת, בײַ מיר פֿאַרגנב'ט זיך נאָך איצט אויך עפּעס אַ פֿאַרדאַכט. זאָג מיר ערהליך, דו האָסט טאַקע ניט געװוּסט, אַז איך בין ביכער?

גוטע מעדעל. איך פֿערשטיי נישט, וואָס דו ווילסט פֿון מיר האָבען. איך הייב נישט אָן וויסען פֿון קיין ביעבין.

ריכטער. וואָס איז דער כּבֿוד! ניין, פֿערגעס, וואָס איך האָב געזאָגט, פֿערגעס אפילו דעם נאָמען, וואָס איך האָב דיר אָנגערופֿען. ראָבערט הייס איך און פֿאַר דיר וויל איך אַזוי בלייבען. איך האָב׳ס נאָר געלאַכט. (לאַכט) איך בין גאָר נישט קיין שרייבער, איך בין אַ סוביעקט און אין אָבענד אַקאָמפּאַניר איך די פֿאָלקס־זינגער אויפֿ׳ן קלאַוויר.

גוטע מעדעל. איצט פֿערשטעה איך שוין גאָרנישט... און ווי מאָדנע דו קוקסט. וואָס איז, וואָס איז מיט דיר?

ריכטער. ס׳איז מאָדנע — דאָס האָט נאָך מיר קיינמאָל כמעט נישט געטראָפֿען, מיין אוצר, מיר ווילט זיך וויינען. דו האָסט מיך טיף אָנגעגריפֿען. מיר וועלען בלייבען צוזאַמען, יאָ? מיר וועלען זיך איינער דעם אַנדערן שטאַרק ליב האָבען.

גוטע מעדעל. הער, ס׳איז אמת, וואָס דו האָסט געזאָגט פֿון די פֿאָלקסזינגער?

ריכטער. יאָ, נאָר פֿרעג מיך נישט מעהר. אויב דו האָסט מיך ליב, דאַרפֿסטו מיר איבערהויפּט גאָר נישט פֿרעגען, זאָג, דו קענסט זיין פֿריי עטליכע וואָכען?

גוטע מעדעל. וואָס הייסט פֿריי?

ריכטער. נו, פֿון שטוב דו זאָלסט קענען אַוועק?

גוטע מעדעל. וואָס רעדסטו? ווי קען איך דאָס אַוועק! וואָס וועט די מאַמע זאָגען? און אויסער דעם, אָהן מיך וועט זיך דאָך די גאַנצע שטוב איבערקעהרען מיט׳ן קאָפּ אַראָב.

ריכטער. און איך האָב זיך אַזוי שוין פֿאָרגעשטעלט, ווי איך וועל לעבען מיט דיר אַ פּאָר וואָכען צוזאַמען. אַליין מיט דיר, ערגעץ אין אַ איינזאַמען אָרט, אין אַ וואַלד, אין דער נאַטור... נאַטור... אין דער נאַטור. און דערנאָך אין אַ געוויסען טאָג: אַדיעה — אַוועקגעגאַנגען איינער פֿון אַנדערן, נישט וויסענדיג וואוהין.

גוטע מיידעל. דו רעדסט שוין פון א דעה וואגען! או...
איך האב געמיינט, אז דו האסט מיך אזוי ליעב —

דיכטער. יא, ווייל איך האב דיך ליעב. (בייגט זיך צו צ...
איהר און קישט איהר אין שטערן). דו גוטע נשמה!

גוטע מיידעל. קום, נעהם מיך ארום שטארק, מיר אי...
אזוי קאלט.

דיכטער. דיר איז שוין צייט, דו זאלסט זיך אנטאן,
ווארט איך וועל אנצינדען נאך א פאר ליכט.

גוטע מיידעל (הויבט זיך אויף). אבער דו זאלסט נישט
קוקען.

דיכטער. ניין. (ביים פענסטער). זאג מיר, מיין קינד, ד...
ביזט גליקליך?

גוטע מיידעל. ווי מיינסטו עס?

דיכטער. איך מיין אין אלגעמיין, צי דו ביזט גליקליך?

גוטע מיידעל. עס וואלט געקענט בעסער זיין.

דיכטער. דו פערשטעהסט מיך שלעכט. פון דיינע שטוביג...
פערהעלטניסע האסטו מיר שוין גענוג דערצעהלט
איך ווייס, אז דו ביזט נישט קיין פרינצעסין. אי...
מיין, ווען דו פערגעסט אן דאס אלץ, ווען ד...
שפירסט איינפאך, אז דו לעבסט. און שפירסט
איבערהויפט, אז דו לעבסט?

גוטע מיידעל. הער, דו האסט נישט קיין קאם?

דיכטער (געהט צו דעם טואלעט-טישעל, גיט איהר דעם קאם א...
בעטראכטעט איהר). גאט מיינער, ווי ענטציקענד-שען ד...
זעהסט אויס!

גוטע מיידעל. ט... ניין!

דיכטער. הער, בלייב נאך דא, בלייב דא, איך וועל...
ארויפברענגען וואס צום עסען און...

גוטע מיידעל. ס'איז שוין אבער צו שפעט.

דיכטער. ס'איז נאך קיין ניין נישטא.

גוטע מיידעל. נו, זעהסט, איך מוז זיך שוין צואיילען.

דיכטער. ווען וועלען מיר זיך ווידער זעהען?

גוטע מיידעל. ווען ווילסטו מיך ווידער זעהען?

דיכטער. מארגען.

גוטע מיידעל. וואס האבען מיר מארגען?

יכטער. שבת.

וטע מעדעל. נו, קען איך נישט. שבת מוז איך געהן מיט מיין קליינער שוועסטער צום אפיקון.

יכטער. נו איז זונטאג. המ... זונטאג... אינ'ם זונטאגדי‑ גען טאג... איצט וועל איך דיר וואס זאגען.– איך בין נישט ביעביץ, נאר ביעביץ איז מיינער אגוטער פריינד. איך וועל דיר איהם אמאל פארשטעלען. זונטאג שפילט מען ביעביץ'ס א פיעסע; איך וועל דיר שיקען א בילעט און אבפיהרען פון טעאטער אהיים. דו וועסט מיר זאגען ווי דאס שטיק איז דיר געפעלען געווארען, יא?

וטע מעדעל. נו, שוין ווייטער מיט ביעביצ'ן– וואס האסטו זיך איינגעזועצט אויף איהם?

דיכטער. איננאנצען וועל איך דיך ערשט קענען, ווען איך וויל וויסען, וואס'רא איינדרוק די פיעסע האט אויף דיר געמאכט.

וטע מעדעל. נו... איך בין פערטיג.

דיכטער. קום, מיין אוצר! (זיי געהען).

---

# דער דיכטער און די שוישפילערין.

א צימער אין א האטעל אויפ'ן לאנד. ס'איז א פריהלינגס‑אבענד; איבער די לאנקעס און בערגלעך שיינט די לבנה; די פענסטער שטעהען אפען.

ס'הערשט א טיעפע שטילקייט. דער דיכטער און די שוישפילערין קומען אריין; זיי זיי געהען אריין פערלעשט זיך דאס ליכט, וואס דער דיכטער האלט אין האנד.

דער דיכטער. אה...

די שוישפילערין. וואס איז?

דיכטער. דאס ליכט.– נאר מיר דארפען גאר קיין ליכט נישט. זעה, ס'איז אזוי ליכטיג. מאדנע!

שוישפּילערין (לאָזט זיך פּלוצלונג אַראָפּ בײַ׳ם פענסטער, מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד).

דיכטער. וואָס איז מיט דיר?

שוישפּילערין (שווײַגט).

דיכטער. וואָס טהוסטו?

שוישפּילערין (צוקאָכט). דו זעהסט דען ניט, אַז איך קניע פאַר גאָט? —

דיכטער. דו גלויבסט אין גאָט?

שוישפּילערין. געוויס, איך בין דאָך נישט אַבי־וועך פון גאָט.

דיכטער. אַח—אַזוי!

שוישפּילערין. קום אַהער און שטעל דיך צוזאַמען מיט מיר אויף די קניע. דו קאָנסט אויך אַמאָל גאָט בעטען; ס׳וועט דיר גאָר ניט שאַדען.

דיכטער (קניעט נעבען איהר און נעמט איהר אַרום).

שוישפּילערין. אַח דו, טײַוועלו! — (הויבט זיך אויף). דו ווײסט פאַר וועמען איך האָב געקניעט?

דיכטער. פאַר גאָט, האָסטו דאָך געזאָגט.

שוישפּילערין (מיט אַ טיעפער איראָניע). ריכטיג געטראָפען! פאַר דיר האָב איך געקניעט.

דיכטער. טאָ צו־וואָס האָסטו געקוקט אין פענסטער?

שוישפּילערין. זאָג מיר בעסער, וואו דו האָסט מיך דאָ פערשלעפּט, דו פערפיהרער!

דיכטער. טײַערע, דאָס איז דאָך דײַן אידעע געווען. דיך האָט זיך פערוואָלט אויפ׳ן לאַנד פאָהרען — און דורכאויס אַהער.

שוישפּילערין. נו, איז׳ס אפשר אַ שלעכטע אידעע?

דיכטער. געוויס איז׳ס גוט; דאָ איז בעצויבערענד־שען, ווען מען בערעכענט: צוויי שעה אײַנגאַנצען פון ווין — און מ׳איז פאָלשטענדיג אַליין. הײַנט דער געגענד אַרום!

שוישפּילערין. וואָס? דו וואָלסט געווען נישט קײן שלעכטער פּאָעט, ווען דו וואָלסט געהאַט אַ שטיקעל טאַלאַנט.

דיכטער. דו ביזט שוין דאָ געוועזען אַמאָל?

שױשפּילערין. צו איך בין שױן דאָ געװען? חאַ—חאַ!
איך האָב דאָ געלעבט יאָהרענלאַנג!

דיכטער. מיט װעמען?

שױשפּילערין. נו נאַטירליך, מיט פּריצ׳ן.

דיכטער. אַח אַזױ!

שױשפּילערין. דעם מענשען האָב איך טאַקי פערגעטערט!

דיכטער. דו האָסט עס מיר שױן דערצעהלט.

שױשפּילערין. ביטע – איך קאָן אַװעקגעהן, אױב דו לאַנגװײַליגסט זיך מיט מיר!

דיכטער. אױב דו לאַנגװײַליגסט מיך?... דו האָסט נאָר קײן בעגריף נישט דערפון, װאָס דו ביזט פאַר מיך... דו ביזט אַ גאַנצע װעלט פאַר זיך... דו ביזט דאָס געטליכע, דאָס געניע... דו ביזט... דו ביזט אײַגענט־ליך די הײַליגע אונשולד... יאָ, דו... נאָר רעד נישט מיט מיר איצט װעגען פּריצ׳ען.

שױשפּילערין. דאָס איז געװען אַ נאַרישער טעות! הם...

דיכטער. ס׳איז שען פון דיר, װאָס דו אַנערקענסט עס אַלײן.

שױשפּילערין. קום אַהער, גיב מיר אַ קוש!

דיכטער (קושט זי).

שױשפּילערין. נו, איצט װעלען מיר זיך זאָגען אײנער דעם אַנדערן אַ גוטע נאַכט! אַדיע, מײַן טײַערקײַט!

דיכטער. װי מײנסטו עס?

שױשפּילערין. נו, גאַנץ אײנפאַך: איך װעל מיך לעגען שלאָפען.

דיכטער. יאָ,–״ איך פערשטעה, אָבער װאָס עס געהער צו דעם זאָגען אַ גוטע נאַכט... און װאו זאָל איך דאָ נעכטיגען?

שױשפּילערין. אין דעם האָטעל זענען דאָ געװיס נאָך אַ סך צימערן.

דיכטער. די אַנדערע צימערן האָבען אָבער פאַר מיך קײן רײץ נישט. איבריגענס, אָנצינדען פײַער דאָ?

שױשפּילערין. יאָ.

דיכטער (צינדט אן דאָס ליכט, װאָס שטעהט אױף דעם נאַכט־טישעל) אַח ס׳אַראַ שענעס צימער... און װאָס׳רע פרומע מענשען דאָ זענען אַלע... לױטער הײַליגע בילדער..

ס׳וואָלט זײַן אינטערעסאַנט, צו פֿערברענגען אַ געוויסע
צײַט מיט די מענשען — ס׳עפּעס גאָר אַנ׳אַנדער
וועלט. מיר ווייסען דאָך אײַגענטליך אַזוי ווייניג פֿון
אַנדערע מענשען.

שוישפּילערין. פּלוידער נישט אַזוי פֿיעל און דערלאַנג
מיר בעסער דאָס שאַכטעל פֿונ׳ם טיש.

דיכטער. אָט, מײַן אײַנציגע!

שוישפּילערין (נעהמט אַרויס פֿון שאַכטעל אַ קליין בילד׳ל און שטעלט עס אַוועק אויפֿ׳ן נאַכט-טישעל).

דיכטער. וואָס איז דאָס אַזוינס?

שוישפּילערין. דאָס בילד פֿון דער הײליגער יונגפֿרוי.

דיכטער. דו פֿיהרסט עס שטענדיג מיט זיך?

שוישפּילערין. דאָס איז דאָך מײַן טאַליסמאַן *). נו, איצט געה, ראָבערט!

דיכטער. וואָס איז׳ס פֿאַר אַ שפּאַס? דו ווילסט נישט, איך זאָל דיר העלפֿען אויסטאָן זיך?

שוישפּילערין. ניין; געה.

דיכטער. און ווען זאָל איך צוריקקומען?

שוישפּילערין. אין צעהן מינוט אַרום.

דיכטער (קישט איהר). אויף ווידערזעהען!

שוישפּילערין. וואו געהסטו איצט?

דיכטער. איך וועל אַרומשפּאַצירען דאָ אונטער'ן פֿענסטער. איך האָב זעהר ליעב, בײַנאַכט אויפֿן פֿרײַען פֿעלד אַרומצושפּאַצירען. מײַנע בעסטע געדאַנקען פֿאַלען מיר דאַמאָלס אײַן. און נאָהנט פֿון דיר, אַרומגעהויכט מיט אַ בענקשאַפֿט נאָך דיר... אין דער אַטמאָספֿערע פֿון דײַן קונסט...

שוישפּילערין. דו רעדסט, ווי אַ אידיאָט...

דיכטער (שמערצליך). אַנדערע פֿרויען וואָלטען אפשר געזאָגט... ווי אַ דיכטער.

שוישפּילערין. נו, געה שוין אַמאָל. נאָר זעה, דו זאָלסט נישט פֿערפֿיהרען דאָרט קײן געשעפֿטען מיט דער קעלנערין.

דיכטער (געהט אַוועק).

*) קמיע, שיצונג.

שױשפּילערין (טוט זיך אױס. זי הערט, װי דער דיכטער גײט אַראָב פֿון די טרעפּ און װי ער גײט אַרום דערנאָך אונטערן פֿענסטער. זיך אױסטועענדיג, גײט זי צו צום פֿענס־טער, קוקט אַראָב אינטען און זעהענדיג איהם, רופֿט זי פֿליס־טערענד) קום!

דיכטער (קומט שנעל אַרױף; װאַרפֿט זיך צו איהר, װעלכע האָט זיך דערװײל אַרײנגעלעגט אין בעט און אױסגעלאָשען דאָס ליכט; ער שפּאַרט צו די טהיר).

שױשפּילערין. אַזױ, איצט קענסטו דיך זעצען נעבען מיר און מיר עפּעס דערצעהלען.

דיכטער (זעצט זיך בײ איהר אױפֿ'ן בעטעל). פֿערמאַכען דעם פֿענסטער? דיר איז נישט קאַלט?

שױשפּילערין. אָה, נײן!

דיכטער. װאָס זאָל איך דיר דערצעהלען?

שױשפּילערין. נו, כ'װײס, װעמען דו ביזט אין דעם איצטיגען מאָמענט אונטרײ?

דיכטער. צום בעדױערן, בין איך עס נאָך נישט.

שױשפּילערין. דו קענסט דיך טרײסטען, איך בעטריג אױך איצט אײנעם.

דיכטער. דאָס גלױב איך דיר.

שױשפּילערין. און װאָס גלױבסטו, װעמען?

דיכטער. נאַרעלע, פֿון װאַנען זאָל איך עס װיסען?

שױשפּילערין. נו, טרעף.

דיכטער. װאַרט.. נו, דײן דירעקטאָר.

שױשפּילערין. טײערינקער, איך בין נישט קײן כאָריסטין.

דיכטער. נו, איך האָב נאָר געמײנט אַזױ.

שױשפּילערין. טרעף נאָך אַמאָל.

דיכטער. נו, דו ביזט איצט אונטרײ דײן קאָלעגע... בעננאָ,

שױשפּילערין. האַ! ער האָט גאָר איבערהױפּט נישט ליעב קײן פֿרױען... דו װײסט עס נישט? ער שטעהט נאָר אין בעציהונגען מיט אַ בריעף־טרעגער!

דיכטער. ס'קען נישט זײן!

שױשפּילערין. גיב מיר בעסער נאָך אַ קוש!

דיכטער (נעהמט איהר אַרום).

שױשפּילערין. נו, װאָס טוסטו?

דיכטער. מאַטער מיך נישט אַזוי.

שווישפּיעלערין. הער, ראָבערט, איך׳ל דיר עפּעס זאָגן. לעג דיך מיט מיר אין בעט.

דיכטער. גוט!

שווישפּיעלערין. שנעלער, שנעלער!

דיכטער. יאָ... ווען ס׳זאָל זיך נאָר ווענדען אָן מיר, וואָלט איך עס שוין לאַנג... דו הערסט?...

שווישפּיעלערין. וואָס איז?

דיכטער. די גרילען גרילצען, קוואַקען אין דרויסען.

שווישפּיעלערין. דו ביזט פון זינען אראָב, מיין טייערער; דאָ זענען נישטאָ קיין גרילען.

דיכטער. דו הערסט דאָך?

שווישפּיעלערין. נו, קום שוין אַמאָל!

דיכטער. אָט בין איך.

שווישפּיעלערין. אַזוי; איצט ליעג רוהיג... ששש... ריהר זיך נישט.

דיכטער. וואָס מיינסטו.

שווישפּיעלערין. דו רעכענסט מסתמא צו האָבען עפּעס אַ פערהעלטניס מיט מיר?

דיכטער. דאָס פערשטעהסטו דאָך אַליין.

שווישפּיעלערין. נו יאָ, דאָס וואָלטען אַ סך געוואָלט...

דיכטער. ס׳איז דאָך אָבער נישט צו צווייפלען אין דעם, אַז אין דעם איצטיגען מאָמענט האָב איך די מעהרסטע שאַנסען אויף דעם.

שווישפּיעלערין. טאָ קום שוין אַהער צו מיר, מיין גריל! פון איצט אָן וועל איך דיך רופען גריל.

דיכטער. גוט...

שווישפּיעלערין. נו, ווענען בעטריג איך?

דיכטער. ווענען?... אפשר מיך...

שווישפּיעלערין. טייערינקער, דו ליידסט אויף אַ שווערע מאַרך-קראַנקהייט...

דיכטער. אָדער יענעם... וועלכען דו האָסט נאָך אַליין קיינמאָל נישט געזעהען... יענעם, וועלכען דו קאָנסט נישט, וועלכער איז פאַר דיך בעשטימט און דו קענסט איהם נישט געפינען...

שוישפּילערין. איך בעט דיך, רעד נישט אזוי ווילדע נארעש.

דיכטער. – איז עס נישט וואונדערבאר... דו אויך – און מען וואלט געקענט גלויבען ... אבער ניין, דאס וואלט הייסען אוועקגענומען ביי דיר דאס בעסטע, א... קום – קום – –

שוישפּילערין.

– – – – – – – – – – – – –

דאס איז דאך בעסער, ווי צו שפּילען אין נארעשע פּיעסען... ווי מיינסט דו?

דיכטער. איך מיין, אז ס'איז גוט, וואס דו שפּילסט האטש אמאל אין א רעכטער פּיעסע.

שוישפּילערין. דו, אונפערשעהמטער הונד, מיינסט אודאי דיין פּיעסע?

דיכטער. געוויס.

שוישפּילערין (ערנסט). יא, דאס איז א אויסגעצייכענטע שטיק!

דיכטער. נו –

שוישפּילערין. יא, ראבערט, דו ביסט א געניע!

דיכטער. ביי דער געלעגענהייט קענסטו מיר אפשר ערקלערען, פאר וואס דו האסט זיך אבגעזאגט עהערנעכטען פון שפּילען. דו ביסט דאך אינגאנצען געזונד געוועזען.

שוישפּילערין. איך האב געוואלט דיך ערגערן.

דיכטער. אבער פארוואס? וואס האב איך דיר אזוינס געטאן?

שוישפּילערין. צו־גרויס ביי זיך ביסטו געוועזען.

דיכטער. ווען? מיט וואס?

שוישפּילערין. אלע אין טעאטער האבען געפונען, אז עס איז אזוי.

דיכטער. אזוי.

שוישפּילערין. איך אבער האב זיי געזאגט: ער האט דאס רעכט זיך גרויס צו האלטען.

דיכטער. און וואס האבען זיי געענטפערט אויף דעם?

שוישפּילערין. וואָס האָבען זיי מיר געוואָלט ענט-
פערן? איך רעד דאָך נישט מיט זיי.
דיכטער. אַח אזוי.
שוישפּילערין. זיי וואָלטען מיך אַלע אין אַ לעפעל
וואַסער דערטרונקען. דאָס וועט זיי אָבער זיך נישט
איינגעבּין.
דיכטער. טראַכט נישט איצט וועגען קיינעם. פרעה דיך
בּעסער, וואָס מיר זענען דאָ צוזאַמען, און זאָג,
אַז דו האָסט מיך ליעב.
שוישפּילערין. דו פערלאַנגסט נאָך אַ גרעסערן בּעווייז?
דיכטער. בּעוויעזען קען עס איבּערהויפּט נישט ווערען.
שוישפּילערין. דאָס איז גרויסאַרטיג! ס'איז דיר וועניג?
וואָס ווילסטו נאָך?
דיכטער. וויפיעל אַנדערע האָסטו עס שוין אויף דער אַרט
בּעוויעזען... האָסטו דען זיי אַלע געליעבּט?
שוישפּילערין. אָה ניין. געליעבּט האָב איך נאָר איינעם.
דיכטער (נעהמט איהר אַרום). מיין...
שוישפּילערין. פּרינץ.
דיכטער. איך הייס ראָבּערט. וואָס בּין איך איינענטליך
פאַר דיך, ווען דו טראַכסט איצט וועגען פּריצ'ען?
שוישפּילערין. דו? מיין קאַפּריז.
דיכטער. דאַנקע פאַר דער אָפענהערציגקייט.
שוישפּילערין. נו זאָג, קאָנסטו נישט שטאָלץ זיין?
דיכטער. איך? מיט וואָס זאָל איך שטאָלץ זיין?
שוישפּילערין. איך גלויבּ, אַז דו האָסט אַ גרונד דערצו.
דיכטער. אָח – דערמיט...
שוישפּילערין. יאָ יאָ, דערמיט, מיין גריל! – נו, וואָס
הערט זיך מיט זיי? זיי גרילצען נאָך?
דיכטער. אונאויפהערליך. דו הערסט'ס דען נישט?
שוישפּילערין. געוויס הער איך. דאָס זענען אָבּער
זשאַבּעס גאָר, מיין טייערינקער.
דיכטער. דו האָסט אַ טעות: זשאַבּעס קוואַקען.
שוישפּילערין. געוויס קוואַקען זיי.
דיכטער. אָבּער נישט דאָ, מיין טייערע, דאָ הערט זיך
גרילצענדיג.

שוישפּילערין. דו ביזט דאָך דער גרעסטער עקשן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו טרעפען. גיב מיר אַ קוש, מיַין זשאַבע!

דיכטער. איך בעט דיך, רוף מיך נישט אַזוי. דאָס מאַכט מיך נערוועז.

שוישפּילערין. נו, ווי דען זאָל איך דיך רופען?

דיכטער. איך האָב, דאַכט זיך, אַ נאָמען: ראָבערט.

שוישפּילערין. אָח, דאָס קלינגט עפּעס צו נאַרעש.

דיכטער. איך בעט דיך אָבער, מיך איינפאַך צו רו-ען, ווי איך הייס.

שוישפּילערין. אַלזאָ ראָבערט, גיב מיר אַ קוש... אַה! (זי קושט איהם). איצט ביזטו צופריעדען, זשאַבע? חאַ-חאַ-חאַ-חאַ!

דיכטער. דו וועסט מיר ערלויבען אַ פּאַפּיראָס צו פערויכערען?

שוישפּילערין. גיב מיר אויך איינעם.

ער נעמט דעם פּאַפּיראָסען טאַש פון נאַכט-טישעל, נעמט אַרויס פון איהם צוויי פּאַפּיראָסען, צינדט ביידע אָן און גיט איהר איינעם.

שוישפּילערין. דו האָסט מיר נאָך איבעריגענס קיין איין וואָרט נישט געזאָגט, וועגען מיין נעכטיגען שפּיעלען.

דיכטער. וועגען וואָס'רע שפּיעלען?

שוישפּילערין. נו, וועגען —

דיכטער. אַח יאָ. איך בין נישט געווען אין טעאַטר.

שוישפּילערין. דאָס געפעלט דיר אַזוי צו שפּאַסען?

דיכטער. הויבט זיך גאָרנישט אָן. נאָכדעם ווי דו האָסט זיך ערגערנעכטען אָבגעזאָגט פון שפּיעלען, האָב איך געמיינט אויף נעכטען אויך, אַז דו ביזט נאָך נישט אינגאַנצען געזונד, און האָב זיך דעריבער אָבגעהאַלטען.

שוישפּילערין. דו האָסט אַ סך פערזוימט.

דיכטער. אַזוי.

שוישפּילערין. דאָס איז געווען סענסאַציאָנעל. די צו-שויער זענען אַוש בלאַס געוואָרען.

דיכטער. דו האָסט עס דייטליך בעמערקט.

שוישפּילערין. בעננאָ האָט געזאָגט: טייערע, דו האָסט געשפּיעלט ווי אַ געטין.

ריכטער. הם... און עהערנעכטען נאך אזוי קראנק געוועו

שוישפּילערין. נו יא; איך בין קראנק געוועז. און

ווייסטו פון וואס? פון בענקשאפט נאך דיר.

ריכטער. פריהער האסטו מיר דערצעהלט, אז דו האסט מיך געוואלט ערגערען און דעריבער האסטו נישט געוואלט שפּילען.

שוישפּילערין. אבער וואס ווייסטו פון מיין ליעבע צו דיר, דיך ריהרט עס ווענינ. און איך האב שוין פראבירט גאנצע נעכט אין פיעבער אבליעגען. פיערציג גראד!

ריכטער. פאר א קאפריז איז די טעמפעראטור א ביסעל צו הויך.

שוישפּילערין. קאפריז רופסטו עס? איך שטארב פון ליעבע צו דיר און דו רופסט עס קאפריז — ?!

ריכטער. און פריץ...?

שוישפּילערין. פריץ?... דערמאהן מיר בעסער נישט וועם טייוועל.

---

# די שוישפּיעלערין און דער גראף.

דאס שלאפצימער פון דער שוישפּיעלערין, וואס איז זעהר רייך מעבלירט. ס'איז צוועלף דער זייגער בייטאג; די פארהאנגען פון די פענסטער זענען נאך ארונטערגעלאזען; אויף דעם נאכט-טישעל ברענט א ליכט און די שוישפּיע-לערין ליעגט נאך אין איהר הימעל-בעט. אויף דער רעקע ליעגען אנגעווארפען א סך צייטונגען.

דער גראף קומט אריין אין דער אוניפארם פון א דראגונער-אפיציער, און בלייבט שטעהן ביי דער טהיר.—

שוישפּילערין. אה, הער גראף.

גראף. אייער מאמא האט מיר ערלויבט, ווען נישט וואלט איך נישט —

שוישפּילערין. ביטע, קומט צו נעהנטער.

גראף. איך קוש אייער האנד. פארדאן — ווען מ'קומט אריין פון גאס... איך זעה נאך דא גארנישט. אזוי... דא זייט איהר (ביי'ם בעט): איך קוש אייער האנד.

שווישפּילערין. זיצט, הער גראַף.

גראַף. אײַער מאַמאַ האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זײַט עפּעס נישט מיט אַלעמען ... ווי ס'איז צו האָפען איז עס דאָך נישט קיין ערנסטע קראַנקהײַט.

שווישפּילערין. נישט קיין ערנסטע קראַנקהײַט? איך האָב שוין בײַ'ם שטאַרבען געהאַלטען!

גראַף. בײַם שטאַרבען! אום גאָטעס ווילען, ווי איז עס מעגליך?

שווישפּילערין. יעדענפאַלס איז עס זעהר שען פון אײַער זײַט, וואָס איהר זײַט געקומען אַ קוק טאָן צו מיר.

גראַף. בײַ'ם שטאַרבען געהאַלטען! און נעכטען אין אָבענד האָט איהר נאָך געשפּילט, ווי אַ געטין.

שווישפּילערין. נעכטען האָב איך ווירקליך געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.

גראַף. אַ געוואַלטיגען! ... די צושויער זענען אַלע ענטציקט געווען. פון כ'ר וויל איך שוין גאָר נישט רעדען.

שווישפּילערין. אַ דאַנק אײַך פאַר די שענע בלומען.

גראַף. אָ, ביטע.

שווישפּילערין (אָנווײַזענדיג מיט די אויגען אויף אַ שענעם גרויסען בלומענקאָרב, וואָס שטעהט אויף אַ קליין טישעל בײַם פענסטער) דאָ זענען זיי.

גראַף. איהר זײַט נעכטין בוכשטעבליך פערשאָטען געוואָרען מיט בלומען און קראַנצען.

שווישפּילערין. יענע אַלע בלומען האָב איך אין גאַר דעראָבען געלאָזען. נאָר אײַער קאָרב האָב איך מיט גענומען מיט זיך אַהײַם.

גראַף (קושט איהר די הענד). דאָס איז זעהר ליעב פון אײַער זײַט

שווישפּילערין (נעהמט פּלוצלונג זײַנע הענד און קושט זיי).

גראַף. אָ, וואָס טוט —

שווישפּילערין. דערשרעקט זיך ניט, הער גראַף, דאָס פערפּליכטעט אײַך צו קיין זאַך ניט.

גראַף. איהר זײַט אַ וואונדערבאַרעס וועזען ... אַ רעטזעל, האָפטעס קען מען זאָגען (פּויזע).

שווישפּילערין. דאָס פרײַלײַן בירקען לאָזט זיך, ווירקליך, לײַכטער בעגרײַפען.

גראף. יאָ, די קליינע בירקען איז גאר ניט רעטזועלהאפט, האָטש דעם אמת זאָגענדיג... איך קאָן איהר אויך נאר איבערפלעכליך.

שוישפּיעלערין. אח — לאָזט —

גראף. נו גלויבט מיר, אז ס'איז אזוי. איהר אָבער זענט פאר מיר אַ אמת'ע רעטעניש, וועלכע איך האָב פון אייביג אָן געשטרעבט צו לעזען. איך האָב אייגענטליך אַ סך פערגניגען פערשפּיעלט דורך דעם, וואָס איך האָב אייך נעכטען... דאָס ערשטע מאָל געזעהן שפּיעלענדיג.

שוישפּיעלערין. קען דאָס זיין?

גראף. יאָ. איהר פערשטעהט, פרײַליין, מיט דעם טעאַטער איז זעהר שווער דורכצומאַכען. איך בין געוועהנט שפּעט צו מיטאָגען... אזוי, אז ווען דו קומסט אין טעאַטער, איז שוין דאָס בעסטע אָבגעשפּיעלט. נישט ריכטיג?

שוישפּיעלערין, הייסט עס, אז פון היינט אָן וועט איהר שוין מיטאָג עסען פריהער.

גראף. יאָ, איך האָב אויך שוין געטראַכט וועגען דעם, אָדער איך וועל גאָרנישט פראַווען קיין מיטאָג. דאָס פראַווען דעם מיטאָג איז דאָך אין דער ווירקליכקייט קיין פערגניגען נישט.

שוישפּיעלערין. וועלכע אנדערע פערגניגענס האָט איהר דען, איהר יונגעדליכער גרייז?

גראף. דאָס פרעג איך אָפט זיך אַליין! קיין גרייז אָבער בין איך נישט. דאָ איז אַנ'אַנדער גרונד פערהאַן.

שוישפּיעלערין. אזוי מיינט איהר?

גראף. יאָ, לולו, צום ביישפּיעל, זאָגט, אז איך בין אַ פילאָזאָף. איהר ווייסט, ער זאָגט, אז איך טראַכט צופיעל.

שוישפּיעלערין. יאָ... טראַכטען, דאָס איז אַ אונגליק.

גראף. איך האָב צופיעל צייט, דעריבער טראַכט איך אזוי פיעל. אָט זעהט, איך האָב אַלץ געטראַכט, אַז ווי איך וועל מיך נאָר איבערציהען אין וויען, וועט שוין אַלץ גוט זיין. דאָ וועט מען זיך קענען פערוויילען, צערשטרייען. אין דער אמת'ן אָבער איז דאָ גאָר נישט אַנדערש, ווי דאָרט'ן.

שוישפּילערין. וואו איז עס דער „דאָרט׳ן״?
גראַף. נו, דאָרט׳ן, פערשטעהט איהר, אין אונגאַרן, אין די ווינקעלעך, וואו איך פלעג די מעהרסטע צייט פערברענגען אין קאַזאַרמע.
שוישפּילערין. וואָס האָט איהר, אייגענטליך געטאָן אין אונגאַרן?
גראַף. נו, איך זאָג דאָך אייך — האָב געדיענט.
שוישפּילערין. צו וואָס אָבער זענט איהר אַזוי לאַנג געבליעבען אין אונגאַרן?
גראַף. ס׳איז אויסגעקומען אַזוי.
שוישפּילערין. מ׳קען דאָך משוגע ווערען דאָרט פון אומעטיגקייט.
גראַף. פאַרוואָס עפּעס? צו טאָן האָט מען דאָרט אייגענטליך מעהר ווי דאָ. איהר ווייסט, פרײַליין, אויסבילדען רעקרוטען, פאַרבערייטען פערד... הײַנט דער געגענד אַרום איז אויך גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי מען זאָגט. די טיעפע גלייכע טאָלען זענען דאָרט גרויסאַרטיג — שען, נו און אַזאַ זונענאונטערגאַנג! ס׳איז אַ שאָד, וואָס איך בין ניט קיין מאַלער; איך האָב מיר אָפט געטראַכט, אַז ווען איך וואָלט זיין אַ מאַלער, וואָלט איך עס אָבגעמאָלט. איינעם האָבען מיר געהאַט אין אונזער פּאָלק, דעם יונגען ספּלענו, ער איז יאָ געווען אַ מאַלער.—אָבער וואָס דערצעהל איך אייך דאָ פאַר׳אַ נאַרעשע מעשיות.
שוישפּילערין. אָה, איך בעט אייך, אײַערע ערצעהלונגען ווײַלען מיך אויסגעצײַכענט.
גראַף. איהר ווייסט, פרײַליין, מיט אייך איז גאַנץ אַנגענעהם צו פּלוידערען. דאָס האָט מיר שוין לולו געזאָגט און דאָס געפינט מען זעהר זעלטען.
שוישפּילערין. נו געוויס, אין אונגאַרן.
גראַף. אָבער אין וויען איז אויך דאָס זעלבע! מענשען זענען אומעטום די זעלביגע; וואו זיי זענען מעהר פערהאַן, דאָרט איז ענגער, דאָרט איז דער טומעל גרעסער, דאָס איז דער גאַנצער אונטערשיעד. זאָגט מיר דעם אמת, פרײַליין, איהר האָט ליעב מענשען?

**שוישפּילערין.** ליעב — ?? איך האָב זיי! איך קען קיינעם פון זיי נישט אָנקוקען! און קוק טאַקע נישט אויף קיינעם. איך בין שטענדיג אַליין, און דעם הויז קומט קיינער נישט אַריין.

**גראָף.** זעהט איהר, איך האָב זיך מיר אויך פאָרגעשטעלט, אַז איהר זייט אייגענטליך אַ מענשענפיינדין. ביי דער קונסט מוז עס אָפט פאָרקומען. ווען מ'איז אַזוי אַריינגעטאָן אין הויכע רעגיאָנען... נאָר פון דער צווייטער זייט איז אייך גוט; איהר ווייסט חאָטש ווענינגסטענס, צו וואָס איהר לעבט!

**שוישפּילערין.** ווער זאָגט עס אייך? איך האָב קיין אַהנונג נישט דערפון, צו־וואָס איך לעב!

**גראָף.** וואָס רעדט איהר?... עהרע... בערימטהייט —

**שוישפּילערין.** דאָס רעכענט איהר פאַר גליק?

**גראָף.** גליק? ענטשולדיגט, קיין גליק איז נישטאָ. איבער־הויפּט זענען די זאַכען, וועגען וועלכע מ'רעדט אַמטעהרסטען, אינגאַנצען נישט פאַרהאַן... אַט ליעבע, צום ביישפּיעל, דאָס געהער אויך צו דעם סאָרט.

**שוישפּילערין.** איהר זענט פאָלשטענדיג גערעכט.

**גראָף.** גענוס... פערשכור'ונג... נו, גוט, וועגען דעם לאָזט זיך קיין זאַך נישט זאָגען... דאָס איז עטוואָס רעאַלעס, זיכערעס. איצט איז מיר אַנגענעהם... גוט, ווייס איך, אַז מיר איז אַנגענעהם. אָדער איך בין פערשכור'ט, בערוישט.. זעהר שען; דאָס איז אויך רעאַל, דאָס איז אויך זיכער. און ווען דאָס ענדיגט זיך, איז עס געענדיגט.

**שוישפּילערין** (גרויס. בעטאָנענד). עס איז געענדיגט.

**גראָף.** ווען אָבער, ווי זאָל איך מיך אויסדריקען, ווען אָבער מ'גיט זיך נישט איבער דעם מאָמענט, דאָס הייסט מ'הויבט אָן טראַכטען וועגען שפּעטער אָדער פריהער... נו, דאַן איז שוין אַלץ אויס. די צוקונפט איז טרויריג... די פערגאַנגענהייט איז אונזיכער... מיט איין וואָרט... מ'פערליערט זיך אינגאַנצען. האָב איך נישט רעכט?

שוישפּילערין (שטאַרק פונאַנדערעפענדיג די אויגען). איהר האָט געחאַפּט דעם ריכטיגען זין.

גראַף. איהר פערשטעהט, ווער ס'האָט נאָר איינמאָל דאָס בעגריפען, דעם איז שוין אַלץ איינס, צו לעבען אין וויען, צי אין פּעשט, צי אין שטיינאַמאַנגער. אָט צום ביישפּיעל — וואו קען איך דאָ דעם הוט אוועקלעגען? דאַנקע... וועגען וואָס האָבען מיר דאָ גערעדט?

שוישפּיעלערין. וועגען שטיינאַמאַנגער.

גראַף. ריכטיג. אַלזאָ, אזוי ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, דער אונטערשיעד איז אַ גאַנץ קליינער. צו איך זיץ פאַר־נאַכט אין קאַזינאָ אָדער אים קלוב—ס'איז דאָך אַלץ איינס.

שוישפּיעלערין. און וואָס'רע צוזאַמענהאַנג האָט עס מיט דער ליעבע?

גראַף. ווען מען גלויבט אין איהר, קאָן מען שטענדיג גע־פינען אַזאַ, וואָס האָט ליעב.

שוישפּיעלערין. צום ביישפּיעל דאָס פריילין בירקען.

גראַף. איך הויב ווירקליך נישט אָן צו פערשטעהן, פאַר־וואָס איהר דערמאָהנט אַלע מאָל דער פריילין בירקען.

שוישפּיעלערין. זי איז דאָך אייער געליעבטע.

גראַף. ווער האָט עס געזאָגט?

שוישפּיעלערין. אַלע ווייסען עס.

גראַף. נאָר איך נישט. דאָס איז מערקווירדיג.

שוישפּיעלערין. איהר זענט דאָך צוליעב איהר אויף אַ דועל געגאַנגען.

גראַף. אפשר בין איך דאַמאָלס דערשאָסען געוואָרען, און איך האָב עס גאָרנישט בעמערקט.

שוישפּיעלערין. נו, הער גראַף, איהר זענט אַ עהרענמאַן. זעצט זיך נעהנטער.

גראַף. אויב איהר ערלויבט.

שוישפּיעלערין. דאָ, אהער (זי ציהט איהם צו צו זיך און גלעט מיט איהרע הענד זיינע האָר). איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט היינט קומען!

גראַף. פון וואַנען?

שוישפּיעלערין. איך האָב עס נאָך נעכטען אין טעאַטער געוואוסט.

גראף. איהר האָט מיך דען געזעהן פון סצענע?
שווישפּיעלערין. מענש! איהר האָט דען נישט בעמערקט
אַז איך האָב נאָר פאַר אייך געשפּיעלט?
גראף. ווי איז עס מעגליך?
שווישפּיעלערין. מיר זענען פליגלען אויסגעוואַקסען, ווען איך האָב אייך דערזעהען זיצענדיג אין דער ערשטער רייהע.
גראף. פליגלען אויסגעוואַקסען? מיך דערזעהענדיג? איך האָב קיין אהנונג נישט געהאַט דערפון, אַז איהר קוקט אויף מיך.
שווישפּיעלערין. איהר קענט ביז צו פערצווייפלונג ברענגען מיט אייער אַנגעצויגענקייט.
גראף. יאָ פרײַלין —
שווישפּיעלערין. „יאָ פרײַלין"!... נעהמט חאָטש ווענינס־טענס אראָב דעם שווערד פון זיך!
גראף. אויב איהר ערלויבט (נעהמט אראָב פון זיך דעם שווערד און שפּאַרט איהם אָן אָן בעט).
שווישפּיעלערין. און גיעב מיר ענדליך אַ קוש.
גראף (קושט זי; זי לאָזט איהם נישט אָב).
שווישפּיעלערין. ווען איך וואָלט דיך קיינמאָל נישט געזעהען, וואָלט איך בעסער געווען.
גראף. ס'איז דאָך בעסער אַזוי.
שווישפּיעלערין. הערר גראף, איהר זענט אַ פּאָזער!
גראף. איך? פאַרוואָס?
שווישפּיעלערין. שטעלט זיך פאָר, ווי גליקליך וואָלט אנדערער געווען, ווען ער וואָלט זיין אויף אייער פּלאַץ!
גראף. איך בין טאַקי זעהר גליקליך.
שווישפּיעלערין. נו, און איך האָב געמיינט, אַז קיין גליק איז גאָר נישטאָ. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? מיר דאַכט זיך, אַז איהר שרעקט זיך פאַר מיר, הערר גראף!
גראף. איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט: איהר זייט פאַר מיר אַ רעטעניש.
שווישפּיעלערין. אַח לאָז מיך צורוה מיט דיין [illegible]...
קום אַהער. און איצט בעט ביי מיר עפּעס... דו קענסט

אַלץ קריגען, וואָס דו ווילסט. דו ביזט צו שען.

גראַף. אַלזאָ בעט איך די ערלויבניש (איהר קושענדיג די הענד.) צו קומען היינט אין אָבענד נאָכאַמאָל.

שוישפּילערין. היינט אין אָבענד... שפּיעל איך דאָך.

גראַף. נאָכ'ן טעאַטר.

שוישפּילערין. און קיין אַנדער זאַך בעטסטו נישט?

גראַף. אַלע אַנדערע זאַכען וועל איך בעטען נאָכ'ן טעאַטר.

שוישפּילערין (אָנגעגריפען). דאַמאָלס וועט דיר אויסקומען לאַנג צו בעטען, דו עלענדער פּאָזער.

גראַף. איהר פערשטעהט, אָדער פערשטעה... מיר זענען דאָך ביז אַהער אַזוי אויפריכטיג געווען איינער מיט'ן אַנדערען... איך געפין דאָס אַלץ אַ סך בעסער און שענער אין אָבענד נאָכ'ן טעאַטר... אַ סך בעקוועמער ווי איצט, ווען... מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אָט עפענט זיך אויף די טהיר..

שוישפּילערין. זי עפענט זיך נישט פון אויסענוועניג.

גראַף. פערשטעהסט, איך געפין, אַז מ'דאַרף נישט לייכטזיניג קאַליע מאַכען פריהער דאָס, וואָס עס וואָלט געקאָנט זיין שפּעטער שען און בעצויבערנד.

שוישפּילערין. וואָס וואָלט געקאָנט זיין!...

גראַף. אין דער פריה געפין איך, דעם אמת זאָגענדיג, די ליעבע פאַר עקעלהאַפט.

שוישפּילערין. נו—דו ביזט דער גרעסטער משוגע'נער פון אַלע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו טרעפען.

גראַף. איך רעד נישט דאָ וועגען דעם געוויסען סאָרט פרויען... ביי זיי איז דאָך נאָך אַלעמען אַלץ איינס. אָבער אַזעלכע פרויען, ווי דו... ניין, דו קאָנסט מיך הונדערטמאָל רופען משוגע'נער, אַזעלכע פרויען ווי דו... פאַר פריהשטיק... ניין... דו ווייסט... ניין..

שוישפּילערין. אַח, גאָט מיינער, ס'אַרא שלאַק דאָס איז!

גראַף. דו פערשטעהסט, וואָס איך האָב געזאָגט, ניין? מיר שטעלט זיך דאָס פאָר אַזוי—

שוישפּילערין. נו, ווי שטעלט זיך דאָס דיר פאָר?

גראַף. איך קלער מיר... נאָכ'ן טעאַטר וועל איך וואַרטען אויף דיך מיט אַ קאַרעטע, דערנאָך וועלען מיר

פאָהרען צוזאַמען ערגעץ אָבענדברויט עסען —

**שוישפּילערין.** איך בין נישט דאָס פריילין בירקען׳

**גראַף.** דאָס האָב איך דאָך נישט געזאָגט. איך געפין נאָר, אַז צו אַלעמען איז נויטיג אַ געוויסע שטימונג. און די דאָזיגע שטימונג ווערט ביי מיר בעשאַפען נאָר ביי׳ם אָבענדברויט. נאָכ׳ן אבענדברויט איז דאָס שענסטע, ווען מ׳פאָהרט צוזאַמען אַהיים, און דערנאָך ...

**שוישפּילערין.** און וואָס דערנאָך?

**גראַף.** דערנאָך... ליעגט דאָס שוין אין דער ענטוויקלונג פון דער זאַך ...

**שוישפּילערין.** זעץ דיך נעהנטער. נעהנטער.

**גראַף** (זיך זעצענדיג אויפ׳ן בעט). איך וואָלט געזאָגט, אַז פון די קישענס פיהלט מען עפּעס אַ... דאָס מוז זיין רעזעדאַ — נייִן?

**שוישפּילערין,** דאָ איז זעהר הייס; דו געפינסט עס נישט?

**גראַף** (בויגט זיך אָן צו איהר און קושט איהר אין האַלז).

**שוישפּילערין.** אָה, הער גראַף, דאָס איז דאָך געגען אייער פּראָגראַם?

**גראַף.** ווער זאָגט עס? איך האָב קיין פּראָגראַם נישט.

**שוישפּילערין** (ציהט איהם צו זיך).

**גראַף.** ס׳איז ווירקליך הייס.

**שוישפּילערין.** דו געפינסט, אַז ס׳איז הייס? און אַזוי דונקעל, ווי ווען עס וואָלט שוין געווען נאַכט... (רייסט איהם צו זיך). ס׳איז אין אָבענד... ס׳איז ביי נאַכט... מאַך צו די אויגען, אויב ס׳איז דיר צו ליכטיג... קום!... קום!...

**גראַף** (וועהרט זיך נישט מעהר).

— — — — — — — — — — — — —

**שוישפּילערין.** נו, וואָס הערט זיך איצט מיט דער שטימונג, דו פאָזער איינער?

**גראַף.** דו ביזט אַ קליינער טייוועל.

**שוישפּילערין.** וואָס איז עס פאַר אַ אויסדרוק?

**גראַף.** נו, איז — אַ מלאך.

שוישפּילערין. דו וואָלסט געדאַרפט אַרויף אויפ'ן סצענע! ערנסט! דו קענסט די פרויען! און דו ווייסט, וואָס איך וועל איצט טאָן?

גראַף. נו?

שוישפּילערין. איך וועל דיר זאָגען, אַז איך וויל דיך מעהר נישט זעהען.

גראַף. פאַרוואָס?

שוישפּילערין. ניין, ניין. דו ביזט פאַר'מיר צו=געפערליך! דו קענסט אַ פרויענצימער משוגע מאַכען. אַט שטעהסטו איצט אויך פאַר מיר ריכטיג, ווי ווען עס וואָלט קיין זאַך נישט פאָרגעקומען.

גראַף. אָבער...

שוישפּילערין. איך בעט אייך, הער גראַף, זיך צו דערמאָהנען, אַז איך בין נאָר וואָס אייער געליבטע געוועזען.

גראַף. איך וועל עס קיינמאָל נישט פערגעסען!

שוישפּילערין. און וואָס הערט זיך מיט היינט אין אָבענד?

גראַף. וואָס הייסט?

שוישפּילערין. נו — דו האָסט דאָך געוואָלט מיך אָבוואַרטען נאָכ'ן טעאַטר?

גראַף. נו, גוט. איבערמאָרגען, צום ביישפּיעל.

שוישפּילערין. וואָס הייסט איבערמאָרגען? מ'האָט דאָך גערעדט וועגען היינט?

גראַף. דאָס וואָלט קיין זין נישט געהאַט.

שוישפּילערין. דו אַלטער —!

גראַף. דו פערשטעהסט מיך נישט גוט. איך האָב אייגענטליך געמיינט, הם... ווי זאָל איך עס אויסדריקען — דאָס, וואָס עס אַנבעלאַנגט דעם גייסט.

שוישפּילערין. וואָס אַרט עס מיך צו דיין גייסט?

גראַף. גלויב מיר, אַז דער גייסט איז ענג צוזאַמענגעבונדען מיט... איך האַלט דאָס פאַר אַ פאַלשע מיינונג, אַז מ'קען אָבטיילען דעם גייסט פון...

שוישפּילערין. לאָז מיך צורוה מיט דיין פילאָזאָפיע, ווען מיר פערווילט זיך פילאָזאָפיע, לעז איך ביכער,

גראף. פון ביכער לערנט מען זיך קיינמאָל נאַרנישט אויס.
שוישפּילערין. דאָס איז אמת! דעריבער טאַקע זאָלסטו מיך היינט אין אָבענד ערוואַרטען. וועגען דער נשמה וועלען מיר שוין דורכקומען, דו זשוליק!
גראף. אלזאָ אויב דו ערלויבסט, וועל איך מיט מיין עקיפּאַזש —
שוישפּילערין. דאָ אין מיין וואָהנונג וועסטו מיך ערוואַרטען —
גראף. נאָכ'ן טעאַטער.
שוישפּילערין. נו, נאַטירליך.
(ער טוט אָן דעם שווערד).
שוישפּילערין. וואָס טוסטו דאָרט?
גראף. איך מיין, אַז ס'איז שוין צייט צו געהן. פאַר אַ אָפיציעלען וויזיט, בין איך דאָך איגענטליך שוין אַביסעל צו לאַנג געזעסען.
שוישפּילערין. נו, היינט אין אָבענד וועט עס, האָף איך, שוין נישט זיין קיין אָפיציעלער וויזיט.
גראף. דו גלויבסט אַזוי?
שוישפּילערין. וועגען דעם לאָז נאָר מיך זאָרגען. נו, און איצט גיב מיר נאָך איין קוש, מיין קליי=נינקער פילאָזאָף. אָט אַזוי, דו פערפיהרער... דו... שטיפער איינער... הארצ=פרעסער, דו... חיה'לע קליי=נינקע... דו... (נאָכדעם ווי זי האָט איהם אַ פּאָר מאָל שטאַרק געקושט, שטויסט זי איהם העפטיג אַוועק פון זיך) הער גראַף, דאָס איז געוועזען פאַר מיר אַ גרויסע עהרע!
גראף. איך קוש אייער האַנד, מאַדעמאַזעל! (ביי דער טהיר) אויף ווידערזעהען!
שוישפּילערין. אַדיעה, שטיינאַמאַנגער!

## דער גראַף און די פּראָסטיטוטקע.

(ארום זעקס אַ זייגער אין דערפריה. דאָס צימער מיט איין פענסטער, איז אָרעם מעבלירט. די געלבליך-שמוציגע רולעטען זענען אראָבגעלאָזען. אָבגעריבענע גרינליכע פאָרהאַנגען. אַ

קאָמאָדע, אויף וועלכער עס שטעהען עטליכע פאָטאָגראַפיעס. דאָ ליעגט אויך זעהר אַ גע׳שמאַקלאָזער, ביליגער דאַמענהוט. ארום שפיעגעל — ביליגע יאַפאָנישע פעכערס. אויפן טיש, וואָס איז פערדעקט מיט אַ רויטליכען טישטוך, שטעהט אַ נאַפט-לאָמפ, און ברענט שוואַך, עטוואָס רויכערנדיג. אַ פּאַפּיר-רענער, געלער אבאַזשור; דערביי אַ קריגעל מיט אביסעל איבערגעבליבענע ביער, און אַ האַלב-לעדיגעס גלאָז. אויפן פּיזדלאָגע נעבען בעט, ליעגען אין אונאָרדנונג אָנגעוואָרפען פרויענקליידער, ווי ווען איטיצער וואָלט זיי געשווינד אראָבגעוואָרפען פון זיך. אינם בעט ליעגט און שלאָפט די פּראָסטיטוטקע; זי אטעמט רוהיג. — אויף דעם דיוואַן, אינגאַנצען אָנגעטאָן, ליעגט דער גראַף אים פּאַלטאָ· דער הוט זיינער ליעגט איהם צוקאָפּענס אויפן פּאָדלאָגע).

**דער גראַף** (בעוועגט זיך, רייבט די אויגען, הויבט זיך שנעל אויף, בלייבט זיצען און קוקט זיך ארום). וואו בין איך דאָ... אח... יאָ... הייסט עס, בין איך טאַקע געגאַנגען מיט דער פרוי צו איהר... (ער שטעהט שנעל אויף, זעהט איהר בעט). אָט ליעגט זי דאָ... וואָס עס קען זיך נאָך טרעפען מיט אַ מענשען אין מיינע יאָהרען! איך קען עס גאָר נישט בעגרייפען — ווי ז׳האָבען מיך אהער אַרויפגעטראָגען? ניין... עפעס דערמאָהן איך מיך יאָ — איך בין אַריינגעקומען אין צימער... יאָ... דאָ... איך בין נאָך דאַן וואַך געווען אָדער איך בין שוין געהאַט אויפגעשטאַנען... אָדער... אָרער, ס׳קען זיין, דאָס צימער דערמאָהנט מיך נאָר אָן עפעס?... עהרען-וואָרט... יאָ... נעכטען האָב איך עס אַלץ געזעהען... (טוט אַ קיק אויפן זייגער) וואָס! נעכטען, מיט אַ פאָר שעה צוריק — איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דאָ וועט עפעס געשעהען... איך האָב עס געפיהלט... ווי נאָר איך האָב נעכטין אָנגעהויבען טרינקען, האָב איך עס גלייך געשפּירט אַז... און וואָס אייגענטליך איז געשעהען?... גאָר נישט... אָדער ס׳איז יאָ עפעס...? עהרען וואָרט... אָט איז שוין... יאָ, זייט צעהן יאָהר איז מיר אַזעלכעס נישט פאָרגעקומען, איך זאָל אינגאַנצען נישט וויסען. וואָס... אַלזאָ קורץ און גוט, איך בין

געווען שכּור. ווען איך וואָלט נאָר וויסען פֿון ווען אָן... דאָס געדענק איך גוט, ווי איך בין מיט לולו'ן אַרײַן אין דעם קאַפֿע־הויז און... נײַן, נײַן... פֿון זאַכער'ן זענען מיר נאָך ערגעץ־וואו געגאַנגען... און דערנאָך אויפֿ'ן וועג איז שוין... יאָ... ריכטיג... איך בין אין מײַן קאַרעטע מיט לולו'ן... אָבער צו וואָס ברעך איך מיר אַזוי פֿיעל דעם קאָפּ. ס'איז אַלץ אײנס, מ'דאַרף אָנהויבען זיך אַרויסקלויבען פֿון דאַנען... (שטעהט אויף, דאָס פֿײַער פֿון לאָמפּ וואַקעלט זיך)! אָה! (קוקט אויף דער שלאָפֿעגדער) זי האָט אַ געזונדטען שלאָף. איך ווײס אפילו פֿון גאָרנישט — פֿון דעסטוועגען וועל איך איהר לאָזען דאָס געלד אויף דעם נאַכט־טישעל... און אַדיעה... (ער שטעהט נעבען איהר און קוקט איהר לאַנג אָן). ווען מ'וואָלט נישט וויסען, וואָס זי איז (בעטראַכט איהר לאַנג). איך האָב שוין אַ סך פֿון זײ געזעהען, און קײנע פֿון זײ האָט נישט אויסגעזעהען אין שלאָף אַזוי אונשולדיג. עהרען וואָרט... לולו וואָלט ווידער געזאָגט, אַז איך פֿילאָזאָפֿיר; ס'איז אָבער פֿאָרט אמת, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז דער שלאָף מאַכט אַלע גלײַך, ווי זײַן ברודער — דער טוידט... הם, איך וואָלט נאָר וועלען וויסען, צו... נײַן, וואָלט איך דאָך געדענקט... נײַן, נײַן, איך בין גלײַך אַניעדערגעפֿאַלען אויפֿ'ן דיוואַן... און ס'איז קײן זאַך נישט פֿאָרגעקומען... ס'איז מאָרגע וואונדערבאַר, ווי אַלע פֿרויען זענען אַמאָל עהנליך אײנע צו דער אַנדערער... נו, ס'איז צײַט צו געהן (וויל געהן). יאָ, ריכטיג (ער נעמט דעם טײַסטער און וויל אַרויסנעהמען פֿון איהם אַ אַסיגנאַציע).

…ראָסטיטוטקע (חאַפּט זיך אויף). נו... ווער איז'ס דאָ אַזוי פֿריה —? (דערקענט איהם). גוט מאָרגען, טײַערער.

…ראַף. גוט מאָרגען. דו ביזט גוט געשלאָפֿען?

…ראָסטיטוטקע (זיך אונגערציהענדיג). קום אהער. גיב אַ קוש.

…ראַף. (בויגט זיך אראָב צו איהר, בעטראַכט זיך און געהט אָב) איך האָב נאָר וואָס געוואָלט אַוועקגעהן...

פּראָסטיטוטקע. אַוועקגעגאַנגען?
גראַף. יאָ, ס'איז שוין צײַט.
פּראָסטיטוטקע. הײסט עס, ווילסטו אַוועקגעהן?
גראַף (אַבּיסעל אין פֿערלעגענהײט). יאָ...
פּראָסטיטוטקע. נו געה געזונטערהײד; וועסט קומען אַן'אַנדער מאָל.
גראַף. יאָ, אַדיעה. קײן הענדטעל ווילסטו גאָרנישט געבען?
פּראָסטיטוטקע (דערלאַנגט איהם אַרויס אַ האַנד פֿון אונטערן דעקע)
גראַף (נעמט די האַנד און קושט זי מעכאַניש; בעמערקט עס און לאַכט) ווי אַ פּרינצעסין. איבּריגענס, ווען מ'זאָל נאָר...
פּראָסטיטוטקע. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?
גראַף. ווען מ'זעהט נאָר דאָס קעפּיל אַלײן, ווי איצט... בײַ'ם אויפֿשטעהן זעהט דאָך יעדערע אויס אונשולדיג... עהרען וואָרט, מ'וואָלט זיך געקענט פֿאָרשטעלען כ'ווײס וואָס, ווען ס'וואָלט זיך נישט געפֿיהלט דאָ אַזוי דער נאַפֿט...
פּראָסטיטוטקע. יאָ, מיט דער לאָמפּ איז שטענדיג צרות.
גראַף. ווי אַלט ביזטו אײגענטליך?
פּראָסטיטוטקע. נו, וויפֿיעל מײנסטו?
גראַף. פֿיער און צוואַנציג.
פּראָסטיטוטקע. נו, אַודאַי.
גראַף. דו ביזט שוין עלטער?
פּראָסטיטוטקע. מיר געהט אויפֿן צוואַנציגסטען.
גראַף. און ווי לאַנג ביזטו שוין...
פּראָסטיטוטקע. בײַ דעם געשעפֿט בין איך אײן יאָהר!
גראַף. צופֿריה אַבּיסעל האָסטו אָנגעהויבען.
פּראָסטיטוטקע. בעסער צו־פֿריה אײדער צו־שפּעט.
גראַף (זעצט זיך אויפֿן בעט). זאָג מיר דעם אמת, דו ביזט גליקליך?
פּראָסטיטוטקע. וואָס?
גראַף. איך מײן, צי ס'געהט דיר גוט?
פּראָסטיטוטקע. אָה, צײַטענווײַז איז מיר גוט.
גראַף. אַזוי... זאָג מיר, דיר איז נאָך קײנמאָל נישט אײַנגעפֿאַלען צו קלערען וועגען דעם, אַז דו וואָלסט געקענט עפּעס אַן'אַנדערע זײַן?

פראַסטיטוטקע. וואָס קען איך דען זיין?

גראַף. נו... דו ביזט דאָך אין דער אמת'ן אַ שענע מעדעל. דו וואָלסט דאָך געקענט, צום ביישפּיעל, אַ געליעבטען האָבען.

פּראָסטיטוטקע. און דו מיינסט, אַז איך האָב נישט?

גראַף. יאָ, דאָס ווייס איך — איך מיין אָבער איינעם, דו פערשטעהסט, איינעם, וואָס זאָל דיך אויסהאַלטען, אַזוי אַז דו זאָלסט נישט דאַרפען געהן מיט אַבי-וועמען.

פּראָסטיטוטקע. איך געה נישט מיט אַבי-וועמען. גאָט צו דאַנקען, איך דאַרף דאָס נישט; איך זוך מיר שוין אַליין אויס.

גראַף (בעטראַכט דעם צימער).

פּראָסטיטוטקע (בעמערקט עס). דעם אַנדערן מאָנאַט ציהען מיר זיך אַרויס פון דאַנען אין שטאָדט אַריין; אויף דער שפּיעגעלגאַס.

גראַף. מיר? — ווער נאָך?

פּראָסטיטוטקע. נו, די ווירטין. און די עטליכע אַנדערע מעדלעך, וואָס וואָהנען דאָ.

גראַף. דאָ וואָהנען נאָך מעדלעך?

פּראָסטיטוטקע. יאָ, דערביי... דו הערסט נישט... דאָס איז מילי, וועלכע איז אויך געווען אין קאַפע-הויז.

גראַף. דאָ כראַפּעט איםיצער.

פּראָסטיטוטקע. נו יאָ, דאָס איז מילי. זי כראַפּעט אַזוי אָב דעם גאַנצען טאָג ביז צעהן ביינאַכט. דערנאָך וועט זי אויפשטעהן און געהן אין'ס קאַפע-הויז.

גראַף. דאָס איז אַ שוידערהאַפטעס לעבען.

פּראָסטיטוטקע. געוויס, די ווירטין זידעלט זיך אויך גענוג. איך בין פון צוועלף אין דער פריה שוין אין גאַס.

גראַף. וואָס טוסטו אַזוי פריה אין גאַס?

פּראָסטיטוטקע. וואָס זאָל איך טאָן? איך געה זוכען געסט.

גראַף. נו יאָ... געוועהנליך... (שטעהט אויף, נעמט אַרויס פון טייסטער אַ אסיגנאַציע און לעגט איהר אַוועק אויפן נאַכט-טישעל). אַדיעה.

פּראָסטיטוטקע. דו געהסט שוין... אַדיעה... קום צו געהן

נאָכאַמאָל (דרעהט זיך אום אויף דער צווייטער זייט).

גראַף (בלייבט ווידער שטעהן). הער, זאָג מיר, דו ביזט שוין גלייכגילטיג צו אַלץ? הא?

פראָסטיטוטקע. וואָס?

גראַף. איך מיין, צו דיר איז שוין אַלץ איינס...

פראָסטיטוטקע (גענעצט). ס'ווילט זיך שלאָפען.

גראַף. דיר איז שוין אַלץ איינס אַ יונגער צו אַ אַלטער...

פראָסטיטוטקע. וואָס פרעגסטו?

גראַף. פערשטעהסט (פלוצלונג דערמאָהנענדיג זיך עפּעס). עהרען וואָרט, איך וויים איצט, וועמען דו דערמאָהנסט מיך. דאָס איז...

פראָסטיטוטקע. איך בין עהנליך צו אימיצען?

גראַף. מאָדנע, מאָדנע עהנליך. איך בעט דיך זעהר, רעד גאָרנישט, איין מינוט חאָטש... (קוקט זי אָן) אינגאַנצען דאָס זעלבע געזיכט, אינגאַנצען אָבער דאָס זעלבע (קושט איהר פלוצלונג אין די אויגען).

פראָסטיטוטקע. נו....

גראַף. עהרען וואָרט, נו, ס'איז אַ שאָד, וואָס דו... ביזט נישט קיין אַנדערע... דו וואָלסט געקענט זיך דיין גליק געפינען!

פראָסטיטוטקע. דו ביזט אינגאַנצען, ווי פראַנץ.

גראַף. ווער איז דער פראַנץ?

פראָסטיטוטקע. נו, דער קעלנער פון אונזער קאַפע־הויז...

גראַף. מיט וואָס בין איך דאָס עהנליך צו פראַנצ'ן?

פראָסטיטוטקע. ער זאָגט אויך אַלע מאָל, אַז איך וואָלט זיך געקענט מיין גליק געפינען און אַז איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען.

גראַף. פאַרוואָס טוסט'ס טאַקע נישט?

פראָסטיטוטקע. אַ שענעם דאַנק פאַר דער עצה... ניין, איך וועל אין קיין פאַל נישט חתונה האָבען. אַמאָל, אין אַ צייט אַרום—קען זיין.

גראַף. די אויגען... אָבער ריכטיג די זעלביגע אויגען... לולו וואָלט שוין געוויס געזאָגט, אַז איך בין אַ נאַר; איך אָבער וויל דיר פאָרט נאָכאַמאָל די אויגען אויס־קושען... אַזוי... און איצט אַדיעה, איך געה.

פראָסטיטוטקע. אַדיעה...

גראַף (בײַ דער טהיר). הער... זאָג מיר... דיך וואונדערט ע̄ גאָרנישט?

פראָסטיטוטקע. וואָס?

גראַף. וואָס איך וויל פון דיר גאָרנישט.

פראָסטיטוטקע. עס זענען דאָ אַ סך מענער, וואָס זענען אין דער פריה נישט אויפגעלויגט.

גראַף. נו, יאָ... (צו זיך). ס'איז נאַרעש צו וועלען, זי זאָל זיך וואונדערען... אַלזאָ אַדיעה... (בײַין טהיר שטעהענדיג). אײַגענטליך פערדריסט עס מיך; איך ווײס דאָך, אַז אַזעלכע פרויען מײַנען נאָר דאָס געלד... וואָס זאָג איך -- אַזעלכע... ס'איז גוט, וואָס זי פערשטעלט זיך ווענינסטענס נישט... דאָס דאַרף אַרויסרופען אַ צופֿ פֿריעדענהײַט... הער – דו ווײסט, אין גיכען וועל איך צו דיר ווידער קומען.

פראָסטיטוטקע (מיט פערמאַכטע אויגען). גוט.

גראַף. ווען קען מען דיר געפינען אין שטוב?

פראָסטיטוטקע. איך בין שטענדיג אין שטוב. דו דאַרפסט נאָר פרעגען אויף לעאָקאַדיע'ן.

גראַף. לעאָקאַדיע... גוט. נו, אַדיעה (בײַ'ם טהיר.) מיר מישט נאָך אַלץ דער ווײַן אין קאָפּ. אָבער דאָס איז דאָך העכער פון אַלץ... זײַן בײַ אַזעלכער... און גאָרנישט טאָן מעהר, ווי קושען איהר אין די אויגען... ווײַל זי דערמאָהנען מיך אימיצען... (זיך אומקעהרענדיג צו איהר) הער, לעאָקאַדיע, דאָס טרעפט דיר אָפט, מ'זאָל פון דיר אַזוי אוועקגעהן?

פראָסטיטוטקע. ווי?

גראַף. אַזוי ווי איך.

פראָסטיטוטקע. אין דערפריה?

גראַף. ניין... איך מײַן, צו ס"איז שוין געווען אַמאָל אימיצער בײַ דיר אַזאַ, וואָס האָט פון דיר גאָרנישט פערלאַנגט?

פראָסטיטוטקע. ניין, דאָס האָט מיך נאָך נישט געטראָפען.

גראַף. איז ווי ערקלערסטו זיך עס? מײַנסט אפשר, אַז דו ביזט מיר נישט געפעלען געוואָרען?

פראָסטיטוטקע. פאַרוואָס עפּעס זאָל איך דיר נישט געפעלען ווערען? ביינאַכט בין איך דאָך דיר געפעלען געוואָרען.

גראַף. דו געפעלסט מיר איצט אויך.

פראָסטיטוטקע. אָבער ביינאַכט בין איך דיר בעסער גע־פעלען געוואָרען.

גראַף. פאַרוואָס מיינסטו עפּעס אַזוי?

פראָסטיטוטקע. נו, וואָס פרעגסטו עפּעס אַזעלכע נאַרעשקייטען?

גראַף. ביינאַכט... הער, זאָג מיר, איך האָב זיך דען נישט אַוועקגעלעגט גלייך אויפן דיוואַן?

פראָסטיטוטקע. נו, פערשטעהט זיך... מיט מיר צוזאַמען.

גראַף. מיט דיר?

פראָסטיטוטקע. געווים, דו געדענקסט שוין גאָרנישט?

גראַף. הייסט עס... איך האָב... מיר זענען צוזאַמען...

פראָסטיטוטקע. און גלייך נאָכדעם ביזטו אַנטשלאָפען געוואָרען.

גראַף. גלייך בין איך... אַזוי... איז עס גאָר אַזוי געווען!...

פראָסטיטוטקע. יאָ, מיין טייערינקער. דו האָסט, ווייזט אויס, געמוזט גוט אָנגעטרונקען זיין, אויב דו געדענקסט גאָרנישט.

גראַף. אַזוי... און דאָך... ס'איז אַ ווייטע עהנליכקייט... אַדיעה... (הערט זיך איין) וואָס איז'ם דאָ?

פראָסטיטוטקע. דאָס שטוב־מעדעל איז שוין אויף. הער, גיעב איהר עפּעס ביי'ם אַרויסגעהן. דאָס טויער איז שוין אָפען, וועסט פערשפּאָרען געבען דעם דינער.

גראַף. גוט (אין פאָרהויז). ווי שען וואָלט עס זיין, ווען איך וואָלט איהר נאָר געהאַט די אויגען געקושט. דאָס וואָלט כמעט אַ ראָמאַן געווען... ס'איז מיר נישט בעשערט. (דאָס שטוב־מעדעל קומט צו און עפּענט די טהיר). אַה — דאָ האָט איהר... אַ גוטע נאַכט.

פראָסטיטוטקע. אַ גוטען טאָג.

גראַף. יאָ אמת טאַקע... אַ גוטען טאָג... אַ גוטען —

# נייעסטע אויסגאַבען פון אײנענעם פערלאַג.

## ביז זומער 1918.

---

גאָרין ב. די געשיכטע פון אידישען טהעאַטער, פון די אַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג. צוויי טויזענד יאָהר אידיש טהעאַטער. זעהר שעהן, און רייך אילוסטרירט מיט די בילדער פון אַלע בעקאַנטע דראַמאַטורגען און אַרטיסטען. מיט אַ ביבליאָגראַפישען ליסט פון אַלע פיעסען (פופצעהן הונדערט אין צאַהל) וואָס זיינען ווען עס איז געשפּיעלט און געדרוקט געוואָרען אין אידיש מיט די נעמען פון זייערע מחברים. אין צוויי בענד. שעהן געבונדען — — — — — — — — — — — — — — 2.00

גוטמאַן ה. (דער לעבעדיגער) אויסגעוועהלטע שריפטען אין 2 בענד:
באַנד 1 — אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.
באַנד 2 — אַזוי לאַך איך. הומאָרעסקען און סאַטירען. שעהן אַרויסגעגעבען — — — — 2.00

רימאַוו אַסיפּ. שמע ישראל. דראַמאַ אין דריי אַקטען. שילדערונג פון דעם אידען'ס שרעקליכסטע איבערלעבונג אין דער לעצטער צייט. דאָס ווערק, וואָס האָט דעם פערפאַסער בעריהמט געמאַכט — — — — — — — — — .20

ברױש. גאָב.

**הירשביין פּ ר ץ.** איבער אמעריקא. רייזע בילדער פון די נאָהענטסטע און ווייטסטע שטעדט און געגענדען. בעשרייבונגען פון די קוילען גריבער אין דער וועסט און די גאָלד־זילבער גרובען אין דער וויימער וועסט. בע־טראַכטונגען און איינדריקע, געשריבען אין אַ רייכע, לירישפּאָעטישע פאָרמע. אַ פּראַכט־אויסגאַבע — — — — — — — — — — — — — 1.00

**וואַינטש ע. ל.** דער שטעכעדיגער. ראָמאן פון דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָן אין 1848. דער ראָמאַן איז פול מיט לעבען און קאַמפּף. אַן אמת רעאַליסטישער ראָמאַן, וואָס שילדערט דעם טיטאַנישען קאַמפּף פון דאָס נייע וואָס ווערט געבוירען מיט דאָס אַלטע וואָס האַלט ביים פערשווינדען. אַ גאַנצע רייהע פון רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטען און טי־פען וועלכע די עפּאָכע פון דראַנג און שטורם האָט ארויסגעבראַכט. שעהן געדרוקט און גע־בונדען, גרויס פאָרמאַט — — — — — — — — 1.20

**טשירניג.** נאַכ'ן סטרייק. קאָמעדיע אין 3 אַקטען. אַ זעהר געלונגענע קאָמעדיע, וואו דורך לאַך און שפּאַס זעהט זיך ארויס די שרעקליכע לאַגע פון דעם אידישען קליין בירגער — — .10

**ליטעראַרישע ביהנע.**

אַ זאַמלונג פון אָריגינעלע אידישע טהעאַטער־שטיק מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

**מאַרק אַרנשטיין.** דאָס אייביגע ליעד. (אַ בילד פון ארבייטער לעבען אין איין אַקט).

בראָש. נעב.

**אַסיפּ דימאָוו.** שמע ישראל.
(דראַמאַ אין דריי אַקטען).
**ג. טשורגי.** נאָכ'ן שטרייק.
(קאָמעדיע אין דריי אַקטען).
**דוד פּינסקי.** אייזיק שעפטעל.
(ארבייטער דראַמאַ אין דריי אַקטען).
**יצחק קאַצענעלסאָן.** בחורים.
(קאָמעדיע אין איין אַקט).
**יצחק קאַצענעלסאָן.** דעקאַדענט.
(קאָמעדיע אין איין אַקט).
שעהן געבונדען אַלע אין איינעם — — — — — — .90

**קאַצענעלסאָן יצחק.**
א) בחורים. איין אַקטער.
ב) דעקאַדענטען. איין אַקטער.
די צוויי בעריהמטע איין־אַקטערס, וועלכע ברייננען ארוים דורך זייער הומאָר און שאַרפ־קייט דאָס איינזאַמע און אויך די לעבענסלוס־טיגע זייט פון בחור'שען לעבען.ביידע איין־אַקטערס צוזאַמען בראָש. — — — — — .20

**ראָמען ראָלאַנד.** זשאַן קריסטאָף. דער בעריהמטער ראָמאַנען־ציקל וואָס האָט גע־וואונען דעם גרויסען נאָבעל פּרייז פאַר לי־טעראַטור. דעם לעבענ'ס שעהנסטע פּאָעמע אין א פאָלשטענדיגער אידישער איבערזעצונג, אונטער דער רעדאַקציאָן פון דר. ק. פּאַרנ־בערג, אין 10 בענד. פּרייז פון יעדען באַנד, שעהן געבונדען, נעט — — — — — — — — .75
מיט אויסנאַהם פון באַנד 4 וואָס איז א דאָ־פּעל באַנד און וועט קאָסטען נעט — — — — — — 1.25

בראַש. געב.

ש ט י י נ ב ע ר ג  י ה ו ד ה. געזאַמעלטע שריפטען.
1) חסידישע מעשה'לעך.
2) אין יענע צייטען.
די שעהנסטע פּערלען פון דעם בעדיי־
טענדען קינסטלער — — — — — — — — — .90

ש נ י א ו ר ז. געזאַמעלטע שריפטען. ערצעה־
לונגען, ליעדער און דראַמען. ערנסט, געמישט
מיט לוסטיגקייט פון געזונטען רעאַליזם דורכ־
געוועבט — — — — — — — — — — — — 1.00

ש נ י צ ל ע ר א. געקליבענע שריפטען אין צוויי
ב ע נ ד. געבונדען.
1טער באַנד — שטאַרבען. פּסיכאָלאָגישער
ראָמאַן און אַנדערע ערצעהלונגען.
2טער באַנד — ליטעראַטור, קאַראַהאַד און
אַנדערע ערצעהלונגען און דראַמאַ־
טישע שריפטען — — — — — — — 1.50